STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02864

# IN SHAYN FUN BAGINEN

Chaim Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים שוואַרץ

# אין שיין פון באַגינען

פאַרלאַג 1968

## פון דעם זעלבן מחבר:

ערשטע בליטן (לידער) 1928, סט. לואיס, מא.

דער גרויסער געראַנגל (לידער) 1943, לאָס אַנדזשעלעס

אונדזער דור (לידער) 1950, לאָס אַנדזשעלעס

●

# IN SHEIN FUN BAGINEN

BY

CHAIM SCHWARTZ

LOS ANGELES, CALIFORNIA

1968

Printed in the U.S.A.

III



חיים שוואַרץ

רותין —

מיט ליבשאַפט

איך דאַנק האַרציק אַלע מיטגלידער פון חיים שוואַרץ בוך-קאָמיטעט און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. אַ האַרציקן דאַנק אַלע חברים און פריינט פאַר זייער וואַרעמער קאָאָפּע־ראַציע און דערמוטיקונג.

חיים שוואַרץ.

# מיין היים און מיין לאַנד

# אין שיין פון באַגינען

די זון מעקט אָפּ די שאָטנס פון דער נאַכט,
ווי שוואַרצע טינט־טראָפּנס, וואָס רינען;
און ווידער שטעלט די זאָרג זיך אויף דער וואַך
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען.

ערשט נעכטן האָב איך זי אַוועקגעשיקט,
געטראַכט: זי וועט מיך מער שוין ניט געפינען;
נאָר זי — געקומען איז צוריק
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען...

זי איז פון נאַכט־וואַנדער געקומען מיד,
צעשאַרט די טונקעלע גאַרדינען, —
און האָט ביי מיין צוקאָפּנס זיך צעגליט
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען.

זי האָט געגעבן מיינע וויעס אַ צענעם,
ווי זי וואָלט מער קיין שלאָף מיר ניט פאַרגינען;
האָט זיך מיין רו מיין שולדיקע פאַרשעמט
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען.

מיך אָנגענומען האָט זי ביי דער האַנט:
קום, לעבנס־פרייד פאַר אַלעמען געווינען! —
בין איך אַוועק מיט ליד מיינס איבער לאַנד
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען.

די נאַכט שטילט איין די שטראַלן פונעם טאָג
און שאָטנס הויבן אָן מיין ברעם פאַרשפינען...
איך וויים: זי וועט זיך אומקערן — די זאָרג —
אין שיין פון ראָזעווען באַגינען.

## דאָס וואָרט איז הייליק

נעם מיך אויף דיין צונג, פאַרזוך מיך;
פרואוו אוים די אור-קראַפט פון מיין שטאַם,
דעם בלעטער-אַראָמאַט
וואָס רינגלט מיך אַרום.

(עס האָבן דורות מיך געכאָוועט און געצערטלט
ביז איך בין מיט דיין מאַמעס מילך
אין דיין געביין אַריין).

מעסט מיך,
וועג מיך;
אויב כ׳פּאַס ניט פאַר דיין האַרץ-פאַרנעם, —
באַצווינג מיך ניט,
פאַרגוואַלדיק ניט...

אויב גאַרסט נאָך רו,
נאָר אומרו בושעוועט אין מיר, —
לאָז אָפּ!
אויב ס׳גוואַלדעוועט דיין האַרץ מיט אומגעדולד
און מיך צו מנוחה ציט, —
לאָז אָפּ!

אָ, היט זיך!
איך קען אַ פלאַקער-טאָן,
ווען דו נאָך שאָטנס בענקסט;
און איינהילן כ׳וועל דיך מיט סאַמעטענער נאַכט,
ווען דו באַגערסט די פלאַמענדיקע זון.

באַזעץ מיך צווישן ברידער מיינע
— ריי נאָך ריי —
דיין האָב-און-גוטס אין אונדזער אַרסענאַל באַהאַלט;
זאָל ענג אונדז אַלעמען צוזאַמען זיין,
נאָר פריי אַרומשוועבן זאָל איבער אונדז
דיין דיכטערשע געשטאַלט...

## וואו ביסטו נביא...?

וואו ביסטו, נביא,
אמת־זוכער, שלום־אָנזאָגער און שטראָפער
פון מיין אַמאָליק־קינדערשן תנ"ך?
עס שמאַרצן אויגן ה י י נ ט אין בענקשאַפט און אין האָפן,
נאָר זעען דיך ניט אויף דער וואַך...

איך האָב געזען אַ מ אָ ל דיך אין מיין דמיון:
אַ מילדער פיטערער פון רינדער
מיט פייפל־קלאַנג פאַרוויגנדיק דאָס פעלד;
מיט האַרץ און אויער פאַר די מורמלענדיקע שטימען
פון ווינט און בוים, פאַר טויבן־פלאַטער
איבער דיין געצעלט.

נאָר ווען ס'האָט רישעות אינעם קעניגלעכן טורעם
אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן גאָלד־באַצירטן אויבן־אָן,
האָסטו די גרונטפעסטן פון קעניגן געשטורעמט
און פייער־פלאַם געשליידערט אינעם טראָן...

עס האָט דיין קול אַרויסגעשאַלט פון שייטער,
פון תליה־קרייץ, פון לייבן־גרוב,
פון שניידנדיקער קייט;
עס האָבן הערצער זיך אין פלאַם דיינעם געלייטערט,
אין פלאַם פון דיינע שטראָפנדיקע רייד.

וואו ביסטו, נביא, ה י י נ ט,
דו, אמת־זוכער,
טראָגען־טרייסלענדיקער שטראָפער,
געקרוינטער העלד פון מיין תנכ'ישן אַמאָל?
פון שלום־וועג אַראָפּ
איז אונדזער לאַנד פון צ פ ו ן, —
נאָר ערגעץ שטומט דיין דונערדיקער קול...

האָסטו די לוחות פון לא תרצח
אין געהיים צעבראָכן?
מיט פייער־שלינגער זיך געגעבן תקיעת־כּף?
פון טעמפּלען דיינע שיקסטו זיי דיין ברכה
אויף חורבן און אויף אַש,
אויף אומקום פון באַשאַף...?

עס זיינען אויגן היינט
מיט פלאַם פון שייטערן פאַרלאָפן,
זיי ווישן אָפּ די שטערן פון דער נאַכט...
וואו ביסטו, נביא, מיט דיין אויסדערוויילטן וואָפן,
געזאַלבטער העלד פון דיין פאַרהייליקטן תנ״ך?

דער נעכטן איז אַוועק...דער שקר איז געבליבן, —
זיי דו, אַ פאַלק, דער נביא און פּראָפעט!
עס האָט די צייט אַליין דיך אויסגעקליבן
צו שטעלן אויף דער וואָך זיך איבער מידע שטעט...

שאַל אוים דיין צאָרן איבער קעפּ געקרוינטע,
אַז גליווערן זאָל האַנט פון טויזנטפאַכיקן פאַרברעך, —
ווי ס׳גליווערן די טרערן איבער קברים׳לעך באַוויינטע
און שרייען איבער ים׳ען נאָכאַנאַנד צו אונדז
אין שווייגנדיקע נעכט...

## זון איבער וואַלקנס

זע:
איבער הימל מאַרשירן היינט וואָלקנס,
מאַרשירן, ווי פרעמדע אַריינדרינגער־פאַלקן;
זיי ווילן די זון אין די הימלען פאַרשטעלן
מיט זייערע האַרבסטיקע, גרויע שינעלן...

רייסט זיך אַ זוניקער שטראַל דורך אַ שפּעלטל
מיט אָטעם מיט וואַרעמען איבער די קעלטן, —
טוען אַ יאָג זיך די כמאַריקע שדים
און אָנטאָן זיי ווילן אַ שקלאַפּישע קייט אים . . .

אָט רייסט זיך אַ שטראַל דורך אַ צווייטער, אַ דריטער,
מיט שמייכלען באַצירטע, מיט פריידן צעבליטע, —
באַלד שטרעקן די וואָלקנס אויס מייליקע צינגער
און ווילן זיי פאַנגען און ווילן פאַרשלינגען . . .

עס טראַכטן נאַראָנים: קיין זון איז ניטאָ מער,
ס'וועט אייביק זיך טראָגן דער האַרבסטיקער יאָמער:
עס וועלן אויף צווייגן פאַרוועלקן די בלעטער
און קומען וועט קיינמאָל דער זוניקער רעטער . . .

נאַר איבער די וואָלקנס, אין רוימען צעבלויטע,
שפּאַצירט פּאָרט די זון דאָרט, ווי אַלעמאָל, לויטער;
אַ טאָג וועט פאַרגיין און אַ צווייטער וועט קומען,
ס'וועט אָפּטרעטן האַרבסט מיט זיין פּראָסטיקן ברומען;

עס וועלן זיך שטראַלן צעשפּילן אויף שוועלן
און פייגל אויף צווייגן זיך וועלן צעטרעלן.
עס דאַרפן נאַר קומען די פריינטלעכע ווינטן
און אַלע פאַרפראָרענע קייטן צעבינדן;

צעבינדן, צעטראָגן, צעבלאָזן, פאַרטרייבן,
אַז ס'זאָל פון דער כמאַרע קיין זכר ניט בלייבן . . .

## היים און וועלט

פאַרן שטיקל ערד,
וואָס ווערט געקושט פון מײַנע טריט;
פאַרן שטיקל רוים,
וואָס בלויט איבער מײַן קאָפּ
און איז מיט שטערן־שטויב צעבליט,
אַ דאַנק דיר, וועלט,
פאַר דעם געשאַנק;
עס איז מײַן האַרץ ניט קאַרג
אין אויסזינגען צו דיר
מײַן תּפֿילה׳דיקן דאַנק.

פאַרן שטיקל ברויט,
וואָס אויף מײַן טיש
זינגט פרײדן־פֿול פון פעלדער־זעט;
פאַרן שינדל־דאַך,
וואָס שיצט פון שטורעם־ווינט מײַן שטוב
און מײַן בשותּפֿות׳דיקע בעט, —
אַ דאַנק אײַך, הענט,
פאַרהאָרעוועטע, ווילנדיקע צוויי,
פאַר מי — ניט־שפּאָרנדיק פאַרווענדט —
פאַר אָפּראַמען די נויט,
ווי ווינטערדיקן שניי;
אָ, שפּײַזער מײַנע ערלעכע,
איר, נאָכגיביקע פּאָר,
פאַרהאָרטעוועטע פון דער שטענדיק־מאָנענדיקער וואָר . . .
אַ דאַנק!

די פענצטער פון מײַן היים
אַנטקעגן וועלט זײַ שטייען אויפגעפּראַלט;
אַמאָל — די זון,
אַמאָל — אַ שטערן טוט אין זיי אַ שטראַל.

ס׳האָט אויך אַ שאָטן אָפּט
גיך לויפנדיק פאַרביי —
מיט דראָענדיקע נאַכט-פלעקן
געגעבן אויף דער פענצטער-שויב אַ שפּיי . . .

נאָר איך האָב ניט
אין שעה פון צער
מיין פענצטער צו דער וועלט
אַן אָנגעבּרוגז׳טער פאַרהאַקט;
פון האַרץ מיינעם, ווי פון אַ טויבן-שלאַק,
האָב איך מיין ליד מיין האָפנדיקס געשיקט
און האָב דעם צער דעם אייגענעם
מיט זון פון חבר׳שאַפט פאַרוויגט.

אָ, היים,
מיין רחבות׳דיקע היים,
און דו, אָ, וועלט,
פאַר׳כשופ׳טער אין-סוף, —
איר פיטערט מיינע טעג, ווי הונגעריקע שאָף,
און ס׳גייט מיין לעבן אויף צו להכעים יעדן בייז
און זינגט צו אייך
דאָס ברכות׳דיקע ליד
כּ י ט ו ב...!

# צוזאַמען

עס גלוסט זיך ניט שפּאַנען אַליין איבער וועגן,
באַגרים איך דאָ יעדן, וואָס קומט מיר אַנטקעגן, —

אויב יענער נאָר טראָגט ניט קיין שטיינער באַהאַלטן
און גרייט איבער מיר זיך ניט פּלוצלינג אַ פאַל טאָן . . .

מיין הארץ איז היינט אָפן; צו וואָס עס פאַרשליסן?
מיר וועט אויף מיין „ש ל ו ם!" דאָך קיינמאָל פאַרדריסן.

ס'קאָן זיין, אַז דער מענטש, וועמען איך האָב באַגעגנט,
האָט אויך זיך מיט שנאה שוין לאַנג אָפּגעזעגנט;

ער וויל ניט זי זאָל זיינע וועגן פאַרצאַמען,
די וועגן, וואָס פירן די מענטשן צוזאַמען.

וואָס פריער — איז בעסער! — איך שווער ביי מיין מאַמען —
אויב ניט — קאָן געשען נאָך, מיר זאָלן פאַרזאַמען . . .

## ס׳קען זיין...

ס׳קען זיין: כ׳בין געבאָרן מיט גלעזער מיט ראָזעווע,
כאָטש כ׳זע, ווי די וועלט גייט אַרומעט אַ באָרוועסע;

עס שטעכן די שטיינער מיט שאַרפן מיט שפּיזיקע
אין ווינטערס פאַרשנייטע, אין זומערן היציקע;

עס ציט זיך אַ סטעזשקע אַ רויטע, אַ בלוטיקע,
אויף וועלטישע שליאַכן צעכראַשטשעטע, ברודיקע,

און ס׳האַרץ שרייט מיט ווייטיקן פרעמדע און אייגענע,
תמיד געׄכופּל׳ט, לאַנגאָניק־פאַרצויגענע . . .

נאָר ווייזט זיך אַ רגע אַ טויאיק־קאַיאָריקע, —
הויבט זיך מיין פרייד אויף אויף שטאַפּלען צען־גאָריקע;

ווער איך אין מענטש און זיין מאָרגן אַ גלויביקער:
דורכשפּאַנען וועט ער די וועגן די שטויביקע;

דורכשווימען וועט ער די כוואַליעס די קאָכיקע;
ס׳וועלן אַ בליאַסק טאָן די פריידן ד ע ר נ אָ כ י ק ע;

אויב ניט פאַר דור מיינעם — צו־פרי געבאָרענעם,
צופיל געפּייניקטן (נאָר ניט־פאַרלאָרענעם),

וועט זייער שפע באַלוינען דערקוויקנדיק
די, וואָס אַ מאַמע פאַרשלעפּערט הײנט וויגנדיק . . .

. . . ס׳קען זיין: כ׳בין געבאָרן מיט גלעזער מיט ראָזעווע ,
גלויב איך: די קערנער די איבערגעלאָזענע

אויפבליען וועלן געוויס נאָך געראָטענע
איבער די סטעזשקעס די בלוטיק־צעטראָטענע...

## עס טרעפט . . .

עס טרעפט: דו בלייבסט אַליין ביז שפּעט,
דאָס האַרץ מיט אומרו ווערט פאַרצויגן, —
ווי ס׳וואָלט די שאַרף פון אַ באַגנעט
אַ בליאַסק געגעבן פאַר די אויגן . . .

די וועלט אין טעגלעכן געשפּאַן
זיך וויגט אויף ציטערדיקע שאָלן;
דער טאָג — אָן אימפּעדיקער באַן,
אין גרוים געאייל דורך נעפּלדיקע טאָלן . . .

דאָס האַרץ איז האַרץ, די צייט איז שטאָל
און שניידט אַריין מיט טויזנט שאַרפן;
דיר ווילט זיך שרייען אויפן קול
און זיך מיט פויסטן ערגעץ וואַרפן . . .

ביסט שוין ניט מער מיט זיך אַליין —
אַ גאַנצע וועלט דיר שטאַרצט אין פּנים;
וואו נאָר אַ טרער, וואו נאָר געוויין,
זיי קומען — מאָנענדיק — דערמאָנען . . .

## ווער לעסטערט היינט, אמעריקע, דיין נאָמען?

ס׳קאָן זיין: דעם גורל׳ס אַ קאַפּריז — ניט מער —
האָט מיינע טריט מיט דיינע שייד־וועגן פאַרפּלאָנטערט;
נאָר ס׳איז מיט איטלעכן יאָר־צענדליק אָט־די ערד
מיין הארץ געוואָרן אייגענער און נאָענטער.

ווי איינער זאַמלט־איין סוף־זומער און באַהאַלט
די ברויט־גערעטעניש אין זאַטן שייער,
האָב איך די יאָרן מיינע, אַ זעקם צענדליק באַלד,
צונויפגעזאַמלט און דערלאַנגט זיי דיר צושטייער . . .

מיין אויפגעוואַכטע פרייד האָט אָפּגעמעקט כמעט
חשבונות פריאיקע און נעכטיקע פאַרדאַכטן;
פאַרוואָרפן כ׳האָב מיין פעקלדיקן נע־ונד
און צוגעטוליעט זיך צו דיינע רואיקע פאַרנאַכטן.

ווי ס׳טרינקט די ערד דעם מאָרגנדיקן טוי,
האָב איך, אַ דורשטיקער, דיין חלום־שיין געטרונקען;
עס האָבן מיר גוט־ברודעריש, מיט היימישן פאַרטרוי,
די שטערן פון די הימלען דיינע צוגעוואונקען . . .

און ווען די שוואַרצע פעסטונגען פון נאַצי־שד
האָסטו, בשותפות מיטן מזרח־העלד, געשמעטערט, —
האָב איך נקמה־ליד געהייליקט מיט געבעט
און אויסגעזונגען עס צו די פאַרטרויטע רעטער.

נאָר איצט . . .
ווען פייערדיקער האָגל דיינער ברענט און בראָט
די לייב־און־לעבנס איבער פעלדער פרעמדע, —
ווער איז דער בייזער לעסטערער פון דיין געבאָט,
וואָס יעדן אות זיינעם רציחה׳דיק פאַרשעמט ער?

ווער איז דער פייניקער פון כאַטקעלעך פון שטרוי,
וואָס חוזק'דיק שווערט „טרייהייט" צו דיין נאָמען?
ווער שרפ'עט פרעמדע פעלד צוזאַמען מיטן טוי
און ווייקט אין בלוט די רייז-בייטן צוזאַמען מיטן זאָמען?

ווער פירט דיך, ווי אַ בופל-אָקס, היינט ביי דער צוים
אַלץ נאָענטער צו די פלאַקערדיקע ראַנדן, —
ווי נאָר דורך פלאַמען וואָלט דיין פרייהייט-טרוים
בעקאָנט אין לענדער, קייטן-רייסנדיקע, לאַנדן . . .

וואָס לאַקט דיין אויג, באַוואָסערט האָניקדיק דיין מויל?
און דיינע זעק, די קיינמאָל-אָנגעזעטיקטע, וואָס גאַרן?
די גומע און דער טונגשטיין, די וואַלד-ביימער און אויל,
וואָס שליידערן צוריק דעם האַנט-באַריר פון האַרן?!

באַגלייטסטו דיין יעדן „ליבע-כוס" מיט פלאַמיקן פאַרזיי, —
און ס'ענטפערט אָפּ מיט שפּאָט אַ יעדער בוים און בערגל;
דו ברענגסט צוריקוועגס אַ געוועטעניש — אוי וויי! —
פון מיטות און פון טרערן, וואָס בלוטיקן און ווערגן...

באַגלייט ווערט דיין „באַדויער" מיט נאַפּאַלמדיקן שטראָם
פון הימלען ווייטנאַמישע, פאַרשעמטע און פאַרשוועכטע, —
און ס'הילכט אין האַרץ אָפּ דער ניט-איינגעשטעלטער גיהנום-תהום
פון באַבי יאַר און אוישוויץ פונם אבל'דיקן נעכטן;

די דומפּע נאָכקלאַנגען, עס דאַכט זיך, פון מאַידאַנעק-גרויל;
די גסיסה-ווייען פון מיין פאָלק-שטאַם אין טרעבלינקע, —
ווי ס'וואָלט די אויסגעפוצטע טשוועקלדיקע זויל
אין די געדערים פון אַ פאָלק אַרונטערזינקען . . .

ביסטו דער נייער „ריטער", דער פאַרפאַנצעטער מיט רום,
אַ דורכגעפיבערטער מיט נייעם „דראַנג נאָך אָסטען",
און ביסט אויף יאַגד אַרויס און מיט געברום
אויף פעלקער, ווי אויף האָזן, זיך פאַרמאָסטן . . . ?

דער מסחר דער גרויס־פירמעדיקער בלוטיקט איבער ים:
אַ גאָלד־שטיק פאַרן אייגן זון
און נאָך אַ גאָלד־שטיק פאַר אַ וויעטנאַמער, —
און ס׳שרייט פון יעדן גרין־פּאַפּירל שפּיכת־דם!
און ס׳טרעפט מטבעה־קלונג אין האַרצן, ווי אַ האַמער!

אַ, לאַנד מיט שפּע׳דיקע רחבות׳ן געבענטשט,
מיט אָקעאַנען־וועכטער ביי די ברעגן, —
צעפּליקט ליגט היינט דער פּוץ פון דיינע שלום־קרענץ
אין הייסן זשאַר אויף וויעטנאַמער וועגן . . .

פאַרהאַלט די בייזע צוג־ווינטן פון חורבן און פאַרלענד
און ברענג די זין דיינע אַהיים, ווי פייגל צו די נעסטן;
נעם צו די קוילן־שפּייער און דערלאַנג זיי אין די הענט:
דעם האַמער און דאָס בוך — פאַר פרידלעכע פאַרמעסטן!

ראַם אויס פון האַרץ דעם לעצטן טראָפּן שרעק,
וואָס סם־המות׳ט דיינע בלוט־געפּעסן, —
און זאָל אַ וועלט ניט קליידן זיך אין אָבל׳דיקע זעק,
און זאָל דער „זיג" דעם „זיגער" ניט צעפרעסן . . .

דאָס האַרץ איז מיד פון שלום־פלאַפּלעריי,
ווען אויפן צינגל דריקט כסדר׳דיק דיין פינגער . . .
פון אָנגסטליכע געשפּענסטער טו זיך אַ באַפריי
און זאָל מיין האַרץ דיין מענטשלעכקייט באַזינגען!

עס זאָל דיין יונגער דור, מיט שולד־געפּעק באַשווערט,
אין פיין־נעץ, ווי אויף שטעכל־דראָט, ניט צאַפּלען;
די פרייד פון מי פיל־ברכות׳דיקער אויף דיין ערד
זאָל פריי און זוניק אויפשיינען אין זיינע רואיקע שוואַרצאַפּלען!

יאַנואַר, 1967

## שלום־טויבן

פון די דזשאַנגלס וויעטנאַמער
ביז די בערג־שפּיצן פון ציון, —
בלאַנדזשען שלום־טויבן
פון קאַיאָר ביז רויטער שקיעה . . .

אויסגעבאָדענע אין פלאַמען
מידע פלאַטערן די פליגל;
אויבן — בלוי . . . די ערד פון אונטן —
אַ געפּלאַצטער ריזן־שפּיגל.

וואַכע גליען טויבן־אויגן
בלוטיק־רויטע, ווי די שקיעות;
זיי אַליין אין הימלען בלויע —
שווימענדיקע פרילינג־קריעות . . .

ס׳גלוסט זיך נידערן אויף אָפּרו
צווישן אויפגעגרינטע צווייגן, —
שרייט די שרעק מיט שאַרפע קולות
פון צעשטעלטע פייגל־שטייגן . . .

. . . טוען זיך אַ מיש די פאַרבן:
רויטע שטערן, ווייסע פּאַסן, —
דאַכט זיך: בריקן זיך פאַרפלעכטן
איבער שריפה׳דיקע אַשן.

און פון דזשאַנגלס וויעטנאַמער
ביז די בערג־שפּיצן פון ציון, —
רעגנבויגנדיקע קוואַלן
אין די טויבן־אויגן גליען . . .

# שלום

איך זע אים, דעם הייל-מענטש — מיין אוראַלטן זיידן —
דורך ספרים דערקענט האָב איך לאַנג פון אַמאָל אים;
ער קערט זיך פון „יאַגד" און מיט הענט אויסגעשפרייטע
זיין ערד-הייל ער בענטשט מיט אַ פריידיקן „שלום!"

איך זע אויך מיין זיידן ביים ברעג פון בעריאָזע;
ער מעסט יעדן וואַלד-בוים מיט אויג מיט געניטן,
און פירט אים דערנאָך ביזן טייך-ברעג — צו לאָזן
צום דנעפּער אים שווימען געבונדן אין פּליטן...

איך זע אין געשפּאַן אים, ר' זושען, מיין זיידן,
און שווערער פון בוים איז פון לעבן דער עול אים;
נאָר תמיד אַ וואָרט אַזאַ וואַרעמס באַגלייט אים
און האַרץ זיינס באַפּרילינגט במחונ'דיק: „שלום!"

(דעם הייל-מענטש געשראָקן האָט וועלפישער צאָן נאָר;
אַ רויבער געדראָט האָט מיין זיידן אין וועלדער, —
נאָר היינט קומט דער טויט, ווי אַ גרוויזאַמער מאָנער,
און פעלקער אין טויט-מאַרש אַ שלעפּ טאָן באַפעלט ער...)

מיין טאַטע . . . מיין טאַטע . . . אַריינגעפּרעסט האָט ער
זיין חלום מיט אייזנס אין רעק און אין הויזן;
ס'איז, דאַכט זיך, זיין לעבן געווען, ווי אַ בלאַטער,
נאָר האַרץ האָט ניט אויפגעהערט קיינמאָל צו ברויזן . . .

און ביז ס'האָט דאָס לעבן מיט יאָכן און זאָרגן
געגעבן, ווי מילשטיינער, בייז אַ צעמאָל אים, —
געקוקט האָט ער גלוביק אין פענצטער פון מאָרגן
און יעדן, ווי טויבן, געשיקט האָט ער: „שלום . . ."

און איך . . . ווי מיין טאַטע האָב לאַנג שוין אין לאַנד דאָ
מיין היים אויפגעבויט און איך זינג מיינע לידער . . .
נאָר איך בייל די פויסטן און וואַרף זיי דער באַנדע,
וואָס גרייט זיך אַ שטורם טאָן די וועלט אין דער נידער . . .

וואָס גרייט זיך אַ כאַפּ טאָן אַ דור אַ געפּלעפּטן
און געבן אַ שליידער אין פלאַמיקן טאַל אים . . .
איך בייל מיינע פויסטן מיט גלויבן באַהעפטע
און דונער מיין רוף אויס, מיין מעכטיקסטן: שלום! . . .

## דער פרעמד-געבאָרענער

אַזוי פיל יאָר האָט ער געצערטלט היגע ערד,
אַז טאָג פון לאַנדן האָט ער שוין פאַרגעסן, —
ווי ס׳וואָלט נאָך קינדווייז אים געווען באַשערט
צו וואַקסן דאָ, ווי יעדן בוים און גרעזל.

און ליב האָט ער די ערד, וואָס ער באַטרעט,
ווי ס׳וואָלט אויף איר זיין מאַמע אים געבאָרן;
און צוגעטראָגן האָט ער צו איר זעט
דעם שוויים און מאַרך פון זיינע יאָרן.

ער האָט פאַרפלאַנצט דאָ-הי זיין אייגן שטאַם,
ווי ס׳וואָלט זיין וואָרצל דאָ אויף אייביק זיך פאַרגראָבן;
געדאַכט האָט זיך: דאָס האַרץ איז אומגעצאַמט
און טרוימען-קוואַל וועט קיינער ניט פאַרשטאָפן.

נאָר ס׳האָט אַ מאָדנער ווינט געטאָן אַ צופּ
די בלעטער און די נידעריקע גראָזן, —
און אָט — ער וויל שוין אומוואַרפן זיין שטוב
און אַלע טרוימען — חוצפּה׳דיק צעבלאָזן . . .

ער האָט דאָך ערשט געזונגען הויך דאָס ליד,
ווען ס׳האָט זיין לאַנד גע׳יובלט אין נצחון —
פאַרוואָס-זשע שפּירן בלוט-הינט איצטער זיינע טריט
און רייצן קעגן אים איעדן שכן?

און איבער יעדן וועג פאַרוואָרפענעם
מיט שפּיזן-פינגער נישטערן שלוחים:
פאַר זינד פאַר ניט געשטויגענע — באַשטראָפן אים,
פאַר אמת זוכן — שליידערן אַ פלוך אים!

ס'וועט קיינער ניט אָראָפּשלאָגן פון וועג
— פון גלייכן וועג — זיין גלוּביק האַרץ,
און לויפן וועט ער ניט אין דעם געיעג,
ווי ס'לויפט אין ווינט אַ בלעטל אַ פאַרדאַרטס . . .

ער האָט אויף אַלע לאַנד־וועגן זיין מי,
ווי יעדער פריערדיקער דור פאַרקנאָטן, —
איז ליבער אים די רחבות'דיקע הי,
ווי יענע, וואָס מיט שקר זי פאַרשפּאָטן . . .

זיין גלוּביק האַרץ איז פעסט, ווי אַלעמאָל,
און וועט דורך אַלע נעפּלען אים באַגלייטן;
ביז ס'וועט די זון אַ פלייץ געבן אין טאָל
און איבערשמעלצן גראַטעס־ווענט און קייטן . . .

1953

# דער וואונדיקער שראַם . . .

אַ דזשעט האָט די הימל־בלוי איבערגעשניטן
און ס׳רויכערט אין רוים זיך אַ וואונדיקער שראַם;
צי האָט דאָס אַזוי גאָר די שריפה צעגליט אים
מיט צייכן פון קינ׳ען פון וויעטנאַם?

דער שראַמיקער שאָטן אויף מיין האַרץ פאַרטונקלט
ווי ס׳וואָלטן אים האַרבסטיקע וואָלקנס באַדעקט;
ער שליידערט מיין רו איבער שטעכיקע דראָטן
און פלוצלינג פון תהום׳יקן שלאָף מיך צעוועקט . .

געשטרעקט איבער ים איז די האַנט פונעם צינדער, —
און ס׳ווערגן זיך שטיבלעך מיט רויך און מיט האַס . . .
איז טאַקע מיין לאַנד היינט פון בלינדע נאָך בלינדער
און זעט ניט דעם פולווער אין נאָענטער פאַס?

אָ, לאַנד מיינס באַליבטס! פון פאַר׳עקשנטן שטערן,
ווי וועסטו אַראָפּקראַצן בלוטיקן שראַם?
צי וואַרטסט ביז דעם גורל פון זיין און פון ווערן
פאַרזיגלען אויף ערד וועט אַטאָמישער סם?

דורך באַרגיקע הויכן און ים׳ישע שטחים
עס שפּרייט זיך דער רויך פון יסורים און צער;
פאַרוועלקן וועט בליעכץ פון פוסטן נצחון —
עס האָט די געשיכטע פאַר׳חתמעט דעם גזר . . .

# בען טרע

„עס איז נויטיק געווען צו פאַרניכטן
דאָס שטעטל בען טרע, כדי עס צו ראַטעווען".
(פון די צייטונגען)

בען טרע,
פייער דיין באַפרייאונג!
יובל איבער דיינע חורבות!
דאַנק די הענט
וואָס האָבן דיינע דעכעלעך און ווענט,
די כאַטקעלעך און געסעלעך אינאיינעם, —
מיט דינאַמיט באַרעגנט און פאַרברענט.

שפּרייט אויס אַ טעפּיכל אַ גרינעם איבער אשנדיקן מבול
פאַר די וועלקאָמענדיקע געסט,
און זינג אַ לויב־געזאַנג דעם פלאַמיקן מחבל
פון פייגל־ליד און פייגל־נעסט...
אַ, קני אראָפּ, אומדאַנקבאַרע בען טרע,
אין דיינע סמאַליענדיקע אַשן
און דאַנק דיין אויסלייזער,
דעם העלד פון גהינום׳דיקע שפּאַסן.

דו שווייגסט, בען טרע,
צע׳ממית׳טער בית עלמין...
נאָר ס׳הילכט דיין שווייגן
איבער יעדן ראַנד פון אונדזער ערד.
דיין קול איז קלאָרער פון דעם שונא׳ס שטאַמלען;
און וואו אַ מענטשלעך האַרץ נאָר קלאַפּט, —
ער ווערט דערהערט,
ער ווערט דערהערט...

## מײַן הײם און מײַן לאַנד

### 1

אָט דאָ איז מײַן הײם און אָט דאָס איז מײַן לאַנד,
און דרײַ צענדליק יאָר האָט מײַן טראָט דאָ געשפּאַנט, —
װי ס'װאָלט דער אַטלאַנטיק צעריסן דעם בריק,
װאָס פירט יעדע בענקשאַפט פון דאַנען צוריק . . .

אַ חיה, װאָס לױפט מיט איר קינד צװישן צײן, —
געלאָפן בין איך מיט מײַן יונג געבײן
פון שרעק און פון שריפות, פון הונגער און בראָך,
אױף פּלײצעס אױף יונגע — פון זקנים דער יאָך . . .

װי אַ צװײַגל, געטראָגן אין װינטן־געדרײ,
געגאַרט האָט מײַן יוגנט נאָך נײַעם פּאַרזײ,
ביז אַ פּאַקל פון װײַט האָט דײַן באָדן אַנטפּלעקט
און פאַריאָגט פונעם האַרץ די פאַרבליבענע שרעק.

געבענטשט האָט מײַן אױג יענעם בלױען פּאַרטאָג,
װען דײַן ערד האָט מײַן פוס־טראָט געגעבן אַ טראָג;
אַ הױב מיך געגעבן מיט אָרעמס פון שטאָל
און צוגעברומט שטאָלץ מיט איר זיכערן קול.

מיך האָבן דאָ װאונדער אױף װאונדער געפּלעפּט
אױף תמיד מײַן האַרץ מיט מײַן נײַ־הײם באַהעפט;
געדאַכט האָט: די זון האָט צופרידן געשטראַלט
און איטלעכער שפּאַן האָט מיט ברכות געקװאַלט . . .

און איך האָב מיט יונגע צעזומערטע טריט
געמאָסטן דײַן רחבות — פון שפּע צעבליט —
און שפּאַנענדיק אײַנגעזאַפּט טיף אין מײַן ברוסט
דעם דופט פון דער ערד און פון לעבן — די לוסט.

איך האָב, ווי אַ אינגל, געפּלאַטערט דערשטוינט,
און געפּליסטערט צו זיך: ס'האָט אוודאי געלוינט
דער לויף איבער לענדער, דער שניט איבער ים,
דער שפּרונג איבער ראַנדן — אַ צאַם נאָך אַ צאַם.

עס האָט צו מיין ניי־לאַנד פאַרטרויט זיך מיין בלוט:
איך ברענג אַ געשאַנק דיר — אַ לאָגל מיט מוט,
אַ לעבן אַ קוואַליקס, וואָס רייסט זיך פון קלעם,
אַ גלויבן נאָך ניט קיין געבראָכענעם — נעם!

און דו האָסט גענומען — איך וויים איצט גענוי —
מיינע דריי צענדליק יאָר, ווי אַ בינטעלע שטרוי,
און האָסט זיי פאַרקנאָטן, דורך טעג און דורך נעכט,
אין דיין ריזיק־צעגאָרנטן בנין־געפלעכט.

איך האָב דאָן מיין האַרץ אין עקשנות געשולט
געצאַמט, ווי אין קייטן, מיין הייסן געדולד,
און פעסט זיך געקלאַמערט אין שיין פון מיין טרוים,
ווי ס'קלאַמערט אַ בלעטל אַ גרינס זיך אין בוים.

2

אין צאַרטן געוועב פון מיין אינגלשער זעל,
צעפּאַסעוועט העל, ווי אַ פרילינג־געמעל,
(אַ ירושה־געוועב פון נביא'אישע רייד
פאַרהילטע אין נעפּל פון געטער־באַשייד), —

אַריינגעוועבט כ'האָב אין צעשטערנטע נעכט
דיין הייליקן שאַל־רוף פאַר מענטשלעכע רעכט;
מיין האַרץ האָט אַ דורשטיקס געצויגן די זאַפט
פון לויטערן קוואַל פון דיין יונגן באַשאַף:

געשפּייזט כ׳האָב צו זאַט זיך מיט „בלעטער פון גראָז״,
געוואָגלט אין „דזשאָנגל״ פאַרביטערט, פאַרלאָזט:
ניט איין נאַכט גענעכטיקט אין „פּעטער טאָמ׳ס שטיבל״, —
די פּיין האָט געדריקט מיך, די קנעכטשאַפט — געאיבלט.

געלעגן ניט איינמאָל, מיט פויסטן געפּרעסט,
אונטער „אייזערנעם קנאַפּל״ אין דרייסטן פאַרמעסט . . .
און טיפער פאַרוואָרצלענדיק זיך אין דיין ערד, —
האָב איך דורשטיק אַ זוניקן חלום גענערט . . .

דערשפּירט האָב איך אויך דעם צעפינקלטן גלי
פון צענדליקע דורות פון אידישער מי,
זינט לעווי׳ס דערהויבענעם, שטאָלצן געפּעכט
צו בויען זיין היים דאָ און קריגן זיין רעכט.

און צענפאַך פאַרשטאַרקט צווישן אונדז האָט דעם באַנד
די פּערזן פון לאַזאַרוס׳ טויאיק געזאַנג;
און עדעלשטאַט׳ס שאַל־רוף און באָוושאָווער׳ס פּערז
געפּעסטיקט מיך האָבן, ווי כוואַליעס — אַ פעלז;

און ראָזענפעלד׳ס שוויץ־שאַפּ, פון זון־ליכט פאַרשטעלט,
פאַרוועבט האָט מיט שאָטנס מיין בחור׳שע זעל . . .
נאָר טויזנט מאָל שטייפער פאַרקניפּט צווישן אונדז
האָט מיין טאַטע, מיין אייגענער טאַטע, דעם בונד.

ער האָט דאָ נאָך פאַר מיר, פון מאָרגן ביז שפּעט,
צושטייער געבראַכט צו דיין אָנלאַד פון זעט
זיין שווייסיקע מי ביי דער גליאיקער פּרעס,
וואָס האָט אים געהאַלטן אויף מאָגערער קעסט, —

ביז ס׳האָט אים די בענקשאַפט נאָך קינדער און פרוי
פאַרצערט, ווי אַ בוים אַ פאַרבענקטן נאָך טוי,
און אַנידערגעלייגט אין דיין ערדישער בעט
האָט ער איינזאַם זיין קאָפ מיט אַ שטילן געבעט . . .

כ׳האָב צוגעלייגט האַרט צו דער ערד מיין געהער
און פאַרנומען מיט יעדן צעפּאַל און צעשטער
דעם אומענדלעך־סימפאָנישן מאַרשן־גערויש
אויף דיינע געשלענגלטע וועגן, פון אימפעט צעברויזט, —

און צעלויטערט מיין האַרץ האָט דאָס גרויסע געזאַנג
און פאַרהיימלעכט אָט דאָ שוין אויף תמיד מיין גאַנג.

איך האָב צו די שטערן פאַרטרויט דאַן מיין סוד:
מיין לעבן איז מער ניט קיין הפקר׳דיק ראָד —
געדרייט פון אַ צאָרנדיק־האָרבסטיקן ווינט
אין פלאָנטער פון אומוועגן טאַפנדיק בלינד . . .

ניט מער איז אַ בלעטל אין שטורעם מיין קאָפ —
געשמיסן פון איטלעכן בלאָז אין גאַלאָפ,
ווייל דו האָסט פאַרכאַפט מיין צעפרילינגטן טראָט
אינעם גאַסן־געקרייץ פון דיין רוישיקער שטאָט.

געטראַכט האָב איך דעמאָלט: דער שטורמישסטער ווינט
וועט קיינמאָל צעשמעטערן אונדזער פאַרבינד,
ווייל פול איז געוואָרן ביז אייבערשטן ראַנד
דאָס האַרץ מיינס מיט ליבע צו דיר שוין, מיין לאַנד;

און איבערגעגאָסן, ווי ערד־זאַפט אין זאַנג,
האָט זי זיך ביז איצט אין מיין סטראָפן־געזאַנג . . .
ווי ס׳וואָלט שוין די וואָר מיט מיין טרוים זיך געקרוינט
און די מיזאַמע יאָרן, די דרייסיק, באַלוינט . . .

געשפּילט האָט די זון אויף מיין ליבסטערס געזיכט,
צעשפּיגלט אין קינדערשע אויגן איר ליכט;
דיין רחבות מיט שפע געוועזן איז באַצירט
און דאָס האַרץ האָט די פונקען פון תיקון דערשפּירט . . .

עס האָבן די שטערן פון ווייט אונדז געגריסט,
פון אויג האָט אַ ווינטל אַ טרער אויסגעווישט.

3

נאָר פּלוצלינג . . . אַ פויסט האָט געגעבן אַ שוועב
ביים הימלשן ראַנד, ווי אַ כמאַרע־געוועב;
פאַרשטעלן די זון האָט דעם פויסט זיך פאַרוואָלט
און אַ פאַנג־נעץ צעלייגט פאַר די שטראַלן פון גאָלד . . .

געטאָן האָבן נאַכט־שאָטנס בייז אַ באַפאַל,
ווי רויב־פייגל ערגעץ פון טונקעלן וואַלד,
פאַרוויקלט מיין שוועל און פאַרוויכערט די שויב
און מיין היים זיך פאַרמאָסטן צעברעקלען אויף שטויב...

(די טונקעלע נאַכט־שאָטנס — כ׳האָב זיי דערקענט
לויט די פלעקן פון בלוט אויף די האַריקע הענט;
לויטן אָפּגלאַנץ פון שריפות אין גלעזערנעם בליק
לויטן קנופּ פון געפלאָכטענע, הענקערשע שטריק...)

אָ, לאַנד, וואָס כ׳האָב דיך פאַר מיין היים אויסדערוויילט
און דריי צענדליק פרילינגס מיט דיר זיך צעטיילט, —
געטרוי מיר און גלויב: ווער די שרעק האָט צעבלאָזט
און אויף ליפּן אויף מיינע וויל אָנטאָן אַ שלאָס, —

אַ פיינט איז אונדז ביידן, אין ביידן ער צילט
די סמ׳יקע פיילן פון הפקר־געשפּיל;
ער וויל אונדזער ליבע־בונד געבן אַ שפּאַלט
מיט קלינעס פון שנאה, מיט שפּליטערס פון גוואַלד.

געטרוי מיר און גלויב: וואָלט איך ווידער באַדאַרפֿט
זיך געבן אין פֿלוצלינגן וואַנדער אַ וואַרף, —
כ'וואָלט אויפֿגעזוכט דעמאָלט — אויף וועגן צעגליט —
די שפּורן פֿון מיינע אַמאָליקע טריט;

און ווידער זיי וואָלטן געבראַכט מיך צו דיר,
צום פֿאַקל, וואָס צאַנקט איצט פֿאַרשעמט ביי דיין טיר;
און ס'וואָלטן די דריי צענדליק יאָר מיינע, גלויב,
מיר אַנטקעגנגעקומען אויף פֿליגל פֿון לויב;

און כ'וואָלט זיי געגריסט אַן חרטה-געברי
פֿאַר מיין יוגנט-געזאַנג, פֿאַר מיין פֿראַצע און מי,
וואָס אָנגעפֿילט האָבן מיט פֿריידיקער שיין
די לאַנגע מעת-לעת'ן, ווי לאָגלען מיט וויין...

אָ, היימלאַנד, ווער האָט דיך אין גליווער פֿון שרעק
אַזוי, ווי אַ לאַם, אין אַן אור-וואַלד פֿאַרשטעקט?
און ווער האָט די שטאָרן געגעבן אַ צי
און מיט פּחד די שויבן געגעבן אַ ברי?

ס'וועט אויפֿגיין די זון אויפֿן הימלשן ראַנד
און פֿאַרפֿלייצן מיט שיין יעדן טאָל פֿון מיין לאַנד;
אַ פֿלאַץ טאָן, ווי אייז, וועט דער שאָטן-געקלעם, —
ריים אַרונטער דעם פֿאָרהאַנג, די זון ניט פֿאַרשעם!

און זאָלן קיין שאָטנס
ניט שטערן מיין גאַנג, —
ווייל דאָ איז מיין היים
און דאָ איז מיין לאַנד!

1953

# אַ דאַנק

איר האָט דעם רוף נאָך הילף דערהערט
איר האָט געבראַכט מיט זיך געשאַנקען:
אַ האַרץ, וואָס יושר טיף באַגערט
און ווערטער דרייסטע און געזאַנגען.

איך זע דעם מוט אין אייער בליק,
עם לויכטן חבר'יש געזיכטער;
ס'ווערט שטייפער אונטער טראָט דער בריק,
ווען מיטן פאָלק מאַרשירט דער דיכטער.

ס'איז אייער צאָרן אין מיין ליד,
און אייער יאָך — אין מיינע פערזן;
ס'איז אייער גלויבן איינגעשמידט
אין האַרץ־געוועבן, ווי אין פעלזן.

אין אַלע זאָרגן דורך די טעג
נאָר איין פאַרלאַנג מיין האַרץ איז טייער:
איך זאָל מיין דיכטערשן פאַרמעג
דערלאַנגען אייך, נאָר אייך צושטייער.

**יאַנואַר, 1961**

# די שטאָט פון מלאכים

„די פייערן פון ניט־דערפילטקייט
ברענען אין יעדן שטאָט".
— דזשאן פ. קענעדי.

אַ, שטאָט פון מלאכים,
געזען האָט דער הימל, ווי דו האָסט געפלאַקערט
און זיך מיט די רויכיקע קנוילן געוואָרגן;
עס האָבן די פלאַמיקע צונגען, ווי בייזע קאָשמאַרן, געפלאַטערט
אין אָוונטן הייסע פון אָגוסט, אין בלאַסע, צעהיצטע פרימאָרגנס.

עס זיינען קיין פרעמדע חילות
דיין פרידלעכע ערד ניט באַפאַלן;
פון לענדער פון וויטע
האָט קיינער פאַרשטעלט דיינע היימישע שטערן;
עס האָבן סירענען אין צייט ניט צעשיקט
קיין סכנה־סיגנאַלן,
אַז בייזע אַריינדרינגער קומען דיין רו און דיין וואוילזיין
צעשטערן . . .

דאָס האָט אונטער טונקעלער הויט שוין פון לאַנג
זיך דער צאָרן געקליבן,
ווי ס'קלייבן זיך אין אונטערערדישע פלאַסטן פאַרבאָרגענע קוואַלן;
און ווען ס'איז קיין אָרט פאַרן אומרו
אין הערצער שוין מער ניט פאַרבליבן, —
איז ער אויף דיין מנוחה געפאַלן אין דיינע צעלויכטענע זאַלן . . .
עס האָבן אויף דיינע בולווארן און ראָגן
צופרידענע היטער
דורך גלעזער געשליפענע רואיקע בליקן געוואָרפן,
נאָר האָבן, ווי בלינדע, פאַרזען דעם געזאַמלטן הייסן געוויטער,
וואָס אונטער פאַר'חושכ'טע דעכער
ער שטיקט זיך, פון יאוש געטראָפן.

אַ, שטאָט פון מלאכים,
אויף מיילן צעשפרייטע ביים ברעג פון פאַסיפיק,
מיט „וואטס"'ישע כאַטעס,

מיט לופט־שלעסער־היימען אין בערג האליוואודער;
געמיינט האָסט:
עס וועט דאָ געדולדיק,
ווי שטענדיק,
זיך פּאָרן דער זיווג:

די ש פ ע און ד ח ק ו ת,
און היטן פון ש ט ו ר ע ם וועט שומר ביים רודער.

אַליין האָסט די געטאָ־פּאַרקלאַמערטע נעסטן געפלאָכטן
פון וואַנען דער פלאַמיקער פויגל
צעשפּרייט איבער דיר האָט די פליגל;
דו האָסט מיטן חלף פון שנאה געשאָכטן, —
נאָר האָסט ניט דערשאָכטן:
דו האָסט אים אין אַש און רואינען פון געטאָ־ווענט
ווידער פאַרריגלט...

ווי העלע מיראַזשן,
לאַנגיאָריקע צוזאָגן מאָנען און רייצן;
נאָר פּוסטע הבטחות,
ווי זייף־בלאָזן לופטיקע,

פּלאַצן, פאַרשווינדן.
ס׳קאָן ווידער דער רויך
דיינע הימלשע בלויען פאַרפלייצן, —
אויב ס׳וועט זיך דער חלום
מיט אמת מיט לויטערן היינט ניט פאַרשמידן.

אַ ברודעריש האַרץ
און ניט דער געפייף פון צעפּאַכטער דובינקע
וועט לעשן די פלאַמען פון דיינע פאַר׳יתומ׳טע כאַטעס.
אָ, שטאָט פון מלאכים,
עס לויפן די ווייזערס פון אונדזער יאָרהונדערט
נאָך גיכער און פלינקער,
ווי ס׳חלומ׳ען רואיק און זאַט
די ו ו י ל ש א י ר און ב ע ו ו ע ר ל י טאַטעס...

אגוסט, 1965

# פעטאלומא

צוקאָפּנס — די בערג פון סאָנאָמאַ,
צופוסנס — דער „רוסישער טײַך“;
ס'איז גוט אין דער מיט דיר, מסתמא,
באַשיצט זײַן פון בײדן צוגלײַך.

זײ רינגלען מיט חסד אַרום דיך
ביז זאַט ווערסט מיט זון און מיט טוי;
דורך יאָרן דורך גאַנצע און רונדע
דו פוצסט זיך אין גרין און אין בלוי.

געקרוינט האָט מען דיר מיט טיטולן:
דער „אײער-קויש“, „עפּל-קויש“, „װײַנטרויב-קויש“, —
ווײַל ס'הוידען זיך — שווערע און פולע —
דײַנע פּאַלעם פון שפע באַרוישט . . .

באַזאָרגסט מיט דײַן זוניקער שפע
די ווינקלען די ווײַטסטע פון לאַנד, —
אַ קײלעכדיק יאָר ווערסט זי טרעפן —
די פּרוכט פון דײַן מיזאַמער האַנט:

אויף מאַלצײַטן גלאַנציק-פּעטע,
אויף טישן פון זילבער און גאָלד;
און אָפט אויף אַ טישל פון ברעטער,
און אָפט — אין אַ בלעכענער שאָל . . .

דו גיסט מיט אַ האַנט מיט אַ ברײטער,
און ס'בענקט נאָך דיר טישל און טיש;
נאָר עמיץ אויף וואָגשאָלן בײדע
דעם אמת'ן חשבון פאַרמישט . . .

דערפֿאַר אפֿשר ברענען אין שקיעה
צוקאָפּנס סאַנאָמאַער בערג,
וואו צוגעמאַכט יונג האָט די וויעס
דיין זוניקער וואונדער־קינד דזשעק.

אַ האַלבן, צעברויזטן יאָרהונדערט
דאָ רוט זיין פֿאַרצערטער געביין,
און איטלעכער בוים דאָ באַזונדער
ביז היינט נאָך באַוויינט זיין פֿאַרגיין...

זיין „שטימע פֿון בלוט”, דאַכט זיך, צאַפּלט
אין „הויז פֿון די גליקלעכע ווענט”;
און אונטערן „אייזערנעם קנאַפּל”
די „ליבע צום לעבן” נאָך בלענדט.

עס וועלן נאָך יאָרן, אוודאי,
פֿאַרבייגיין אַראָפּ און אַרויף,
ביז וואַנען אויף פֿעלדער אויף זאַטע
אַ הילך טאָן וועט לאָנדאָנ׳שער רוף . . .

ביז דאַן . . . גיב דיין זעט, פּעטאַלומאַ,
צו ווינקעלעך ווייטע אין לאַנד;
באַגעגנט אַ גאַסט דיך מיט בלומען, —
צעעפֿן דיין האַרץ און דיין האַנט!

און איך בין מיט בלומען געקומען
צום באַרג און צום טייך און צום פֿעלד;
און צעבליט האָט אַ ליד אויף מיין גומען
ביי אַ היימישער חבר׳שער שוועל.

און הויך האָט די פֿרייד זיך צעזונגען
אַזש ס׳האָבן די ווענט זיך צערוקט, —
ווי ס׳וואָלטן די בערג זיך צעשוואונגען,
פֿאַר׳חידושט אַהער זיך פֿאַרקוקט . . .

גערדאַכט האָט: „רעדוואָדישע״ ריזן
פאַרבויגן די קרוינען צום דאַך,
און חבריש דאָ אונדז באַגריסן
אין וואַכזאַמער שעה פון דער נאַכט . . .

גערדאַכט האָט: דאָס „רוסישע טייכל״
האָט פּלוצלינג זיך כוואַליק צערוישט, —
פאַרבענקט נאָך איר שוועסטער, די וואָלגע,
און וויל פון די ברעגן אַרויס . . .

געקומען בין איך, פּעטאַלומאַ,
אַ שעפּ טאָן די פרייד פון דיין שוים;
איצט בליען אין האַרץ ביי מיר בלומען
און דאַנק־לידער קוואַלן אַרויס . . .

יולי, 1966

# דער שפּאַלירער־דיכטער

עס האָט די זון אַריינגעגאָלדיקט דורך די שויבן
און מיינע טרוימענדיקע ברעמען אויפגעריסן;
דערהערט האָב איך צוויי נאָענט־וואָרקענדיקע טויבן
דעם יונגן מאָרגן, שלום׳דיק באַגריסן.

דער פרישער אַנביים וואַרט געדולדיק אויפן טיש שוין
און ס׳ווינקט געטריי דער „מיטאָג" אין פּאַפּירן־זעקל, —
פאַרלאָז איך אַלע נאַכט־חלומות אויפן קישן
און נעם זיך צו דעם וואָכעדיקן פּעקל.

כ׳לאָד אָן מכשירים אין מיין קרעכצנדיקן אָטאָ:
דעם קליי־טיש און די פּיסלעך, דעם לייטער און דעם עמער;
עס האָפט דאָס האַרץ דער אַרבעט־טאָג זאָל זיין געראָטן,
אַ „פאַר־געזונט!" באַגלייט מיך, ווי אַ זמר...

עס פירט מיך דער פרימאָרגן אויפגערוימט און מונטער
דורך אויפגעוואַכטע גאַסן, רירעוודיקע ראָגן;
ווי פרי איך זאָל פון מיין געלעגער ניט אַרונטער, —
איז שוין די שטאָט מיט אימפּעטן צעטראָגן.

פאַרשוואונדן איז פון אויגן־דעקלעך לאַנג דער דרעמל,
עס הויערן אויף זיי שוין וואָכעדיקע לאַסטן;
עס עפנט פלוצלינג זיך מיין האַרץ אויף, ווי אַ רעמל,
און ס׳מאָלט דער דרויסן זיין געמעל דאָרט האַסטיק.

און אָט: בנינים רחבות׳דיק די וועג־זייטן באַצירן
אַרומגעגאַרטלטע מיט פּאַלמען, קיפּאַריסן;
אָט דאָ האָט דער פרימאָרגן קיינעם דורך די טירן
אין נויט־געיעגן ניט אַרויסגעשמיסן . . .

דער גאַס-גערודער ווייכט הכנעה׳דיק פון דאַנען,
די כוואַליעס זיינע ברעכן ערגעץ זיך אָן פעלזן;
עס יאָגט אַ שטאָט אויף שנעלע, רעדערדיקע באַנען,
נאָר ניט אַהער דערפירן זיי די רעלסן...

איך שלייך פאַרביי די ברייטע סאַמעטענע לאַנען
און וואונדער פלעמלט אויף אין מיינע גאַפנדיקע אויגן;
אויף יעדן מוסטער-בנין, וואָס איז דאָ פאַראַנען,
איז, ווי אַ פאָן, דער שטאָלץ פון מי אַרויפגעצויגן.

דער שטאָלץ פון בויער-הענט, וואָס פיבערן געניטע
פון סאַמע גרונט ביז די קרייץ-אַרטיקע אַנטענעס;
נאָר רו און וואוילטאָג האָבן דאָרטן איצט די שליטה,
פאַרצאַמט פונעם געבריל פון טויזנטער סירענעס.

און מיטאַמאָל צעקוויטשען לוסטיק זיך די זעגן
און ס׳פליען האַמער-קלעפּ, ווי בשורות אויפגעריכטע;
איך טראָג מיין מי דעם בוי-געטומל איצט אַנטקעגן, —
אַן אַנדער ליד וועט זינגען דאָ דער דיכטער:

אַ ליד פון שערל-שניט און קליי-בערשטל צעפּאַכטער,
אַ ליד פון פלינקן מעסער-שאַרף און אויסגלעט-רעדל, —
ביז יעדער קערפּער-טייל פון שנעל-יאָג אַ באַיאַכטער
אַרונטער ציט זיך, ווי אַ האַרבסטיק בלעטל.

איך נעם אַראָפּ פון זיך דעם ווייסן אַרבעט-יוניפאָרם,
ווי נאָכן תפילה-טאָן מיין טאַטע פלעגט זיין טלית;
ס׳האָט אויסגעברענט מיין טאָג היינט, ווי אַ מדבר-דאָרן,
נאָר אויפגעשטעלט האָב איך אַ ווענטל קעגן דלות.

עס פירט צוריק פאַרנאַכט מיך, ווי אין לויף-געוועטן,
אַן אויסגעהוילטן פון פרימאָרגן-פלאַטער;
עס שרייט מיר נאָך פון אויפגעקלעפּטע וועגט-טאַפּעטן
מיין טאָג, וואָס ליגט דאָרט הילפלאָז און פאַרמאַטערט.

ער שרייט מיר נאָך... פאַרגיטיקונג אָן אויפהער מאָנט ער,
פאַרלויפט דעם וועג מיר ביז די סאַמע פאָדער-שטיגן;
און מיטאַמאָל — פון טאָג-געווירבל און געפּלאָנטער
שטייגט אויף אין האַרץ אַן עכאָ פון אַ ניגון.

און ביז דער שלאָף נעמט רייטן איבער מיינע ברעמען, —
עס זינגט אַראָפּ שוין פון פאַפּיר מיין טאָג מיין אויפגעריכטער;
עס שאַלט אַריין אין נאַכט דאָס אומרואיקע קלעמען,
דאָס וואַכע ליד פון דעם שפּאַלירער-דיכטער.

## די טרער פון טרעבלינקע

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט. טיר און טויער — פאַרשלאָסן;
דער פאָרהאַנג — פאַרצויגן, די פענצטער — פאַרמאַכט . . .
נאָר זי איז אַריין און מיט טרויער פאַרגאָסן
די טונקעלע רו אין געמיטלעכער נאַכט . . .

ניט אויגן — נאָר ברונעמער פולע און טיפע
שטאַר קוקן פון ביינערנעם פּנים אַרויס,
און טרערן, ווי פונקען, זיי שפּריצן און טריפן
און פאַלן אַריין אין צעלעכערטן שויס...

די הענט אין דער הויך אַזוי פיינפול פאַרבראָכן,
איך הער זייער שאָרכן — אַ ביין אָן אַ ביין;
דער גוף איז אין גאַנצן צעוואונדיקט, צעשטאָכן,
פון איטלעכער וואונד שניידט אין נאַכט אַ געוויין . . .

דער פּחד פאַרגליווערט מיין צונג אויפן גומען,
מיין אומרואיק האַרץ זוכט און פאָרשט אַ באַשייד;
אין גרויליקער שטילקייט פאַרנעם איך אַ ברומען,
דעם גליאיקן ציטער פון טרעריקע רייד:

...מיין גוף איז אַ חורבה, מיין אויג איז אַ ברונעם,
פון תהום'ען פון טיפע עם קוואַלט און עם קוואַלט...
איך האָב אויף קיין רגע קיין ר[illegible] [illegible] געפונען
זינט ס'האָט אונטער מיר זיך דער קבר צעפּראַלט...

מיין קבר איז לאַנג שוין מיט גראָזן באַשאָטן,
נאָר כ'וואַנדער און וואַנדער און טריקן ניט אויס...
פאַרוואָס איז דעם מערדער נאָך אַלץ ניט פאַרבאָטן
אין פרידלעכע היימען אַריין און אַרויס...?

ער דרייט זיך מיט גאווה אַרום אין אַלייען,
ער פרעסט און ער זויפט נאָך און ווייך איז זיין בעט;
אין טאַנץ־זאַלן זיינע שטיוואַלעס זיך דרייען
און אויגן פאַרגלאָצט ער אין קירך אין געבעט...

ער גרייט זיך דאָך ווידער אויף שריפות און תליות,
ער גרייט זיך דאָך ווידער אויף פיין און אויף וויי;
דער טויט לויערט ווילד אונטער זיינע צוויי וויעס
פאַר נייעם, פאַר וועלטישן קברים־פאַרזיי...

איך טראָג מיינע טרערן פון גיהנום טרעבלינקע
און פול איז מיט זיי נאָך מיין נאַקעט געביין;
און ביז ס'וועט דער מערדער אין ערד ניט פאַרזינקען,—
וועל איך פון דיין האַרץ און זעל ניט פאַרגיין...

...די נאַכט איז צערונען. אויך זי איז פאַרשוואונדן;
געפלאַמט האָט אין חושך איר זודיקע טרער...
איצט ברענט אין מיין בלוט אָט די טרער אַזוי וואונדיק:
אָ, ווען וועט די שטראָף קומען?
שטראָפן וועט — **ווער...?!**

# אין רחמים בדין

(צום אייכמאַן־משפּט אין ירושלים)

עס דאַכט זיך נאַר, אַז ס'איז אַ מ ע נ ט ש,
וואָס ווערט אין שטייג אין גלעזערנעם געהיט;
אַז ס'איז דער מין, וואָס איז געבענטשט
מיט האַרץ־געצאַפּל, מיט נשמה־ליד.

עס דאַכט זיך בלויז...דאָס אויג נאַרט אָפּ...
שטעל אָן צעוואונדיקט האַרץ, ווי אַ שפּאַקטיוו,
און וועסט דערזען זיין וואָלפיש־ווילדן קאָפּ —
אַ זשעדנעם איבער בלוט־תהום'ען פאַרטיפט...

עס דאַכט זיך בלויז: ער האָט אַ מויל
און ליפּן פאַר די וואונדער פון דעם וואָ ר ט, —
ס'האָט דאָך פון אים גערעוועט הויך דער ג ר ו י ל
ביים איבערליפערן אַ פאָלק צום מאָרד.

עס דאַכט זיך בלויז, אַז פאַר געהער אַן אויער
עס שטעקט אַרוים פון קאָפּ זיינעם אַצינד, —
ס'האָט קיינמאָל אים דאָך ניט אַדורכגעבויערט
אַ מאַמעס קלאָג, אַ טויט־קוויטש פון אַ קינד...

צי זיינען דאָס אין פּרצוף זיינעם אויגן צוויי,
וואָס גלאָצן אונטער שטערן אין דער ווייט?
אַ ט ר ע ר ן ־ י ם אַ קוואַליקער מיט ווויי
ניט אָפּגעקערט האָט זיי דאָן אָן אַ זייט...

וואו איז די שטראָף פאַר יעדן גליד באַזונדער —
פאַר אויג, פאַר אויער און פאַר צונג אין מויל?
פאַר יעדן וואָרט, וואָס האָט אַ פאָלק פאַרוואונדעט,
פאַר יעדן בליק, וואָס האָט געשפּריצט פּחדנות'דיק מיט גרויל?

אויף וויפל שייטערן באַדאַרף אַ שד, ווי ער
זיך בראָטן און פאַרגיין מיט רויך:
פאַר אַלע טרויער-ליכט, וואָס וויינען אויף דער ערד,
פאַר אַלע טרערן-וואָלקנס אין דער הויך?

אַ, וויפל פון זיין לייב, אָ, וויפל הויטן
באַדאַרף מען אויפשניידן און שינדן:
פאַר אַלע גיהנום-דיקע טויטן,
פאַר אַלע ו ו י י - א ו ן - ו ו י נ ד ן?

אַזוּיפיל שאָטנס הויערן אַרום דעם שטייג:
פון זקנים, עופה׳לעך — געלייטערטע אין פלאַם...
עס שרייען אויגן-לעכער: נים פאַרשווייג!
און פויסטן ביינערדיקע דונערן: פאַרמשפּט און פאַרדאַם!

און פינגער — פייערדיקע פיילן — צילן אומגעדולדיק
אין פּרצוף חיה׳שן: א י ן ר ח מ י ם ב ד י ן!
און ס׳ענטפערט יעדער אַשן-שטויב פון קבר: ש ו ל ד י ק!
און נאָר אין שטראָף וועט קריגן אונדזער טויט אַ ז י ן!

אַ שיין-טאָן העל זאָל, ווי אַ לייכט-טורעם, די שטראָף
אַריבער דורות צענדליקע אַרום:
אַז צו דער שחיטה וועט אַ פאָלק ניט גיין, ווי שאָף, —
און דער פ ס ק - ד י ן וועט אויפזוכן דעם קוילער אומעטום...

# כ׳שטרעק אויס מיין האַנט צו דיר...

(געווידמעט די עמא לאזארוס פרויען קלובן)

## 1

כ׳שטרעק אוים מיין האַנט צו דיר
וואו דו זאָלסט ניט זיין,
אַ, שטאָלצע, קעמפנדיקע פרוי!
אַריבער הימל-קראַצנדיקע שטעט,
אַריבער ברייטע, כוואַליענדיקע אָקעאַנען, —
דיר שיקט אַ גרוס אַ פלאַמיקן פון דאַנען
אַ אידישער פּאָעט!

אַמאָל,
אין ערשטע, פאַרשנדיקע קינדער-יאָרן,
האָב איך געזען דיין ליכטיקע געשטאַלט
נאָר אין דער איינציקער און אומפאַרגעסלעכער:
אין מיין פאַרהאָרעוועטער און פאַרזאָרגטער מאַמען;
אין ענגע, גרויע, שטיבלדיקע ווענט
האָסטו אַרויסגעשטראַלט
פון אירע צוויי ברויט-קנעטנדיקע הענט;
פון אירע פלינקע, מידע זאָקן-צירעוונדיקע
פינגער;
פון די צעפּראַלניקטע, צעהאנגענע און שימערירנדיקע
וועש;

און פון דער קלאָרער שיין
פון אירע מילדע, טרויעריקע אויגן,
ווען זי האָט שבת-צייט פאַרטרוימט איר האַרץ
דעם אָפּגעניצטן צאינא-וראינא
און דעם פאַרטרערטן תחינה-בוך...

אין יענע צאַרטע קינדער־יאָרן
**אַנטפּלעקט** האָסטו זיך אויך
אין מיין ערשט־אויפגעבליטער, עלטסטער,
חנ׳עוודיקער שוועסטער;
אין אירע דרייצן אויפגעוואַכטע יאָר,
פאַר׳קנס׳טע צו דעם יאָך פון שניידערשער מאַשין;
און צו דעם פינגער־הוט,
און צו דער קיינמאָל־זאַטער,
שטעכנדיקער נאָדל...

## 2

אַנטפּלעקט האָב איך דיך אויך
— אין לאַנגע אָוונטן פון רבינ׳ס חדר —
אין דער, וואָס איז אין טאַנץ אַרויס
און אין איר ליד אַרויסגעזונגען
דעם נצחון פון איר פאָלק,
ווען ס׳האָט דער כנעני־שונא זיך פאַרמאָסטן
אויף איר לאַנד.
„...געפעלט עס האָבן פירער אין ישראל דאָן,
געפעלט,
ביז דו, דבורה, ביסט אויפגעשטאַנען,
אויפגעשטאַנען איז אַ מוטער אין ישראל...״

דאָס לעבן האָט אַרויסגעשטויסן מיך
פון די צערוישטע שטעטלדיקע געסלעך
און האָט מיין טראָט
אַריינגעשליידערט אין געווירבלדיקן קאָך
פון הימל־שפּאַלטנדיקער שטאָט;
עס האָבן האַריזאָנטן־גרעניצן געטאָן זיך אַ צעפּראַל
פאַר מיין נשתוממ׳דיקן בליק;
און וואָס געווען איז ערשט פאַרהוילן און פאַרדעקט,
האָט זיך אין העלער ליכט פון צייט
געגעבן אַן אַנטפּלעק;
און ס׳איז אַ שוועסטער מיר געוואָרן

ד י,
וואָס האָט אַ פרידלעך האַנט אַרויסגעשטעקט
צו יעדן אָנגעפּלאָגטן און פאַרפּאָלגטן אין געיעג
נאָך אַ בטחונ׳דיקן ברעג
פאַר זיינע בענקענדע חלומות
און פאַר אַן אָרט אַריינצופלאַנצן זיין פאַרמאַטערטן
געביין...

3

איך האָב אַ שוועסטער לייבלעכע דערקענט
אין דער מיט רום-געקרוינטער טאָכטער פון ישראל,
חנה סענעש;
און אין דער טאָכטער העלדישער פון וואָלגע-לאַנד,
די יונגע זאָיאַ;
און אין דער צאַרטער בלום פון אַמסטערדאַם,
דאָס וואונדער-קינד פון בוידעם-שטיבל-טאָג-בוך,
אַנאַ פראַנק;
און, ווי אַן אומפאַרלאָשן פאַקל איבער ים-כוואַליעס,
עס שטראַלט נאָך אַלץ דאָס לויטערע געשטאַלט
פון שפּניעס טאָכטער-פרוי,
לאַ פּאַסיאָנאַריאַ,
ווי דאַן,
אויף באַרצעלאָנאַ׳ס באַריקאַדן,
און הילכיק קלינגט נאָך אַלץ איר רוף:
„נ אָ פ א ס א ר א ן!״

ווי אויסגעוואַקסן איז דיין גלאָרייכע אַרמיי,
אָ, שוועסטער מיינע,
שטאָלצע, קעמפנדיקע פרוי!
אויף יעדן קאָנטינענט
איך זע אין דיינע הענט
די אייביק-זויבערע, די ניט-באַפלעקטע פאַן
פון דורות׳דיקן, העפטיקן געראַנגל
פאַר שלום און פאַר ברויט
אויף אונדזער איינגעשרונקטער ערד.

## 4

פון אומעטום איך הער, ווי ס׳טראָגט זיך דיין געזאַנג!
און דער געהילך פון דיינע צאַרנדיקע פרויען־טריט
אויף די פאַרברענטע רייז־פעלדער פון וויעטנאַם, —
באַהעפט זיך מיטן אויסגעפּלאַצטן אויסגעשריי
פון שוועסטער טונקל־הויטיקע
אויף גאַסן מיסיסיפּיער,
אויף ראָגן זשאַריקע פון וואַטס...

כ׳שטרעק אוים מיין האַנט צו דיר
וואו דו זאָלסט ניט זיין,
אָ, שוועסטער קעמפנדיקע מיין!
אַריבער הימל־קראַצנדיקע שטעט,
דיר שיקט אַ גרוס אַ פלאַמיקן פון דאַנען
אַ אידישער פּאָעט.

1967

## עס טאָר ניט געשען...

(געווידמעט די ראָזענבערגס
ערב זייער הינריכטונג)

דער טאָג איז אָן זון און די נאַכט איז אָן שטערן,
אין האַרץ קלאַפּט די שרעק, ווי אין וואַלד־טיף — דער העקער;
אָט באַלד וועלן זינלאָזע פלאַמען פאַרצערן
דעם צווייפאַכן קרבן פון פינצטערן שקר.

מיר וועלן אַרומגיין נאָכדעם מיט קאַשמאַרן,
ווי ס'וואָלט אַרום קעפּ אונדז דער פייער געפלאַקערט;
ווי ס'וואָלטן פיר אויגן פאַרוואונדערטע שטאַרן
און זייער „פאַרוואָס", אונדזער האַרצן צעאַקערט.

עס וועלן אונדז נאָכגיין פון איצט אָן און ווייטער
אין ענדלאָזן הימל צוויי בלוטיקע פלעקן:
זיי וועלן דערמאָנען אין גרויזאַמע שייטערס,
אין תפיסות פון געטאָס און כישוף־געיעגן...

עס וועלן אַרומגיין דערנאָך, ווי געקעפּטע,
צוויי קינדער אין צער איבער היימישע דילן;
ניט זיין וועלן די, וואָס אין שעה'ן דערשעפּטע,
מיט מעשיות פאַרוויגן, מיט צאַרטקייט פאַרשפּילן.

עס וועט אין דער שטילקייט פון נאַכט אונדז פאַרטויבן
דער מורמל דער לעצטער פון פלאַמיקער גסיסה,
און ס'וועלן אַריינקוקן טיף, ווי דורך שויבן,
די בליקן די לעצטע אין אונדזער געוויסן.

פאַרפלעק ניט, אָ לאַנד מיינס, דיין הימל דיין בלויען,
אין אויגן פון פעלקער פאַרשעם אונדזער דור ניט!
פאַרנעם דעם געשריי אין פאַרבליבענע שעה'ן:
עס טאָר ניט געשען,
אָ, עס טאָר ניט,
עס טאָר ניט!

## גוט איז אַ גאַסט פון דער ווייט צו באַגעגענען

גוט איז אַ גאַסט פון דער ווייט צו באַגעגענען,
חבר׳שע ליבשאַפט מיר טראָגן אַנטקעגן אים;

גוט איז צו זיצן צוזאַמען משפחה׳דיק,
יום־טוב׳דיק מאַכן אַ טאָג, וואָס איז וואָכעדיק.

גוט איז אַ ליד צו פאַרציען בציבור׳דיק —
ס׳פאַלן פון אַקסלען די לאַסטן, ווי איבעריק.

העלן אויף ווידער דאָן יאָרן אַנטרונענע:
טוען אַ שימער אויפסניי, ווי געפונענע.

יאָגן זיך שעה׳ן גיך איינס נאָך דער אַנדערער, —
דאַכט זיך: די יוגנט צוריק קומט פון וואַנדערן...

דאַכט זיך: די יוגנט שוימט ווידער אין אָדערן...
קומט, ווי אַמאָל, אויך אַט איצטער צו פאָדערן:

מעשים געוואַגטע, מחשבות דערהויבענע,
הערצער געלייטערטע, גלויביקע, זויבערע;

אמת׳ן לויטערע — זויבער־געשליפענע,
טויזנט־מאָל־טויזנט פון צייט אָנגעגריפענע...

...ווילט זיך אָן אויפהער אין חבר׳שאַפט פייערן
טעג נאָכאַנאַנד מיטן גאַסט מיטן טייערן.

קומט אָן די שעה, וואָס מיט אונדז וויל צעשיידן אים, —
קומען מיר אַלע מיט ברכות באַגלייטן אים;

דאַנקען פאַר מאַכן די וואָך־טעג אויס וואָכעדיק,
ווינטשן: צו זיין אין זיין שליחות הצלחה׳דיק;

צוזאָגן: ווידער אַמאָל זיך באַגעגענען,
ווידער מיט ליבשאַפט אַרויסגיין אַנטקעגן אים.

## נעמט מיט די גרוסן אונדזערע

(פאַר נ. און מ. גאַרפילד צו
זייער אַפּפאַר קיין אײַראָפּע)

איעדער טאָג דערנענטערט די נסיעה, —
אָט באַלד מיר וועלן בענקענדיק זיך שיידן;
זאָל אונדזער גרוס מיט אייך אַהין דערפליען,
וואו ס׳וואַנדערן די שפּורן פון די זיידעס...

ס׳איז יום-טוב׳דיק ביי די געגרייטע טישן
צעפינקלטע די אויגן שימערירן;
די האַרץ-וואונטשן מיט „פאַר-געזונט״ זיך מישן
און ס׳ווילן ליפּן נאָר מיט ליפּן זיך באַרירן...

ס׳האָט לאַנג אַזוי אַ וואונטש פון טיפן האַרצן
כסדר מילד און פרילינגדיק געוואַרעמט,
אַז ס׳זאָל דאָס פאָלק פון אָרנטלעכער פּראַצע
מיט זיג-קראַנצן אַרויסקומען געאָרעמט;

אַז, ווי אַ ים-פעלז הויך און אומדערשיטערט
זיין קאָפּ זאָל איבער כוואַליעס-שוים זיך הויבן, —
ביז אַלץ, וואָס האָט זיין לעבן-זאַפט פאַרביטערט,
דער שטורעם זאָל צעטראָגן עס, ווי שטויבן...

מיר האָבן אים אין שטורעם-צייט פאַרלאָזן,
אין חורבות און אין נאַקעט און אין ווייען, —
ווען ס׳האָט די פרייד פון שפּראָצנדיקע גראָזן
זיך אויסגעמישט מיט קרעכצנדע זאַווייען...

עס האָבן זיך ניט-וואַקלענדיק גע׳עקשנט
די טריט די יונגע פון דעם ערשטן זעקסטל, —
ווען שנאה פון אַרום געשמיסן האָט מיט שלאַקסן
און אינווייניק ניט איין שלאַנג האָט זיך נאָך געגעסטלט...

און מיר – די מיטשפירער געטרייע פון דער ווייטן —
געפרייט מיר האָבן זיך און שטומערהייט געציטערט:
עס זאָל די קיט די זשאָווערדיקע פון פאַרצייטן
ניט שלעפן אויף צוריק די אָנפאַרטרויטע היטער...

עס האָט אַן עכאָ אָפּט אַ קריץ געטאָן דעם אויער
ווי עמיץ וואָלט דעם גלויבן אונדזערן געלעסטערט;
נאָר דאָס געזאַנג צעשאָלטע פון די בויער
פאַרשטומט דעם פאַלשן טאָן האָט אין אָרקעסטער.

פון גלויבן-קוואַל געשעפּט האָט ער די קרעפטן
אַזויפיל בייקומען און הימל-הויך צו שטייגן;
די וואָר מיט טרוים מיט מענטשלעכן באַהעפטן, —
ווי פרוכט-קנאָספּן באַהעפטן זיך מיט צווייגן.

איז אָט... זאָל אונדזער אָפּשייד-ליד אייך איצט באַגלייטן
דאָרט, איבער אַלע אויסגעטרוימטע ערטער;
נעמט מיט די גרוסן אונדזערע, ווי קווייטן,
און אַלץ, פאַר וואָס מיר האָבן ניט קיין ווערטער...

## מיין אָנגעלייגטער גאַסט

די זון זיך נויגט צום מערב אַ צעפּלאַמטע
און טראָגט אַוועק מיט זיך טאָג׳ס שווערע לאַסט;
איך אייל אַהיים מיט טריט מיט אומגעצאַמטע, —
דאָרט וואַרט אויף מיר מיין אָנגעלייגטער גאַסט...

איך שפּאַן מיט אומגעדולד דעם שוועל אַריבער,
(ווי זיס אויף מיינע ליפּן איז מיין ליבסטערס קוש) —
און ס׳טוט אַ בלענד פאַר מיר מיין גאַסט מיין ליבער
מיט וואַרט פון אומעטום, פון אומעטום — אַ גרוס.

דעם אויפבּרויז פון ניו יאָרק, דעם גרויל פון מיסיסיפּי,
דעם רויש פון מאָסקווע און דעם קלאַנג פון תל־אביב, —
איך שלינג אַ דורשטיקער פון זיינע ליפּן,
ווי בשורות פון מיין מאַמעס פערלדיקע בריוו.

ער שפּרייזט אַריבער גרעניצן און לענדער
און טרעפט געננוי מיין אָרעמען אַדרעס, —
קיין רגע ניט אויף קליינלעכקייט פאַרשווענדט ער,
קיין וויכטיקס מיר דערציילן ניט פאַרגעסט.

ס׳האָט קיינמאָל אים די זון־היץ ניט פאַרהאַלטן,
ניט איינגעקאָוועט האָט אים נאָך קיין פראָסט,
און ס׳שאַדט אים ניט, ווען ברודיקע געשטאַלטן
דעם פּוילן אָטעם טוען זייערן אַ בלאָז...

אַזויפיל זאַווערוכעס ביטערע און שלאַקסן
געריסן האָבן זיינע האָפערדיקע טריט, —
נאָר ניט געבויגן האָבן זיי זיין אַקסל
און ניט פאַרשטומט זיין ברומענדיקע ליד.

גאַנץ אָפּט דערזע איך צאַרנדיקע פונקען
צעשפּריצן זיך פון זיינע קלאָרע רייד:
ווי יעדעס וואָרט וואָלט זיך אין פיין געטונקען,
אַ ווײ-געשריי וואָלט יעדן אות באַגלייט.

און אָפּט, ווי ווייטע האַמער-קלעפּ אויף קייטן
עס הילכט אָפּ דונערדיק זיין לייבן-קול,
און כ׳זע: אויף וועגן ערגעץ-וואו פאַרווייטע
צעפליקן פעלקער זייער דורות׳דיקן עול...

עס טרעפט: מיין גאַסט פאַרזאַמט זיך אינדערוואָכן,
דאַן ווייסט מיין אומרו ניט קיין גרענעץ און קיין מאָס, —
אַזויפיל שונאים לויערן אין טוכלע מאָכן
און ווילן אויף די ליפּן אָנטאָן אים אַ שלאָס...

ווי אָרעם וואָלט מיין שטיבל ווערן אָן זיינע מתנות
ווי טונקל — אָן דעם שיין פון זיין געזיכט,
פאַרטריבן וואָלט דעם שונא׳ס גיפטיקע לצנות
פון זון און שטערן יעדן ברעקל ליכט.

נאָר ווידער קומט ער אָן מיט „שלום"! אין די בליקן
און ווידער וואָרנט מיך וואו ס׳לאָקערט אַ געפאַר;
איך ווייס: ער וועט אַמאָל מיין האַרץ אַזוי באַגליקן,
אַז אויפלייזן וועט זיך מיין וואַכעדיקסטער צער.

די צייט איז קלוג. איר גאַנג איז שוין פאַרזיגלט,
עס איז דער מאָרגן מיט אַזויפיל פרייד פאַר׳קנסט...
איך אייל אַהיים זיך, ווי אויף אָדלער-פליגל —
עס וואַרט אויף מיר געטריי מיין אָנגעלייגטער גאַסט.

אַפּריל, 1947

## ניטאָ קיין האַרץ...

„איך האָב קיין האַרץ ניט היינט
צו לאָזן זיי (די נאַציס) הינריכטן".
(ריכטער באסטיאן)

אויב דאָרט, וואו אַ האַרץ דאַרף זיך הויבן,
גאָר נעסטיקט פאַרבאָרגן אַ שלאַנג —
וועט קלעקן רחמנות פאַר רויבער,
נאָר ניט פאַרן רויבערס געפאַנג.

אויב דאָרט, וואו אַ האַרץ באַדאַרף שלאָגן,
ליגט שווייגנדיק-טונקל אַ שטיין —
וועט דורכברעכן וועלפישער קלאָגן,
נאָר קיינמאָל ניט קרבנ׳ס געוויין.

דעם רויבערס געפאַנג איז ניטאָ מער —
זיין אַש-שטויב ווערט קוים-קוים דערקאָנט...
נאָר ס׳האָט ניט פאַרשטומט זיין געיאָמער,
וואָס הויערט אויף הויפּט-שטעט און מאָנט...

און ביז ס׳וועט אָן אָדער נאָך רירן
אין האַנט, וואָס געזייט האָט דעם מאָרד, —
וועט שלאָגן, ווי פויסטן אין טירן,
דאָס לעצטע פאַר׳גוסס׳טע וואָרט;

און וואָגלען, ווי שניי אין געוויטער,
וועט אומרואיק לעצטער געוויין —
ביז ערד וועט מיט עקל און ציטער
פאַרשלינגען דעם מערדערס געביין!

אַז מער זאָל זיין אויג ניט צעשטעכן
מיט חוצפּה דעם הימלשן בלוי;
אַז מער זאָל זיין טראָט ניט פאַרשוועכן
אויף גראָזן דעם לויטערן טוי...

1951

## שלום, שרייסטו...

(הקול קול יעקב והידים ידי עשיו)

שלום! — שרייסטו שיעור מיט טרערן,
נאָר דאָס וואָרט הילכט אָפּ פאַרקערט:
ס׳זעען צו די זון און שטערן
ווי אַ לאַנד פאַרגוואַלדיקט ווערט...

קאָנען פּוסטע רייד פאַרטויבן
אויפריים-קלאַנג און הילף-געשריי?
קאָן אַ וועלט צעוואונדיקט גלויבן,
אַז דער בלוט-שטראָם טוט דיר וויי?

אַז די קראָ מיט שאַרפן נעגל
איז אַ שטילע שלום-טויב,
און דער פלאַמיק-רויטער רעגן
אין אַ צאַרטער בלומען-שטויב?

וועמעס פעלדער פרעסט דער פייער,
וועמעס כאַטעס שלינגט דער פלאַם?
וועמעס טייוולשע כלי-זיין
שטעכט אין האַרץ פון וויעטנאַם?

אויסגעשטרעקט איז וויַיט דיין אָרעם,
וויַיט פון דיין נגידיש לאַנד;
פלאַנצסט דעם „פרידן״ דאָרט אויף קברים
און פאַרזייסט דיין קאָפּ מיט שאַנד...

שלום! — שרייסטו שיעור מיט טרערן,
נאָר די וועלט הילכט אָפּ פאַרקערט;
ס׳קוקן גרויליק זון און שטערן,
ווי דיין מויל דאָס וואָרט פאַרשוועכט...

1966

# דער אָפּגעבראָכענער צווייג

גענווידמעט דעם אָנדענק פון יוסף קאַראַבעלאַ

אין מיטן רוישנדיקן וואַלד,
פון זון פון ליכטיקער באַשטראַלט,
פון ווינטלעך לופטיקע געקעמט, —
שטייט אומבאַרירט אַן אַלטער דעמב.

די ערד אים שענקט איר זיסע זאַפט
און פילט זיין קערפּער אָן מיט קראַפט,
און פונעם הימל פליצט אַראָפּ
אַ ליכט, אַ פרידן אויף זיין קאָפּ.

געדיכט באַצירט מיט בלעטער־גרין, —
ער ווייסט שוין לאַנג פון גליק דעם זין:
אויף יעדן צווייג — אַ פויגל־נעסט,
און יעדן פרילינג — נייע געסט...

ווער ציילט די לויפנדיקע טעג?
די צייט — זי גייט איר לאַנגן וועג;
יאָר־איין, יאָר־אויס זיין שפּע בליט
באַגלייט מיט הילך פון פייגל־ליד...

ניט איינמאָל האָט אַ שטורעם־ווינט
צעטרייסלט שטאַרק זיין בוים־געזינט,
און ס'האָט אַ דונער מיט געוואַלד
פאַרטויבט דעם אומרואיקן וואַלד, —

נאָר איבער אים האָט יעדע נאַכט
אַ גוטער שטערנדל געוואַכט
און אויסגעהיט אים יאָרן־לאַנג
פון פייער־פלאַם און זעגן־קלאַנג.

נאָר איינמאָל... אַ לבנה-נאַכט
האָט דאָן געָ׳כישופט מיט איר פּראַכט;
עס האָט זיין קאָפּ דער אַלטער בוים
געטונקט אין זילבער-קלאָרן רוים;

און אין געפלעכט פון צווייג און בלאַט
— פאַרוויגט אין בלומען-אַראָמאַט —
אַ ווייסן חלום האָט געשפּינט
דאָס גרויסע פייגלשע געזינט. —

דאָן וויזט זיך פלוצלינג נישטיק-קליין
אַ וואָלקן, גרוי, מיט שאַרפע ציין,
און נעמט זיך בייסן גיריק-שנעל
לבנה׳ס זילבער-ווייסע פעל...

און ביי דעם וויטן ברעג פון וואלד
האָט זיך צעדונערט און צעשאַלט
אַ ווינט-געשטאַלט — דערצאָרנט, ווילד,
און נאָר אין אַלטן דעמב געצילט:

געבויגן האָט ער אים, געוויגט,
פון אַלע זייטן צוגעדריקט,
און האָט דעם הימל דורכגעקריצט
מיט בייזער שריפט פון העלן בליץ.

פאַרפלייצט דעם וואלד האָט — קאָפּ און שטאַם —
פון הימל-הויך אַ טרערן-ים...

און ווען אַריבער איז די בייז, —
געאָטעמט האָט די ערד מיט שוויים,
און פול מיט דורכזיכטיקן צער
דערזען האָט אַלטער דעמב דעם גזר:

געלעגן איז פאַרשטומט און שטיל
אַ צווייַג — אין מאַכן איינגעהילט,
אַ צווייַגן־קינד פון זיין געזינט,
וואָס אָפּגעבראָכן האָט דער ווינט.

פון צווישן בלעטער — גרין און פייכט —
האָט זיך די זון אַדורכגעשלייכט
און האָט אַ בינטל שטראַלן־ליכט
געלייגט אויף צווייַגעלעס געזיכט.

פון יעדן נעסט — פון בייז פאַרהיט —
געטראָגן האָט זיך שטיל אַ ליד
מיט פייגל־צער און פייגל־פּיין
אַנטקעגן מזרח׳דיקער שיין.

און טרערן־פּערל זוניק־קלאָר
געציטערט האָבן אין קאַיאָר
אויף יעדן אויסגעצוואָגן בלאַט —
מיט אומרו־פול, מיט שטורעם־זאַט.

און דאָרט — אין פלייש פון אַלטן דעמב
האָט פריש אַ וואונד נאָך אַלץ געקלעמט,
און טראָפּנווייז געטריפט פון וואונד
האָט טרערן־זאפט אין שיין פון זון...

1962

## אין טיפן צער . . .

געווידמעט דעם אָנדענק פון אברהם אַלקין

אין טיפן שניידנדיקן צער געבויגן
מיר שטייען, ווי פאַר׳יתומטע אָט דאָ;
פאַרלאָשן איז דאָס ליכט פון דיינע אויגן,
נאָר ס׳גלויבט זיך ניט, אַז דו ביסט מער ניטאָ.

אַ מוטיקער, אַ שטאָלצער און אַ דרייסטער
האָסטו פאָראויס אין קאַמף־רייען געשפאַנט,
און אין געראַנגלען ביטערע און הייסע
האָט אונדזער פאָן געפלאַטערט אין דיין האַנט.

עס האָט דיין גרויסע האַרץ מיט פעסטן גלויבן
געשלאָגן, ווי אַ לויטער־פרישער קוואַל;
דורך אַלע חושכ׳דיקע וואָלקן־שטויבן
האָט דיר די העלע מאָרגן־זון געשטראַלט.

דו האָסט געגלויבט און אונדז געלערנט גלויבן
אין פאָלק און אין זיין אומגעצאַמטער קראַפט, —
אַז ביז דער העכסטע הויך וועט זיך דערהויבן
די האַנט, וואָס בויט און ראַנגלט זיך און שאַפט.

מיר זיינען נאָך דיין רוף דעם מוטיקן געגאַנגען
מיט פ ר י י ה י י ט - ל י כ ט אַהין, וואו ס׳איז נאָך שוואַרץ;
און מיטאַמאָל — פאַרשטומט האָבן די קלאַנגען,
עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דיין גרויס און ערלעך האַרץ.

עס ברענען אין די אויגן אונדז די טרערן,
אַוועקגעלייגט האָט זיך אין האַרץ אַ שטיין, —
נאָר דו אַליין וואָלסט אונדז פאַרווערן
מיר זאָלן אויסברעכן אין אַ געוויין.

דו ביסט געפאַלן יונג אַזוי אין יאָרן
אין מיטן פונעם שטייגנדיקן וועג;
מיר שווערן היינט, ווי דו'סט אַמאָל געשוואָרן:
דערפירן אונדזער לאַנד ביז ליכטיקערע טעג.

מיר וועלן הייליקן דיין נאָמען אין זכרון
אין אונדזער יעדער קומענדיקער שעה;
אַ, חבר טייערער,
עס גלויבט זיך ניט: מיר האָבן דיך פאַרלאָרן,
עס גלויבט זיך ניט, אַז דו ביסט מער ניטאָ...

מאַי 18, 1953

# דער בעל־רחמים פון בערשאַד

**כאַוּוער־פאַוּוערן געהייליקט**

צעעפנט די פאַרמאַכטע שווייגנדיקע טאָוול,
אָ, לאַנדסלייט אומעטיקע פון בערשאַד,
און קומט און זייט אונדז היינט מנחם אָבל:
ס׳איז אייער שעפער שוין אַוועק
אויף אייביק־שטילן נע ונד...

און איר, לאַנג־אויסגעגרינטע קלינטאָן־סטריטער,
פאַרלאָזט דאָס פעלד פון שוואַרץ־פאַרשריבענעם פאַפּיר
און זעצט זיך צו מיט אונדז אין טרויעריקן ציטער:
ניטאָ שוין דער, וואָס האָט געזונגען אייך זיין שיר.

און איר, פון לעבנס אויפן וואָגשאָל מידע העלדן,
צע׳ממית׳טע קרבנות אין געראַנגלעניש פאַר גליק,
ס׳האָט אייער טאַטע, דער בעל רחמים, אייך געלאָזן מעלדן:
ער וועט זיך מער ניט אומקערן צוריק...

איר אויך, אָ, ליבע וואָוויקלעך און לאַבזיקלעך באַ׳חנ׳טע,
פאַרלאָזט די בודקעלעך און קוקט מיט פייכטע אויגן:
די צאַרטע, גלעטנדיקע האַנט ליגט איצטער אַ פאַרשטיינטע,
עס האָט די מאַמע ערד זיין פיין און אומרו אויסגעזויגן...

...די ספרים־טויערן צעעפענען זיך ברייטער,
אַ מחנה נאָך אַ מחנה שטעלן זיך אַרום.
און ס׳דאַכט זיך: מיט די פיינפולע באַגלייטער
ער שפּאַנט מיט וואונדער אין די אויגן,
שווייגנדיק און שטום...

# אין די בערג פון קאָרייע

עס צינדן זיך שריפות אין בערג פון קאָרייע,
דאָרט דונערט האַרמאַט אויס זיין העלישן ניגון;
עס פלאַקערט דער הימל און ברעכט זיך אין ווייען
און רויב־פייגל שטאָלענע וויגן אים, וויגן...

עס קוקן די בערג און דיביימער אַרונטער
און ס'טוען צעשפּליטערטע צווייגן אַ ציטער;
די פייגלשע פליגל זיך צאַפּלען פאַרוואונדעט,
ס'איז איטלעכער נעסט אַזוי רוצח'יש צעשפּליטערט;

די באַרגיקע זקנים צערודערטע שטוינען:
געלאַדן האָט ווער זיי, די ג ע ס ט פון דער ווייטן,
צו קומען מיט שווערד איבער זיי זיך צו קרוינען,
ווי שאַטנס פון ריטער פון אוראַלטע צייטן...?

עס שטוינען באַוועלדערטע בערג פון קאָרייע:
אַ יונג פון שיקאַגאָ, אַ בחור פון דענווער...
צי זוכן זיי דאָ אין די טיפע טראַנשייען
אויף זייערע יוגנט־חלומות אַן ענטפער...?

ס'האָט יעדער פאַרלאָזט דאָרט אַ מאַמע אין טרערן,
אַ שוועסטערלס פּנים פאַרשטאַרט אין אַ פענצטער...
און דאָ טוט זיין שותּף — דער טויט — אים פאַרצערן
און איטלעכן שטעגל מיט בלוט זיינס באַנעצט ער.

עס קוקן פאַרצאַרנט די בערג פון די הויכן:
ס'איז מוטער קאָרייע צעשניטן אויף העלפטן;
און ביידע פאַרוויקלטע זיינען אין רויכן
און בלוטנדיק בענקען — זיך ווידער באַהעפטן.

אוועק איז אַ פרילינג, אַ זומער אוועק איז,
און ווינטער נאָך ווינטער באַדעקט זיך מיט שנייען, —
פאַרביטערטע בענקען די חרוב'ע שטרעקעס
נאָך אַקער און לידער, נאָך שניטער און זייער.

עס בענקען די בערג נאָך די העלע פאַרטאָגן
אָן רויכן-געשטאַנק פון צעפּלאַצטע גראַנאַטן, —
אַז פריי זאָלן טויבן צום הימל זיך טראָגן
און קיינמאָל פון רויב-פייגל ווערן פאַרראַטן.

און אויב ס'וועט אַ גאַסט פון דער פרעמד זיך פאַרבענקען
מיט פרידלעכע טריט איבער זיי דאָ אַ שפּאַן טאָן, —
זיי וועלן די פריינטלעכסטע ווינטלעך אים שענקען
ווי ס'פּאַסט פאַר לאַנגיאָריק-געפּרואווטע גיגאַנטן...

1951

## וויפל איז דער זייגער היינט ?...

צי ווייסטו, וויפל איז דער זייגער היינט ?
עס פעלשט דאָך דער, וואָס פויזעט אויף דער וואַנט;
און דער, וואָס אויף דער האַנט, —
ער שלעפט זיך, ווי אַ פגר;
די צייט
מיט פוס-טריט שפּאַנט
פון אַ גיגאַנט!

דער זומער-טאָג איז מער ניט אַזוי לאַנג,
אַ האַרבסט-ווינט שאַרכט שוין צווישן בלעטער;
עס שאָטנט שוין,
און יעדער שאָטן-שלאַנג
זאָגט אָן:
ס'איז שפּעט...
און אפשר איז נאָך שפּעטער...

די שעה די קריכיקע איז ניט קיין שעה מער,
און די מינוט איז מער ניט קיין מינוט;
עס שלאָגט דער וועלט'ס צעפּייניקטע נשמה
מיט טויזנט קלעפּ
אין יעדן טראָפּן בלוט...

אין אַלץ איז היינט די שפּע אומגעהויער,
נאָר טויזנטפאַכיקער — דער וויעטנאַמער גרויל!
און ס'גרילצט דאָך יעדער וואָרט-קלאַנג פון באַדויער,
וואָס גליטשט זיך
פאַרמאַסקירט
אַרויס פון מויל...

עס פּייניקט אונדזער שלאָף דער מסחר'דיקער שוידער
פון נאָכאַנאַנדיק ציילן טויטע מענטשן-קעפּ, —
ווי ס'וואָלט דעם ציילערס פינגער זיך געהוידעט
ניט איבער מתים-בערג,
נאָר איבער בלומען-טעפּ.

עס הוידעט נאָכאַנאַנד זיך ציילערס פינגער,
עס וואַקסן הויך
פון פרעמדע און פון אייגענע די בערג...
און ביי דער זייט —
מיט טויזנט שפּאָט־און־חוזק צינגער
דער אַל־פאַרניכטער
— דער אַטאָמען־שד —
זיך ווערגט...

איז אָט די ערד פאַר׳משפּט, ווי אַן אינדזל,
אַרומצוקרייזן לעבנלאָז אין רוים?
אַ, וועלט,
פון אומעטום אַ הילך טאָן דער פּסק־דין זאָל:
די הענט אַרונטער פונעם ערדיש־צאַפּלדיקן
לעבן־בוים...!

# מיינע וועגן

אָבער און ווידער איך פּאָרש יענע וועגן,
וואָס איינגעזאַפּט האָבן ביז איצטער מיין גאַנג;
ווי ים־כוואַליעס, קומען זיי ברייטע אַנטקעגן
מיט זון און מיט שאָטנס, מיט מי און געזאַנג...

איך גיי לויט די צייכנס, וואָס איך האָב געלאָזן
און כ׳זיפּ, ווי אַ קאַרגער, די וואָכן און טעג;
מיט וואַכזאַמע פינגער געפין איך אין גראָזן
אויף לאַנגן מהלך אַ היפּשן פאַרמעג...

און פריינט אָנגעזאַמלט האָב איך דורך די יאָרן —
וואו זאָל איך געפינען צו זיי אַ פאַרגלייך?—
ס׳וועלט חבר׳שאַפט דאָך אין געראַנגל געבאָרן,
און איך בין מיט חבר׳שאַפט טויזנט־מאָל רייך.

עס ציטערט מיין האַרץ ניט מיט פוסטער חרטה
פאַר טעג ניט געראָטע, פאַר שלאָפלאָזע נעכט;
פאַר יאָרן, פון ביטערן שונא באַדראָטע, —
זיי האָבן מיין בלוט מיט עקשנות גענערט...

ניט זעלטן האָט מיך אויך מיט זוניקע רגע׳ס
און ליכטיקע שעה׳ען דאָס לעבן באַגליקט;
ס׳איז גרינגער דער גאַנג דאָך, וואָס קלאָרער דער וועג איז, —
האָב איך מיט מיין גורל זיך קיינמאָל געקריגט.

אָ, יאָרן פאַרשוואומענע ווייט פון די ברעגן,
איר, לאַנג־אָפּגעזעגנטע, ווייטלעכע געסט, —
געפירט כ׳וואָלט דען היינט אייך אויף אַנדערע וועגן
אין גרויסן, אַלוועלטלעכן ריזן־פאַרמעסט?

קומט איצט מיר אַנטקעגן, אָ, יאָרן צעזייטע,
מיט זון און מיט שאָטן, מיט מי און געזאַנג;
זאָל אייער גערויש מיך אויך ווייטער באַגלייטן,
ווי לאַנג ס׳וועט אויף ערד נאָך זיך ציען מיין גאַנג...

1966

# ער איז דאָך מיין שכן

מיין צאָרן האָב איך אין די פויסטן דערוואָרגן
און מיין שכן באַגריסט מיט אַ פרישן „גוט־מאָרגן!"
געדאַרפט האָב איך אפשר פאַרבייגיין אַזוינעם, —
נאָר ער איז מיין שכן, מיט וואוינען אינאיינעם.

ער האָט מיך אומזיסט, ווי אַן אכזר געזידלט,
אַליין זיך מיט מינע מיט פרומער באַקיטלט, —
נאָר איך האָב פאַרשוויגן די ווערטער געמיינע,
ווייל ער איז מיין שכן, מיר וואוינען אינאיינעם.

איך זע אויף די הענט זיינע האַרטע מאַזאָליעס,
מיט פחד דערשיטערט זיין ציטעריק קול איז —
ס'האָט עמיץ זיין מוח מיט שנאה צעבויערט, —
איז ער, ווי אַ שעפּס, וואָס אַ וואָלף אויף איר לויערט...

זיין בחור, ווי מיינער, אויף יענער זייט ים איז
און ס'עגבערט די בענקשאַפט צוויי שלאָפלאָזע מאַמעס:
דאָס פעסל מיט פולווער איז נאָענט און אָפן
און פונקען אַרום...ס'האָט ניט איינמאָל געטראָפן...

זיין בחור און מיינער. און עמיצנס פינגער
די פעדים די אויליקע ציען אַלץ פלינקער...
צוויי אינגלעך צו שיצן די אויליקע קרוינען
ביים תהום'יקן ראַנד דאָרט — צוויי נאָענטע שכנים.

פון דאָרטן ביז דאַנען — איין איינציקער שפּאַן נאָר,
און ס'ווילט זיך אַ הויב טאָן פון פרידן דעם באַנער...
האָב איך מיין פאַרדראָס היינט מיין שטילן דערוואָרגן
און כ'האָב אים, מיין שכן, דערלאַנגט אַ „גוט־מאָרגן!"

# אַ שלאָפלאָזע נאַכט

די אויגן מיינע — צוגעמאַכטע קוים —
צעשפּרייטן זיך מיט נאַכט-שאָטנס צוזאַמען;
ניטאָ פאַר זיי קיין אָפּהאַלט אינעם רוים,
ניטאָ אויף ערד-פלאַך גאָרנישט זיי צו צאַמען...

זיי פירן אין די ספערן מיך אַוועק
און כ'יאָג זיך וואָגלאָז צו די שטערן;
אַזויפיל סודות וועלטישע כ'אַנטפּלעק,
וואָס וועלן מיר,
דעם מענטש,
צום ערשטן מאָל געהערן!

מיין אויג ווערט אַנגעלאָפן, שטוינונג-זאַט,
און, ווי אַ וויין-בעכער, איז פול מיט וואונדער...
נאָר, ווי עס ציט די ערד צוריק דעם אַסטראָנאַט, —
דאָס האַרץ מיינס ציט מיך
פון דער הויך
אַרונטער.

איך טראָג זיך אויף צעפליגלדיקע הענט
אַראָפּ, אַראָפּ צו דעם פּלאַנעט, וואָס איז מיר ליבער,
ווייל ליבער זיינען מיר די שטיבלדיקע ווענט,
וואו טרוימען האָפערדיקע ווערן אויסגעפיבערט.

אַרום דער ערד עס גאַרטלט זיך מיין בליק
און וואָס עס זעט, פאַרקריצט עס אין זכרון!
צערייצטע פייער-צונגען ווילן שליידערן צוריק
אין מוטער-טראַכט
די צייט,
וואָס וויל אַזוי געבאָרן...

אַט זע איך שוין די ראַנדן פון מיין לאַנד,
דאָס פעטע דרום־לאַנד אַהינטער מיסיסיפּי;
די העלע זון דאָרט
קאָן נאָך אַלץ ניט
אויסברענען די שאַנד,
וואָס שוימט מיט ברודער־האַס אויף ווייסע ליפּן.

אַז ווינד איז דעם, וואָס בלינדערהייט
אויף קברים שפּאַנט
און אין געשיכטע־שריפט ער קאָן זיך ניט דערגרונטן, —
ער וועט זיך אָפּסמאַליען אין גורל׳דיקן בראַנד,
וואָס פלאַקערט אין צעשטורעמדיקע בונטן...

און ווי דאָס האַרץ, וואָס בויערט נאָכאַנאַנד
די אומגעצאַמטע הימלדיקע ספערן, —
וועט גרויסע פרייד אַדורכבויערן יעדן ראַנד
און אויסלעשן אויף פּנים׳ער די טרערן.

עס וועלן ביידע ברעגן פון דער מיסיסיפּי
אַ קלאַפּ טאָן „בראַוואָ״! כוואַליעדיק צעברויזט;
און ס׳וועט די זון צעקושן אירע ליפּן
און שפּיגלען וועלן זיך די שטערן אין איר שוים.

ס׳וועט רואיק־זיס דאַן איינצערטלען די נאַכט
מיט אירע סאַמעט־פליגל מיינע ברעמען;
און ס׳וועט די פרייד, וואָס שקיעה האָט געבראַכט,
דעם ליכטיקן פרימאָרגן ניט פאַרשעמען.

## גיב ניט קיין מעסער...

זיין פּנים איז כיטרע און קונציק פֿאַרשלייערט,
זיין העלם איצט פּוסטעוועט שטום אויף דער וואַנט;
נאָר זע: די רציחה אין אויג איז צעפּייערט...
שטעק ניט קיין מעסער אַריין אין זיין האַנט!

דאָס בלוט אויפֿן מעסער נאָך מורמלט אין יאָמער,
דער שאָטן פֿון קרבן אויף קברים נאָך שפּאַנט;
דער מערדער איז דאָ, נאָר דער קרבן — ניטאָ מער...
שטעק ניט קיין מעסער אַריין אין זיין האַנט!

עס האָבן פֿיל פֿרילינגס אויף קברים געבליט,
נאָר טויזנט מאָל רויטער בליט אַלץ נאָך די פּיין, —
און ס'טופּען שוין ווידער די מערדערשע טריט...
שטעק ניט קיין מעסער אין האַנט אים אַריין!

דעם קרבנ'ס געביין האָט פֿאַרזיגלט די ערד,
די וואונד איז פֿאַרבליבן אַן עדות צו זיין;
אַז ווי איז צו דעם, וואָס דעם רוף ניט דערהערט:
שטעק ניט קיין מעסער אין האַנט אים אַריין!

## עס דאַכט זיך אָפּט...

עס דאַכט זיך: ס׳איז דאָס לעבן אַזוי פּשוט,
ווי בוים, ווי גראָז, ווי שטומע ערד אַליין;
אָט ווי דאָס פעלד, וואָס יעדן האַרבסט ווערט אָפּגעקאָסעט
און יעדן פרילינג בליט אויפסניי מיט זעלבן חן.

עס דאַכט זיך אָפּט: דער סוד פון זיין און ווערן
איז גאָרניט סודות׳דיק, ער הויערט אויבן-אויף, —
ווי מענטשנס פּלי אין קאָסמאָס צו די שטערן
און ווי די ערד אין אָרביטישן לויף.

אַזויפיל שלייערס האָבן אונדזער וואָר פאַרוויקלט
פון בראשית׳דיק-פאַרהוילענעם באַשאַף!
און ס׳האָט אַ יעדער דורות׳דיקער ציקל
אין זוכעניש אַ ר ו י פ ג ע ק ו ק ט  פאַרגאַפט...

געוואַנדערט האָט דאָס אויג נאָך יעדן בלאַסן רמז
אין אייביק-קרייזלדיקן נע-ונד;
און מיטגעוואָגלט אַ געפּענטעטער האָט  א מ ת
פאַר׳משפּט אויף אַ צופעליקן גנאַד.

און דאָך: פון אַלץ איז ערד-מענטש צוויבערהאַפטער,
מיט אַלע אור-מעלות באַלאָדן און געקרוינט;
און פלאַטערט ער נאָך היינט מיט פיין אַן אָנגעזאַפטער, —
זיין האַרץ מיט לעבנספרייד וועט ווערן דאָך באַלוינט:

פון אַלץ, מיט וואָס ער איז אַרומגערינגלט:
פון בוים און גראָז און ווינטיקן געשפּיל,
פון אויג-בליקן מיט חבר׳שאַפט צעפינקלט,
פון עלטער, וואָס דערגאַנגען איז צום ציל.

און פּשוט וועט דער שלום אויסשפּרייטן די פליגל
און אָפּווישן די טרער פון ערדישן געוויין;
ווי איבער צאַרטן עופה׳לע אין וויגל
אַ מאַמע שפּרייט איר בראשית׳דיקן חן.

**1965**

# ניי־יאָר לידער

## 1

ביים סאַמע סוף פון זומערדיקע וואָכן,
ווען אויפן שניטער וואַרט דאָס רייפע פעלד, —
איך שיק דיר פון דער טיף אַ ניי־יאָר ברכה,
פיל אויסגעפּרואוווטע, בענקענדיקע וועלט.

ווי אָנגעלאָדן ס'איז מיט גאָלד פון ווייצן
אַ יעדער העלער זון־געקוּשטער זאַנג, —
איז יעדע האַרץ — אויף אַלע וועגן־קרייצן —
מיט האָפענונג אויף שלום'דיקן גאַנג.

אַ פיינפול־טומעלדיקער יאָר פאַרביי איז
מיט אויפגעדעקטע אָפּגרונטן פון צער, —
ווי ס'וואָלטן אינעם האַרץ צערייצטע סטאַיעס
געגעבן אַלע טירן אַ צעשפאַר...

עס אַרט מיר ווייניק, וואָס אָן שפור פאַרפאַלן
אין עבר ווערט דער אויפגעלייזטער יאָר,
נאָר ס'אַרט מיר, וואָס עס וועלן מער ניט שטראַלן
אַזויפיל העלע שטערן פון מיין דור...

עס האָט מיין אויג פאַרקוקט זיך אין די רוימען,
געציטערט אַ פאַרגאַפטער, ווי אַ קינד;
און ניט דערבליקט, ווי אין געשפּיל פון טרוימען,
געטאָן האָבן די שטערן אַ פאַרשווינד...

עס איז מיין צונג ניט צוגעוואוינט צו שילטן,
— ס'איז גרינגער געבן עמיצן אַ בענטש —
נאָר זאָל מיין קללה איצט כאָטש איינמאָל גילטן
פאַר רשעות סמ'יקער פון מענטש צו מענטש.

פאַר די, וואָס זיינען גרייט געווען פאַרצוקן
מיין ברודערס גליק אויף יעדן זיג־זאַג קער,
פאַר די, וואָס האָבן מיט געפעלשטע פסוקים
גע׳טובל׳ט זייער שפּיז אין ברודערס טרער...

מיר גייען דיר אנטקעגן, ראש־השנה,
מיט וואונדיקע, מיט אָפּגעבריטע טריט, —
נאָר האַלטן, ווי די טייערסטע מתנה,
דעם הייסן שלום־רוף פון דעם פּראָפעט, דעם איד.

ווי ס׳גרינען בלומען דורשטיקע און זויגן
אַ טראָפּן נעץ, וואָס טוט אויף זיי אַ פאַל,
מיר גריסן היינט מיט נייגערפולע אויגן
פון ווייטסטער ווייט אַ יעדן פרידן־שטראַל.

און הערצער אונדזערע — ווי פעלדער פאַרן רעגן —
פאַר בשורות ליכטיקע זיי זיינען גרייט;
און האָפערדיק מיר שפּאַנען זיי אַנטקעגן
דערפרייטע, וואָס דער אַלט־יאָר שוין פאַרגייט.

דער הימל בלויט נאָך אַלץ אין זומערדיקע וואָכן,
און אויפן שניטער וואַרט נאָך אַלץ דאָס רייפע פעלד;
און ווידער זינגט צו דיר מיין האַרץ אַ ניי־יאָר ברכה,
פיל אויסגעפּרואווטע, בענקענדיקע וועלט.

ראש השנה, 1956

## 2

צוזאַמען מיטן בלעטער־פֿאַל פֿון גאָלד
און מיטן לעצטן הייסן זומער־אָטעם, —
באַוויזסטו זיך אויף לאַנקע און אין טאָל
צו ציען פֿון דער צייט דעם רויטן פֿאָדעם.

די שווערע צוועלף־חדשים׳דיקע לאַסט
פֿון ראַנגלעניש, פֿון נידערן און שטייגן, —
זי ליגט ביי דיינע פּיס, געוואַגטער גאַסט,
אין טומל און אין דונערדיקן שווייגן.

זי ליגט, די לאַסט, ביי דיינע יונגע פּיס
מיט אַלערליי געווינסן און פֿאַרלוסטן;
זי איז ניט בלויז דעם גורל׳ס אַ קאַפּריז —
נאָר פֿול מיט זאַפֿטן טערפּקע און מיט גלוסטן.

מיר האָבן זי גע׳ירשנ׳ט ניט פֿון היינט, —
עס זיינען דאָרט יאָרהונדערטער פֿאַרבאָרגן;
און איצטער רייסן זיך פֿון איר געביין,
ווי עפּל רייף, די ליכטיקסטע פֿרימאָרגנס...

איז זיי געגריסט, געוואַגטער גאַסט תשכ״א,
און שטאָלץ אויף שלום־פֿליגל ווער געטראָגן!
דו ביסט אַ קינד פֿון אַ יאָרהונדערט אָט אַזאַ,
וואָס האָט געענוג אין טרערן זיך געצוואָגן.

געצוואָגן און געלייטערט זיך אין פּיין,
ווי טרוקן פֿעלד אין זומערדיקע היצן;
זאָל אויפֿגיין איצט דער רעגנבויגן־שיין
אויף אַלע קאָנטינענטן דיך צו גריסן.

און מעג אַ ניט־פֿאַרגינער מיט געשפּאָט
דעם הימל־וועג פֿאַרצאַמען, ווי מיט קייטן, —
ס׳קלינגט איבער האַרמאָניע פֿרימאָרגנס טראָט
און פֿעלקער אים באַגעגענען זיך גרייטן.

1960

## 3

אַ זעץ געטאָן האָט אַלט־יאָר מיטן טיר־שלאָס פון דער וועלט:
דעם גורל זיינעם אָפּגע׳חתמעט און פאַרזיגלט;
זיין אימפּעטיקער שוואונג האָט שיעור די זון פאַרשטעלט
מיט הייסן אָטעם זיינעם
און מיטן פלאָם פון זיינע פליגל...

אַ צוועלף־חדשים׳דיקער זקן,
געפּאַנצערט גולמ׳דיק מיט שטאָל,
מיט בליציקן ראַקעטן־פּלי אין אומדערבליקטע רוימען, —
האָט שיעור אויף שטויב אויף גיפטיקן געגעבן אַ צעמאָל
די קנאַספּן מיט די וואָרצלען,
דעם מאַרך פון אַלע טרוימען...

געגעבן האָט ער פון דער ערד־פלאַך זיך אַ ריס
און מיט לבנה בלאַסער גרייט זיך צו צעקושן, —
און דאָך...
מיין האַרץ מיט שרעק געגעבן האָט זיך אַ פאַרשלים
פאַר זיינע אָנגעלאָדענע אַטאָמישע מלבושים...

פון אונדזער בלענדנדיקער זון די וואונדער־קראַפט
אַריינגעזאַמלט האָט ער פעסט
אין דונערדיקע הויפנס, —
און דאָך...
געשטאַנען בין איך ציטערדיק פאַרגאַפט:
ס׳האָט עמיצער זיך קריגעריש פאַרכלינעט און באַזויפן...

גענוג מיט פחד זיך געוואָרגן!
ניט ווילד, ווי אין אַ וואַלד
אַרומגיין זאָל דער נ י י ־ י אָ ר דראָענדיק, צעשויבערט, —
נאָר אָפּווישן זאָל ער מיט זיין צעשמייכלטן געשטאַלט
פון אַלע טרויעריקע שויבן יעדן שווידער.

פאַראַן איין ערד־קוגל פאַר אַלעמען, ניט מער,
נעם איבער בירושה אים איצט, נײ־יאָר;
דערטראָג צו ש ל ו ם אים, צום אייביקן באַגער,
און זאָל דאָס האָפנדיקע האַרץ
אַ זינג טאָן פרייער...!

יאַנואַר, 1963

## 4

כ׳האָב לאַנג מיין וועג שוין אויסגעקליבן,
ווי ס׳קלייבט דער פויגל אויס זיין וועג אין הימל-בלוי;
נאָר ער — פון בלינדן ווינט ווערט אָנגעטריבן,
און איך — ווייל כ׳האָב דאָס לעבן ליב אַזוי.

איך ווייס, וואָס ס׳מיינט אַ פּוסט-פאַרשעמטער טעלער,
אַן אויסגעקרימטער שיכל און אַ זויל, —
ווען הינטער הויכע פענצטער גייען בעלער
און קעגן פראָסט — פון פוטערוואַרג אַ קנויל...

אין גסיסה — אַ צעלעכערטער פון קוילן
עס צאַפּלט זיך אַ מענטש-קינד אויפן פעלד, —
און ערגעץ-וואו אין זאַלן טוען זיך די גרווילן
אויף ווענט און טישן ג אָ ל ד י ק אַ צעהעל...

איך ווייס, ווי שיין עס קאָנען בליען די קאַיאָרן,
ווי גאָלדיק ס׳קאָן זיך וויגן רייפער ווייץ;
ווי זוניק ס׳קאָנען בחור׳ישע יאָרן
צעפינקלען זיך פון יונגפרויאישער רייץ.

אָ, צויבער פון אַ פּאָר פאַרליבטע אויגן,
אָ, ליד אויף מאַמעס ליפּן ביי איר אוצר אין דער וויג!
אָ, יאָרן זקנ׳ישע, וואָס פּ ו ל ע זיך פאַרנויגן
מיט שפע אָנגעקליבענער, מיט אָפּקלאַנגען פון זיג!

מיין שלום-וואונטש איך שיק אַריבער קאָנטינענטן
דורך כמאַרעס-גרוי, דורך פלאַמענדיקן רויך;
צעריים די קייט, וואָס האַלט די וועלט אין פענטן, —
און גרייך צו די, וואָס דאַרפן דיך אַזוי!...

1965

# ווען איך זע: אַ חבר קלייבט זיך...

## 1

ווען איך זע: אַ חבר קלייבט זיך
אין אַ וועג אַ לאַנגן, ווייטן, —
גלוסט זיך מיר מיין שטילן צימער
אויף אַ שיף, צי באַן, פאַרבייטן;

זיך אַ לאָז טאָן מיט די ווינטן,
מיט די שטורעמס זיך צעהוליען —
זאָל צו אַלע גרויסע וואונדער
דאָס פאַרבענקטע האַרץ זיך טוליען.

זאָלן מיינע אויגן רוען
אויף צעגרינטע בערג און טאָלן,
און אויף דענקמעלער, וואָס זינגען
פון פאַרשוואונדענע אַ מ אָ ל ן...

ס׳וואָלטן פליגל מיך געטראָגן
איבער ווייטע שטעט און לענדער, —
פון די שאָטנס — אַ פאַרזאָרגטער,
פון דער זון־ליכט — אַ פאַרבלענדטער.

כ׳וואָלט מיין לייב געטונקט אין ירדן,
אין דעם שפיגל פון כנרת;
ס׳וואָלט מיין האַרץ פון פרייד געציטערט
אַ געדריקטס פון עפּעס שווערעס...

כ׳וואָלט געשפּאַנט מעת־לעת׳ן גאַנצע
איבער תל־אביב׳ער ראָגן
און פאַרגאַפט געקוקט אויף אידן —
פון דער וועלט צונויפגעטראָגן;

פון די לאַגערן און געטאָס,
פון די בונקערס און די גריבער, —
פון דעם שונא׳ס שאַרפֿן חלף,
פון דער וועלטס מלחמה־פיבער;

אויסגעשניטענע פון לענדער,
אויסגעוואָצלטע פון ערדן,
שווער־באַלאָדענע מיט אַנגסטן
פונעם היינט און פונעם נעכטן...

יעדער איינער מיט זיין חלום
פון אַ ווינקעלע אין פרידן,
אויפֿדאָסניי די קייט פון קיום
דאָ אויף ניי־ערד רואיק שמידן.

כ׳וואָלט דעם צער דערקאָנט אין אויגן,
אומרו־פונקען אין די בליקן,
און דעם קוואַל פון טרויער־טרערן,
וואָס די צייט נאָר קען דערשטיקן...

און דער חלום? — וועט ער קומען
סוף־כל־סוף דעם וועג באַהעלן?
וועט זיין פוס דער נע־ונד׳ניק
דאָ אויף באָדן פעסטער שטעלן?

וועט דער וועכטער אויפן טורעם
די געפאַר אין צייט דערשפירן
און דאָס פאָלק פון מידע זוכער
צו דעם שלום־ברעג דערפירן...?

גרייט בין איך דאָ שטיין און גאַפן
אין געאייל פון טעג און וואָכן,
וועט דער מאָרגן אים באַגליקן
מיט די פרוכטן פון נצחון...?

## 2

נעם איך מיר מיין אָרעם פּעקל
און געלאָזט אין וועג זיך ווידער, —
מיט דעם ציטער טיף אין האַרצן,
מיטן קוואַל פון מיינע לידער.

איבער גרעניצן און ים'ען,
איבער אַלטע שטעט אייראָפּעס,
ביז די מזרח-זון באַגילדט מיך
מיט צעבליטע שטראַלן-סנאָפּעס.

ניט קיין פאַרהאַנגען קיין שווערע,
ניט קיין אייזן-ווענט קיין דיקע, —
שטעט און דערפער, ווי ביי לייטן,
אייזנבאַנען, טייכן, בריקן...

אָט באַגריסט מיך שוין די ווייסל
מיט איר שוימיקן געפּליסטער,
ווידערקלאַנגען איינגעשטילטע
פון די יאָרן פון די וויסטע...

כ'שטיי געדולדיק, קאָפּ געבויגן,
ביי די געטאָ-ווענט פון וואַרשע;
אי דעם חורבן, אי די גבורה
האָבן מיר פון זיי גע'ירש'נט,

ווען אַ רעשטל פון גבורים
האָט פון פיינט געריסן שטיקער,
אויסגעמאַטערטע פון ליידן,
פון נקמה-פייער — שיכור.

כ'וואָלט געשטאַנען ביז די גבורה,
ווי דער ווײַן, וואָס שוימט אין בעכער,
אויפגעשוימט אין האַרץ וואָלט לויטער
מיטן אָנזאָג דעם גערעכטן:

ניט פֿאַרגעסן, ניט פֿאַרגעבן,
אין די קומענדיקע דורות,
ביז דער סם פֿון בייז וועט ווערן
אויסגעוואָרצלט מיטן שורש.

כ׳וואָלט דעם אָנזאָג מיטגענומען,
ווי די טייערסטע מתּנה,
און מיט פֿלאַמענדיקע אותיות
אים פֿאַרקריצט אויף מיינע פּאָנעס!

3

טראָגט מיך ווייטער, דמיון-פֿליגל!
כ׳בין פֿון אייער קראַפֿט געפֿאַנגען;
כ׳האָב דערשפּירט די לוסט פֿון וואַנדער
און דעם כּישוף פֿון געזאַנגען.

כ׳וואָלט געשפּילט זיך מיט די כוואַליעס
פֿון דעם דניעפּער און דער וואָלגע,
כ׳וואָלט לאַנג-יאָריקע פֿאַרלאַנגען
איצט געוואונטשן אויסצופֿאָלגן.

ווי אין הימל זילבער-וואָלקנס,
וואָלטן מיינע טעג געשוואומען,
ביז איך וואָלט אין מיין געבורט-אָרט,
אין בערעזין, אָנגעקומען.

כ׳וואָלט געווען אַ גרויסער בעלן,
צווישן פֿעלדער צווישן גרינע,
זיך אַ וואָרף טאָן אין די אָרעמס
פֿון דער קלאָרער בערעזינע.

עך, דאָס טייכל ביי מיין שטעטל,
אייביקער געטרייער חבֿר,
האָסט ניט איינמאָל פֿון מיין האַרץ
אַראָפּגעשווענקט דעם צער, ווי זשאַווער.

און אין גראָף פּאָטאָצקים סעדער
וואָלט איך פריי אַ שפּאַן געגעבן!
בלויז אַריינצוקוקן דאָרטן
אויסגעגאַנגען איז דאָס לעבן...

...וואָס מיר הויף און וואָס מיר טייכל? —
כ׳וואָלט מיר אויסגעזוכט אַ אידן,
וואָס האָט דורכגעקרייצט דעם גיהנום
און דערלעבט די צייט פון פרידן;

איך וואָלט אָפּגעשטעקט אים „שלום!"
און געדריקט די האַנט דעם זקן,
און געפרעגט אים, צי געדענקט ער
שרה־רחל׳ס קליין בענאָקל?

ס׳איז מיין טאַטע, הלל אהרון,
אינעם גאָלדן לאַנד געפאָרן
נאָכדעם, ווי עס האָט די מאַמע
קינדער זעקס פון אים געבאָרן.

ענג איז אים געווען אין שטעטל
און דאָס לעבן — שווער און ביטער;
האָט די מאַמע פרום געבענטשט אים:
גאָט זאָל זיין אַ גוטער היטער!

...ס׳וועט דער איד די פּלייצעס קוועטשן
און מיך אָנקוקן פאַר׳חידושט:
איבער פערציק יאָר פון שטעטל
און עס רעדט נאָך אַזאַ אידיש;

פערציק יאָר — ס׳איז ניט קיין שפּילכל;
ס׳האָבן שטורעמס דאָ געוויכערט
איידער ס׳איז דאָס לעבן ווידער
איינגעשטעלט זיך פריי און זיכער...

גאַנצע טעג וואָלט ניט געסטאַיעט
בלויז אַ טויזנטל דערציילן
די יסורים און די וואונדן,
וואָס די צייט קאָן ניט פאַרהיילן...

4

זיי געזונט, מיין ליבע שטעטל! —
ס'איז אַ לאַנד אַ ברייטס פאַראַנען,
מיט קיין אויג ניט אויסצומעסטן,
אויסצופאָרן — מיט קיין באַנען.

אָט, איך שפּאַן שוין איבער גאַסן,
איבער סקווערן סטאַלינגראַדער;
דאַכט זיך: ס'קלינגט נאָך אין דער לופט דאַ
די פאַרשטומטע קאַנאָנאַדע.

דאַכט זיך: ס'טראָגט זיך איבער דעכער
יעדער זאַלפּ פון י ע נ ע ם ווינטער, —
כאָטש עס שוועבן שלום-טויבן
איבער לאַנקעס פריש-צעגרינטע.

דאָ האָט מענטש געשטעלט זיך קעגן
דער געפּאַנצערטער היענע
און מיט רום געקריינט זיין נאָמען
אין דעם אויפגעפלאַמטן גיהנום...

ס'האָט מיט אייך דאַן ס'הארץ געצאַפּלט,
ליבע גאַסן סטאַלינגראַדער,
מיילן טויזנטער פון דאַנען
און פון דיינע באַריקאַדעס.

און אַוועק איז אַלץ שוין אַנדערש
אין דעם וועלט-פֿאַרמעסט פֿון דאַן אָן;
אָנגעקומען איז דיין זיג דאַן,
ווי אַ בריוול פֿון אַ מאַמען...

אויב עס שטייט נאָך וואו מיין שטיבל,
און אַליין איך שטיי דאָ איצטער, —
ווּעמען, וועמען זאָל איך דאַנקען,
אויב ניט אייער קראַפֿט צעבליצטער?

אייער גבורה, די געבענטשטע,
אויסגעגלייכט האָט די געשיכטע,
וואָס פֿאַרקרימט האָבן די מערדער,
די בערלינער פֿאַלשע ריכטער.

הייליק, הייליק יעדער שפּאַן איז
דאָ אויף ערד אויף ניי-צעבליטער —
מורמלען גאַפּנדיק די ליפּן
און מיין האַרץ פֿאַרוואונדערט ציטערט...

# מענטשן־ביימער

(צו שרה וו.)

אין געדיכטע גרינע רייען
טוליען ביימער זיך אין וואַלד;
אויסגעפורעמט, דאַכט זיך, אַלע
אין איין טונקעלן געשטאַלט.

פון דער ווייטן — קוים צו מערקן
יעדן קאַרב און יעדן שטריך;
נאָר פון נאָענט — גריסט דיך אַנדערש
יעדער צאַפּלדיקער איך.

אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן
יעדער מענטש האָט אויף זיין וועג;
ס'איז אַן אָפּגעשפּאָרטער אוצר
פון די דורכגערוישטע טעג...

ניט מיט גאָלד און ניט מיט זילבער
פול איז ליכטיקער פאַרמעג, —
ס'גלאַנצט אַרויס פון אים דער צויבער
פון אַ דאַנקבאַרן געפּעק:

קינדער־טרוימען, וואונדער־טרוימען,
אָנגעגליטע יוגנט־נעכט...
פולע, רייפנדיקע יאָרן
אין געראַנגל און געפעכט...

וואָס איז גאָלד און ערד־מעטאַלן
קעגן הארץ, וואָס פילט, אין מענטש?
רייכער ביסטו פון דעם רייכסטן,
אויב מיט הארץ ביסטו געבענטשט!

# אונדזער קולטור־בנין

**געווידמעט אונדזערע קולטור־צענטערס.**

אָרום און אַרום — דאַכט זיך — פשוטע ווענט,
באַפוצט און באַצירט מיט די אייגענע הענט;

אַזויפיל — די לענג און אַזויפיל — די ברייט,
נאָר טרעפן, מען טרעפט זיך מיט ליבשאַפט און פרייד;

ס'איז טייער און ליב אונדז דאָ איטלעכער שפאַן
און אַלץ, וואָס אין בנין אין דעם איז פאַראַן:

דאָס בילד אויפן וואַנט, און דער טיש, און די באַנק;
די ביכער, וואָס רעדן מיט חכמה פון שראַנק;

דער גלאַנציקער דיל אונטער זיכערע טריט
די ליכטיקע שיין פונעם הויכן סופיט;

די קיך, וואָס באַזאָרגט מיט אַ היימיש געקעכץ:
אַ שטיקל געבראָטנס, אַ הינדל אַ רעכטס...

נאָר ס'גייט דען אין מאָלצייט? אין הייסן געטראַנק?
אין חבר'שאַפט גייט עס — דאָס שענסטע געשאַנק!

אין לויטערן וואָרט, וואָס פון האַרץ־קוואַלן שלאָגט
און קלאָרקייט אין מענטשלעכע הערצער צעטראָגט.

עס גייט דאָך אין גיין יענעם מענטשלעכן גאַנג,
— מיט טרערן געמישט און באַגלייט מיט געזאַנג —

וואָס איז מיטן אמת פון לעבן באַזינגט,
מיט אָנזאָג פון פרידן פאַר זקן און קינד!

איז דאָ אונדזער היים, מיט אַ שויב צום קאַיאָר,
אַ פעסטונג פאַר אונדזער באַפליגלטן דור.

און ווער עס באַטרעט זיין געזיכערטע שוועל, —
טוט חבר'שאַפט זיך איבער אים אַ צעהעל;

און ס'טיילן זיך אַלע מיט אים דעם פאַרמעג:
די מי און די פרייד פון צעשטורעמטע טעג.

# ביכער אין די שראַנקען

**געווידמעט דעם אידישן חודש־בוך.**

מיר רוען אין גלעזערנע שראַנקען
באַשיצטע פון ווינט און פון שטויב;
מיר וואַרטן: צו אונדז זאָל דערלאַנגען
אַ פריינטלעכע האַנט דורך דער שויב...

מיר האָבן דורך שטורמישע יאָרן
אַ ליכטיקן אוצר פאַרגרייט;
אויף אייביק פאַרקריצט אין זכרון
אַ וועלט, וואָס פאַרשווינדט און פאַרגייט...

דעם אָפּקלאַנג פון גרויסע געראַנגלען,
די עכאָס פון נעכטיקע טריט, —
מיר האַלטן זיי קרעפטיק געפאַנגען
אין לעדערנע טאָוולען געשמידט.

די לויטערע חכמה פון זקנים,
פון יוגנט — דאָס זוניקע ליד, —
זיי הויזן דאָ אַלע אינאיינעם
פון צייט־זאַווערוכעס פאַרהיט.

אָ, וויפל אומענדלעכע קלאַנגען
עס שוועבן אין אונדז דאָ אַרום:
די העלדישע יובל־געזאַנגען
פון הערצער באַצירטע מיט רום;

די פרייד און דאָס פריילעך געלעכטער
פון פרידלעכע פרילינגס אין בלי;
און, ווײ! — אויך די פּיין פון גערעכטן,
דער צער פון געבויגענע קני;

דער קנוט און די קויל פונעם תּליון,
דער גסיסה־געוויין פון אַ דור, —
און לידער פון די, וואָס צעפּראַלן
דעם טויער פאַר נייעם קאַיאָר!

די אותיות — גלאַנציקע שטערן,
ווי הימלען אין בלוי — דאָס פּאַפּיר;
און דיר, מענטש, דאָס אַלץ וועט געהערן
ביים פריינטלעכן פינגער־באַריר.

קום, נעם אונדז פון דאַנען אַרונטער,
אונדזער ווייען טו מיט הויפּנס אַ שעפּ!
און שפּאַן איבער לעבנס־וועג מונטער,
אויף אַלע זיגזאַגישע טרעפּ!

און אויב ס'וועט אַ פּויסט דיך באַפאַלן
מיט רישעות, מיט האַס און מיט שפּאָט, —
בויג אָן זיך צו אונדזערע קוואַלן —
ס'וועט ליכטיק דיר ווערן דיין טראָט.

דעצ., 1966

## בענטש די שעה

אויסגעפוצט איז שוין דער זומער,
היים פארליבט איז יעדעם בלימל;
אין די שעה'ן שפעטע, שטומע,
קוועלט מיט שטערן־שיין דער הימל.

ס'דאכט זיך: אַלע ווייטע שטערן
לוסטיק שמייכלען־צו און ווינקען;
נויג דיין אויער, ועסט דערהערן
ווי אין טיפן רוים זיי זינגען.

אַלע וויטן זיינען אָפן,
אויפגעפראַלט און אויפגעשלאָסן;
ס'האָבן זייערע אין־סוף'ן
נים קיין גרעניץ, נים קיין מאָסן.

הויב זיך אויף און טו אַ פלאַטער
איבער אַלע וואָלקנס העכער;
אויב דער וועג איז נים קיין גלאַטער —
מיט געדולד פיל אָן דעם בעכער;

פיל אים אָן און ליידיק אויס אים!
פליגל דיינע, ברייט צעפאָכע!
קומט אַ צווייפל אָן, פארשטויס אים,
גלעט אַ ווינטל — מאַך אַ ברכה!

בענטש די ווינטן און די פליגל
וואָס צו העכסטער הויך דיך טראָגן;
בענטש די שעה, וואָס האָט דיין וויגל
ענג פאַרקניפט מיט וועלטס פאַרטאָגן...

אין דיין בליק — אַ שטערן־שמייכל;
אין דיין אויער — רוים־געזאַנגען...
ווערט דיין אַלקערל אַ היכל
אין אַ חלום־נעץ געפאַנגען.

# צוויי רויזן

(צו מער ג. און מערי ר.)

צוויי רויזן בליען אויף מיין טיש,
צוויי רויטע וואונדער־רויזן;
מיט העלע שטראַלן זיי באַגריסט
פרימאָרגנדיקער דרויסן.

ס׳איז אָנגעפילט מיט אַראָמאַט
פון צימער יעדער ווינקל;
און יעדער חנ׳עוודיקער בלאַט
מיט שמייכלען מילדע פינקלט.

שפּאַצירט פאַרביי דעם פענצטער ווער,
מע שעפּט אָן פאַרגעניגן, —
ווי פלוצים וואָלט מען דאָ דערהערט
אַ חיות׳דיקן ניגון.

מע גייט פאַרביי... אין וועג באַגלייט
פון בענקשאַפט אַזאַ ציטער;
עס וואַרעמט טיף אין האַרץ אַ פרייד
און ס׳ווילט זיך קומען ווידער...

צוויי רויזן בליען אין מיין הויז
צוויי וואונדער־רויזן רויטע;
זיי פינקלען דורך דער שויב אַרויס
און ס׳בלויט דער הימל לויטער...

# ט י פ ע  ו ו אָ ר צ ל ע ן

# מיין פאָלק

(לכבוד דעם יאָר תשכ״ו)

איך ווייס ביז היינט ניט ווי צו זינגען שירה
צו דיר, מיין פאָלק, אין ריטמען אויסגעטאַקטע;
ביסט אַלעמאָל געווען דאָך די באַשירמדיקע דירה
פאַר אַלע טרוימען מיינע אומרואיק-געיאָגטע...

אין דיינע צווישן-פעלקערדיקע דלד-אמות
געפלאַטערט האָט דיין גורל אויף בטחונ׳דיקע פליגל;
געווען איז דער בטחון דער געטרייער שמש,
וואָס האָט אויך מיך געכאָוועט פונעם סאַמע וויגל.

מיט דיר, מיין פאָלק, האָב איך אַרויסגעוואַנדערט
פון חומש׳דיקן בראשית איבער לענדער,
און וואו דו האָסט אין לאַנגן נע-ונד געלאַנדעט, —
מיין טרוים האָט נאָכגעשפּירט אַן אומשולדיק-פאַרבלענדטער.

דיין גבורה-פרייד האָט זיך, ווי ווײַן, אַריינגערייזלט
אין אַלע קעמערלעך פון קינדערישן דמיון;
דאָס הארץ האָט מיטגעפּויקט מיט טריט-געהילך פון רייזן
און מיטגעזונגען תהלימדיקע הימנען.

און ווען פאַרנומען כ׳האָב די בייזע רייד פון נביא,
וואָס האָבן שטראָפנדיק געשניטן און געוואָרנט, —
האָט מיטגעצאַפּלט מיין פאַרשולדיקטע מחשבה
און ליבשאַפט צום באַ׳עוולה׳טן געשוואָרן.

כ׳האָב איבער דיינע זיג-זאַג-וועגן מיטגעוואָגלט
אויף גרויסן בלוט-אַדורכגעווייקטן קיילעך;
און, ווויי, אַזוי פיל רשעות האָט געהאָגלט
אויף דיין פיל-דורות׳דיקן, ערדישן מהלך...

פון ירדן ביזן רהיין,
אונ פון דער ווייסל
ביזן דניעפּער, —
האָסט אומעטום מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעשורש׳ט;
צוריקגעשליידערט האָסט אומזיסטן חותם־בראַנד פון שלעפּער,
מיט וואָס יעדער שונא האָט געשטעמפּלט דיך,
דעם רייכן יורש!

די צייט האָט מיט אַן אַנדער חותם־רינג געשטעמפּלט
דיין גורל־וועג, באַטורעמטן מיט ליכט־סיגנאַלן:
דאָס העלע ליכט פון פאַרמעטענע טעמפּלען,
וואָס איז אַריבער קאָנטינענטן שטראַלנדיק געפאַלן...

ס׳האָט אויך דאָס ליד פון שפּעטערדיקע זינגער
צום אוצר דיינעם צוגעטראָגן זיין צושטייער,
און האָסט צעזונגען זיך פולבלוטיקער און אינגער,
אַן אויפגעמונטערטער פון דיינע אייגענע באַנייער.

דורך מענדעלען האָסטו אויפסניי אַ רעד געטאָן בציבור
און, ווי אַמאָל, אַליין זיך אויסגע׳מוסרט, —
אַז ווערן זאָל דאָס לעבן גראַמער דיר און ליבער
און אויפגיין אָפּגעפרישט אין ניי־צעבליטן נוסח.

ס׳האָט פּרץ דיך פאַר׳שבת־יום־טובט אינדערוואָכן,
אין קיום אין גאָלדענער אַריינגעשמידט אַ נייעם רינגל;
און אינעם נעפּל פון מעת־לעת׳דיקע יאָכן
האָט, ווי די זון, דעם אייניקלס געלעכטער זיך צעפינקלט.

דו האָסט פון ערד
און לופט
אַרויסגעשלאָגן דיין יניקה:
אַמאָל אַ זעמל־ברויט, אַמאָל פאַרדאַרטע סקאָרינקע־שיריים;
אַמאָל — באַגלייט מיט לויב, נאָר אָפטער — מיט אַ בריקע;
נאָר אַלעמאָל
באַ׳קידושט האָסט די וואָר
מיט אַ „לחיים”!!

אויף אַלע פּרייהייט שלאַכט־פעלדער, צעפלאַקערטע מיט גבורה,
האָט, ווי אַ פאָן, די גבורה אויך פון ד י י נ ע זין געפלאַטערט;
עס גליען איבער לאַנגן מדבר־וועג פון פעלקער דיינע שפּורן, —
ווייל יעדער בייז האָט, ווי אַ וואונד, אין דיין געביין געיאַטערט.

ס׳האָט יעדע רשעות־כוואַליע דאָך אויך דיך ניט אויסגעמיטן
און האָט דיין הימל־בלוי מיט רויך פון קאַלך־אויוונס באַשאָטנט;
נאָר דו —
דעם מ ע נ ט ש אין ייד,
און אין דעם מענטש דעם י י ד ן,
דערהויבן האָסט,
ווי ליכטיקע געמעלן,
איבער אכזר׳שע געשפּאָטן.

איז ווער וועט שליידערן אין דיר דאָס שאַנד־וואָרט פ ר ע מ ד ע ר,
און ווער פאַרטושן וועט
די ווײ־און־ווינד צייכנס
פון דיין מגילה?
געהייליקט האָט די קלוגע צייט אַליין די יחוס־בענדער
צווישן דיר און יעדן ערד־שפּאָן אין אַ רויט־געפאַרבטער טבילה...

ווי לאַנג איז דער מהלך פונעם דניעפּער ביזן האָדסאָן?
נאָר דו האָסט דורכגעזעגלט אים אויף אָנפאַרטרויטע פליגל,
און אויפגעגאַנגען זיינען דיינע שפּע׳דיקע שפּראָצן
פון צווישן אַספאַלטענע שפּאַלטן און פון אונטער שטיין און ציגל.

עס האָבן דיינע זין דאָ ניט געוויקלט זיך אין זיידענע טליתים,
און ניט פאַרשטעקט אין תפילין־זאַק דעם שחרית פון קאַיאָרן;
דיין גאָט־האַר אפשר האָבן זיי אָוועקגעשטויסן;
נאָר דעם ב א ח ר י ת ־ ה י מ י ם
טרייהייט ביזן טויט
געשוואָרן!

דעם נביא׳ס קרוין-צייכן פון יושר און פון שלום,
דעם פרייהייטס-זיגל פון די שטאָלצע מאַקאַבייער, —
פאַרבליבן ביסטו דער געטרייער ערב׳ניק פון זייער חלום
אין ריי פאָרויסיקער פון קעמפנדיקע גייער.

מיט זייער חלום ביסט געגאַנגען אויף עקידות
און אים צוליב געשליידערט האָט מען דיך אין פלאַקער;
דער הימל איז געווען דער שווייגנדיקער עדות,
ווען אויסגע׳ניגונט האָסט דיין נצח לא ישקר!

דו ביסט צוריק צום ירדן-ברעג דערגאַנגען
מיט שטויב פון טויזנט וועגן אויף פאַרשמאַכטע ליפּן;
און מיטגעבראַכט האָסטו אַ שפע פון געזאַנגען,
וואָס האָסט עקשנות׳דיק אין גאַנג צונויפגעקליבן...

די יונגע וואָרצלען דאָרטן שעפּן ווידער פון די אַלטע קוואַלן,
וואָס האָבן אונטער זאַמדן גליאיקע פאַרשאָטענע געשוויגן;
נאָר אין די קלאַנגען פון נצחון-טריאומפירנדיקן שאַלן
עס זוכט נאָך אַלץ מיין אויער דעם נביאים׳דיקן ניגון:

דעם יושר-ניגון פאַר די פלאַנצער פון פרדסים,
דעם שלום-ניגון פאַרן גר — דעם אוראייניקל פון ישמעאל;
אז ס׳זאָל די ערד, די אָנגעטרונקענע פון אַלע שוויסן,
געווירדיקט און געהייליקט ווערן מיטן אור-נאָמען ישראל.

האָסט ניט פאַרלאָזן דאָך די איינגעפונדעוועטע נעסטן
ביים האָדסאָן, ביי דער ווייסל און ביים דניעפּער;
אויף לאַנגע אייביקייטן וועסט זיך פרוכטבאַר נאָך פאַרמעסטן
צו זיין ביי זיי, ווי אַלעמאָל, דער נעמער און דער געבער.

דו האָסט שוין לאַנג אַראָפּגענומען פון די ביי-שטראָמיקע ווערבעס
פאַר נייעם לידער-קלאַנג די בענקענדיקע פידלען;
דו ביסט אין ערגעץ ניט קיין צופעליקער אורח, —
האָסט טיף אין ערד אַריינגעגראָבן דיינע רידלען...

ביסט דאָ און דאָרט געקומען צו פאַרבלייבן
און טיילן די פאַרדינטע פרייד בשותפות'דיק מיט שכנים;
צוזאַמען יעדן בייז־שאָטן פון הימלהויך פאַרטרייבן
און דעם אַנטקעגנדיקן גורל גיין אינאיינעם!

איך זינג פון נעכטן און דער היינט מיר שטאַרצט אין פּנים:
עס איז דער גאַנג נאָך אַלץ באַשטיינערט און באַדאָרנט.
און וויכער־אויפרייסן אָן אויפהער מיך דערמאָנען —
ס'איז מענטש ביים לעצטן ראַנד
פון לעצטן שטויס
נאָך ניט באַוואָרנט...

עס פּלאַטערט היינט מיין האַרץ, ווי דורך צעלויכטענע טונעלן,
דורך דיין — מיט שפע אָנגעזאַמלטן — זכרון,
און כ'פרעג, מיין פאָלק, פאַר וואָס אַ מאָנומענט דיר שטעלן:
פאַר שווערער לאַסט פון לאַנגן עבר,
צי פאַר דעם נס פון ווערן ניי
און ווידער ניי געבאָרן?

איך זוך ניט מער קיין גאווה'דיקע בכורה,
נאָר זאָל הכנעה אויך ניט ברענגען דיר קיין שפּאָטישן געלעסטער;
עס לייכט דיין ליכט משפחה'דיק אין פעלקערשער מנורה
און דיין געזאַנג הילכט היימיש אינעם פעלקערשן אָרקעסטער.

עס וועט דיין גאַנג זיך כפל'ען אין זיגזאַגישע תשכ"ו'ן
מיט דיין ירושה־קיים דער גאָלדענער באַוואָפנט;
נאָר מיר — באַשער מיר אין פּירקאַנטיק־אָפּגעהיטע כתב'ן
דערלאַנגען מיין מתנה דיר אין שירה'דיקע סטראָפן...

# אידיש — לשון מיינס

(צום 50סטן יובל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ)

עס שוועבט פאַרליבט מיין נייגעריקער בליק
און צערטלט די פירקאַנטיקע געשטאַלטן;
עס ציט זיך יעדע שורה, ווי אַ בריק,
וואָס האָט דעם טראָט פון דורות אויסגעהאַלטן...

עס זיינען, לשון מיינס, די וואָרצלען דיינע טיף
אין ערדן אַלערלייאיקע פאַראַנקערט;
און איבער גרעניצן דיין בלוט-זאַפט טריפט
אויף ליפּן דאָרשטיקע, ווי היימישע געטראַנקען.

געשטעמפּלט האָט מען דיך אַמאָל, אַמאָל, לגנאי
און קעגן דיין נים-הייליקייט דערווידערט, —
כאָטש יעדע האָרץ-צעל האָט געגליט מיט דיר, ווי בליי,
ביי יעדן הויב און יעדן איינדערנידער..

אַ, זאָג, פאַר וועלכע אומדערהערטע זינד
געוואָלט האָט מען דיך פונעם ערן-טיש פאַרשטויסן?
האָסטו דען, ווי אַן אומגעזעצלעך קינד,
אריינגעבראַכן זיך פון אַ פאַרפלוכטן דרויסן?

דו האָסט דאָך אומעטום, אין מאַטער און אין מי
אריינגעהויכט דיין זינגענדיקן אָטעם:
ביים שוסטערס טשוואָק, אין קוזניעס פינקלענדיקן גלי
און ביי דעם בלאַסן שניידערס נאָדל-פאָדעם;

ביים סטאָליערס זעג און בלעכערס קנאַקנדיקן בלעך,
ביים מוליערס באַרשט און אינעם שפּיל פון די כלי-זמרים, —
און אויפגעגאַנגען ביסט אין זייער אוי און עך,
אין הענט-געבראָך פון טרויעריקע טעג און יאָרן...

דו האָסט באַגלייט מיט זיבן־גאָרנדיקן פלוך
דעם באַלעגאָלעס קרעכצנדיקן וואָגן
און איינגעזאַפּט — מיט וואַלד־און־פעלד־געדוך —
דעם מילדן אָפּגלאַנץ פון פאַר׳חלום׳טע פאַרטאָגן.

צום דינסט־מיידל אין קיך האָסטו — דורך שמר׳ס מויל —
אַריינגעכישופט פרינצן און פאַנטאַנען,
ער האָט דעם עלנט פון איר לעבנס־קנויל
באַזוימט מיט גלאַנץ פון קאָפּיקע ראָמאַנען...

ס׳האָט מענדעלע דיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט
און מונטערדיק באַזעצט מיט כבוד אויבן־אָן דיך;
זינט דאַן פאַרנומען האָסט דיין אָרט אין מזרח־וואַנט
און מיטן צונג אַליך ווייניקער געפּלאָנטערט.

עס האָט זיין אייניקל מיט יוגנטלעכן רייץ
אַריינגעלאַכט אין שטעטלעס געוויינען,
און אין זיין אומגעצאַמטן רייד־געפּלייץ
אַ שיין געטאָן האָסטו מיט טויזנט חנ׳ען.

אַ קייט אַ גאָלדענע פון דור צו דור
האָט פּרץ אויסגעשמידט פון דיינע צויבער־רינגען,
און פאָטערלעך פון דעמאָלט־אָן און לויטער־קלאָר
דו הערסט ניט אויף אונדז יום־טוב׳דיק צו קלינגען...

פאַר עמך פּשוט׳ן אַ טויער האָסט צעפּראַלט
צו האָריזאָנטן ווייטע איבער שטעטלדיקע צאַמען, —
האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף זיין תמימות׳דיק געשטאַלט
און אָפּגעקערט דעם עלנט־שטויב פון זיינע שטאַמען...

2

אָ, לשון מיינס, ס׳איז דיינס געווען דאָס ערשטע וואָרט,
וואָס האָט מיין צונג אין וויג אַרויסגעשטאַמלט,
און, ווי אַ צווילינג, האָסטו מיך צונויפגעפּאָרט
מיט אַלץ און אַלעמען זינט דעמאָלט.

מיין מאַמע האָט מיט דיר אין ענגע שטיבלדיקע ווענט
פאַרוויגט מיך און באַשיצט מיך און געצערטלט;
אַ גאַנצע וועלט כ׳האָב פלאַפלענדיק דערקענט
אין געמעלעך פאַרבלאַטיקטע פון שטעטל.

און ווען איבער ווייטע ים׳ען האָט די נויט
דעם טאַטן, ווי אַ שטורעם-ווינט, פאַרטראָגן, —
האָסטו אַ בריק אַ פעסטן אויסגעבויט
און מיט בטחון זיך צו אים דערשלאָגן...

האָסטו אויסגעלייגט אויף ווייס פּאַפּיר
דעם צער דעם קינדערשן און בענקשאַפט פון אַ מאַמען,
און, ווי מיט כישוף פון אַלמעכטיקן באַריר,
האָסטו די ווייטקייטן צונויפגעבראַכט צוזאַמען...

אָוועקגעפירט האָסטו: „מיין טייערער געמאַל...״
מיט פיין פאַר׳חתמ׳עט, מיט טרערן-טוי באַנעצטע;
צוריקגעבראַכט האָסטו פון ווייטן כף-הקלע:
„מיין פרוי מיין טייערע, מיין הויך-געשעצטע...״

און ווען די מאַמע האָט אין שטילן שבת-טאָג
צעעפנט דעם פאַרגעלטן צאינה-וראינה, —
געגעבן האָסט איר האַרץ אויף דיינע פליגל אַ פאַרטראָג
און אויסגעקושט די בענקשאַפטן, וואָס ברענען.

דערנאָך... אין יאָר צערודערטן, אין הונגעריקן יאָר,
ווען ס׳האָט פון האַלדז איר ס׳בלוט אַ רים געגעבן, —
האָב איך מיין ערשטלינג-ליד, ענוות׳דיק ביז גאָר,
איר צוגעטראָגן, ווי אַ זאַלב, צום לעבן...

מיין אידיש-ליד, מיין ערשטער בראשית׳דיקער פערז,
וואָס ס׳האַרץ דאָס יונגע האָט אַרויסגעפיבערט, —
איך האָב פאַר׳חידושט אָנגעקוקט אים, ווי אַ נס,
און ביסט געוואָרן טויזנט מאָל מיר ליבער.

## 3

און אַט: פינף צענדליק ברויזנדיקע יאָר
כ'האָב זיך מיט דיר געַ'חברט, מאַמע-לשון,
און ס'האָט דער גלאַנץ פון טויאיקן קאַיאָר
פון דיינע מילדע אויגן זיך ניט אויסגעלאָשן.

האָסט מיטגעשיפט מיט מיר זיך איבער ים,
מיין איינזאַמקייט פאַרהיימישט איבער וועגן:
פון בערעזינע'ס אַלט-פאַרוואָרצלדיקטן שטאַם
ביז מיסיסיפּיס פּרעמדע, מוטנע ברעגן...

אויך דאָ דערהערט האָב איך דיך אינעם שפּראַך-געמיש
— פון פריער נאָך מיט וואַנדער-קלומיקעם פאַרטראָגן —
אין זאַמל-זאַל ביים יום-טוב'דיקן טיש,
אין שאַפּ-געַרויש, אויף טומלדיקע ראָגן...

ס'האָט דאָ פאַר מיר דיין שפּע אויפגעשיינט,
ווי ס'וואָלט דיין שטערן קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען;
איך האָב אַ דורשטיקער אַ שעפּ געטאָן, ווי וויין,
די היגע שפּאָגל-נייע דיכטערשע געזאַנגען.

איך האָב געקליבן און געפּוצט דיין יעדן זילב
געליטערט און געלייטערט דיך דורך יאָרן;
און אָפּט האָסטו זיך אין מיין ליד צעשפּילט,
ווי ס'שפּילט דער ווינט זיך מיטן קאָרן.

אַזויפיל שטורעם-כוואַליעס האָבן דיך געוויגט,
אַזויפיל שלאַקסן האָבן דיך געשמיסן, —
נאָר דו האָסט מיטן ייאוש תמיד זיך געקריגט
און פון די ליפּן קיינמאָל אויפגעהערט צו פליסן.

האָסט אַלע שוואַרץ-נביאים אויסגעשטעלט צום נאַר
אין לעצטן גורל'דיקן היינטיקן יאָרהונדערט,
און דיין געזאַנג פאַרשטומט האָט זייער „גזר"
מיט שפּע נאָכאַנאַנדיקער פון וואונדער...

דו זינגסט אַרוים צו מיר פון פּערלדיקע בריוו
פון אומעטום, וואו מיינע ברידער זיך געפינען:
פון אַלטער וואַרשע און פון יונגן תּל־אביב,
פון לוסטיקער פּאַריז און הייסער אַרגענטינע;

און ווידער הער איך הילכן דיין געזאַנג
אין קיעוו און אין מאָסקווע און אין ווילנע...
ס׳וועט קיינער מער ניט צאַמען דיין געדראַנג,
אויב געבן וועסט זיך מוטיק אַ צעשפּיל נאָר!

און אויב דעם נייעם דור ווערסטו היינט פרעמד
— אַ גאַסט אַ זעלטענער אויף זיינע ליפּן —
וועט דיין עשירות, אויסגעפּוצט אין נייער העמד,
צו אים אין האַרץ זיך איבערזיפּן...

איך זע דעם וואָלקן־שטויב, וואָס זאַמלט זיך צונויף
און מיט פאַרטונקל דיינע הימלען דראָען;
טו איך די טרייסט־פּאָן איבער דיר אַ צי אַרויף
און כ׳בענטש די פונקען, וואָס צעהעלן דיינע שעה׳ען...

מיין קאָפּ האָט זיך שוין לאַנג פון נסים אויסגעשיילט,
פון טרוימען אינגלשע זיך אויסגעניכטערט, —
נאָר ס׳האָט די לעצטע רגע׳ם דיינע נאָך ניט אָפּגעציילט
דאָס האַרץ פאַר׳עקשנ׳טע פון דיכטער.

איז וואונדער זיך ניט, לשון פון מיין פאָלק,
באַגלייטערן געטרייע איבער אַלע מיינע וועגן,
ווען ס׳זינגט צו דיר מיין ליבע אויפן קול
און שיקט דיר ברכות אומעטום אַנטקעגן.

— — —

פאַרליבט שוועבט איבער דיר מיין אומגעזעטיקט בליק
וואָס צערטלט די פּירקאַנטיקע געשטאַלטן;
עס ציט זיך יעדע שורה, ווי אַ בריק,
וואָס האָט דעם שווערן טראָט פון דורות אויסגעהאַלטן...

1958

## דער אָנהויב פֿון מײַן ליד

(אַ בריוו צו מײַן שוועסטער)

אָ, שוועסטער מײַנע, כ'האָב געטראַכט,
צי האָב איך ניט שוין לאַנג געוואַרט?
און אויב צו שרײַבן האָסט ניט קיין באַגער,
וועל איך פֿונדעסטוועגן ניט וואַרטן מער;

זאָל מײַנס אַריבערגיין... אָט וועל איך ווידער
דיר שרײַבן, ווי איך שרײַב מיר מײַנע לידער:
מיט שורות אויסגעמאָסטענע, מיט גראַמען,
ווי כ'האָב אַמאָל געשריבן פֿאַר דער מאַמען

דאָס ערשטע ליד מײַנס אויפֿן טאָוול פֿון איר סידור,
דאָס ערשטע ייִדיש ליד פֿון מײַנע לידער.

געווען איז דאָס, כ'געדענקט, ווי הײַנט, אין נײַנצן־זעכצן;
געהערט האָב איך אין נעכט דער מאַמעס קרעכצן
צוליב דער פּרעסנדיקער נויט פֿון יענע צײַטן,
ווען ס'האָט דער גאַנג פֿון לעבן זיך גענומען בײַטן...

געווען איז מאַמעס האַרץ באַלאָדן שווער
און שטילערהייט פֿלעגט זי אַראָפּלאָזן אַ טרער;
פֿאַרוואָגלט איז געווען דער טאַטע איבער ים'ען
און נאָר די מאַמע האָט געהאַלטן קינדער זעקס צוזאַמען:

געהאַלטן מיט דער גרויסער ליבע פֿון איר האַרץ,
ווען ס'איז דער מאָרגן אויפֿגעגאַנגען נאַכטיק־שוואַרץ —
אַ לאַנד האָט זיך געררוקט צום ניכטערן סך־הכּל
און ס'האָט די וואָגשאָל פֿונעם שטעטל זיך געטאָן אַ וואַקל...

אָט דאָן האָב איך — נאָך יונג און ניט געניט —
דערלאַנגט דער מאַמען ציטעריק מיין ערשטע ליד,
מיט מיטלייד קינדערשער און מיט נאַאיווער טרייסט.
צי ס'האָט געהאָלפן איר? — איין גאָט נאָר ווייסט...

נאָר ווען זי האָט דאָס ליד אין שחרית-ליכט דערזען,
האָט זי די דריבנע שריפט מיינע דערקענט;
געוועז איז זי ביז טרערן אָנגעלאָפענע גערירט,
און ס'האָט מיין באַק איר הייסן קוש דערשפירט...

ס'האָט דאַן פאַר מיר זיך אומגעריכט אַנטפּלעקט די קראַפט,
וואָס ליגט פאַרבאָרגן אינעם וואָרט פון דעם, וואָס שאַפט;

עס קאָן דאָס וואָרט מיט זיין געלייטערטן געזאַנג
פאַר מענטשן זיין אַ מזל'דיק געשאַנק,
אַ גאָלדן שליסל צו דעם האַרצ'ס געהיימער טיר,
וואָס צו דעם שטילסטן, פלאַטערדיקן צער דערפירט.

און גליקלעך איז דער אויסדערוויילטער מענטש,
וואָס איז מיט אָט-דעם שליסעלע געבענטשט;
ער זוכט פאַר זיין געזאַנג פון קיינעם ניט קיין לוין, —
עס איז זיין ליד זיין צירונג און זיין קרוין;

און גרייט איז ער צו שענקען זי דער וועלט,
ווי ס'שענקט דעם קאָרן ברייטהאַרציק דאָס פעלד,
און ווי דער וואָלקן זיינע רעגן-טראָפּנס שענקט
דער ערד, וואָס נאָך דער ברכה פונעם רעגן בענקט.

זינט דאַן, ווען לעבנס-גאַנג צערודערט מיין געמיט
און דורך מעת-לעתן מאַטערט מיך און בריט,
גיי איך צום וואָרט, ווי צו אַ קילן קוואַל,
און טו צו אים מיט ליפּן דורשטיקע אַ פאַל;

ס'איז יעדער קוואַל-טראָפּן צעלויטערט-קלאָר
און לויטערער עס טוט אַ שיין מיר דער קאַיאָר...

אַ, ווייס: דאָס פּאַסיקע געצייג פֿאַר אויסדערווײַלטן ציל
קלייבט אוים דער מענטש לויט הארצם געפיל;
און לויטן דרך פון זיין שטאַנד און דור
באַהעפּט ער זיך מיט רווישנדיקער וואָר:

אַמאָל איז אייגן-נוץ דאָס שטומפּיקע געצייג,
וואָס וויל די וועלט פאַרשפּאַרן אין אַ שטייג;
אַמאָל — נאָך פּיצלעך כבוד דער באַגער,
וואָס זוכט מיט גאווה זיי ביי יעדן קער;

אַמאָל — די גיריקייט די קראַנקהאַפטע נאָך מאַכט,
וואָס זעט אין פויסט דעם צויבער און די פּראַכט...

אַז וואויל איז דעם, וואָס שטייט ניט פאַר דער וועלט,
ווי פאַר אַ שפּיגל, וואָס די רחבותן פאַרשטעלט:
עס גיט אים ניט צוריק אַחוץ דעם פּיצל איך
און ווי ער קערט זיך אָפּ — פאַרשווינדט עס אַזוי גיך...

אַז וואויל איז דעם, וואָס איז מיט הארץ באַהעפט
צום קוואַל, וואָס קיינמאָל ווערט ניט אויסגעשעפּט:
דאָס פאָלק, וואָס אייביק ראַנגלט זיך און שאַפט
און אין געראַנגל זאַמלט ער זיין קראַפט;

און ווי עס זאָל ניט שווער זיין דאָס געפּעק, —
פאַרשווינדן אַלע צאַמען אויף זיין וועג...

פאַרגיב מיר, שוועסטער, אויב פון דרך כ׳בין אַראָפּ;
עס האָט מיין הארץ געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ,
אַ שורה נאָך אַ שורה אימפּעטיק זיך יאָגט
און זע: דער מאָרגן-שטערן העלט... עס טאָגט!

איז אָט פאַרוואָס איך שרייב דיר אָט דאָס ליד, —
ס׳איז גרינגער אויסצולאָדן מיין געמיט,
און אויך דערפאַר, וואָס יעדע שורה, יעדער גראַם
איז פאַר מיין אויסלאָדונג אַ גאָט-געבענטשטע צאַם.

נו, זיי געזונט, מיין טייערע: פאַרגיב
דעם לאַנגן בריוו מיינעם געגראַמטן;
נעם אויף אים גוט פון דעם, וואָס האָט דיך ליב,
כאָטש קומען קומט ער עטוואָס אַ פאַרזאַמטער...

1967

## די ערד, די ליבע ערד

די ערד, די ליבע ערד, זי ווינטערט נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל זי בייט אירע קאָלירן;
כ'הויב אויף, אַ, לעבן, אין אַ לויב מיין קול
פאַר מיך צום יאָר דעם פופציקסטן דערפירן.

געווען איז יעדעס יאָר, אַ רייצנדיקער טרעפּ
אַרויף, אַרויף אין גרויליקן יאָרהונדערט;
עס זיינען שפּע'דיק געווען אין אים פאַרוועבט
אי גיהנום-גרויל, אי שטראַלנדיקער וואונדער...

ס'האָט אָפט אַ שטורעם מיך געטאָן אַ הויב
און ס'האָט געדאַכט: איך וועל אין תהום אַ פאַל טאָן;
נאָר, ווי עס האַלט איר צווייג די שלום-טויב,
האָב איך אין מאָרגן-ליכט זיך אָנגעהאַלטן.

ווי ביז איצט, וועט די קלוגע, האַרבע וואָר
מיך צוקייטלען צו אירע באַרג-אַרויפן,
און מיט דער פאָן פון מיין פאַרקלעמטן דור
וועל איך מיט צוקונפט-טעג זיך איבעררופן.

און וואָס ס'זאָל מיך ניט טרעפן פון היינט אָן
אין זאַמדיקן, באַזונטן אונטערוועגנס, —
וועט ניט אַרויסלאָזן מיין האַנט די צויבער-פאָן,
וואָס האָט דער וועלט געשענקט שוין אַ פאַרמעגן...

זי קומט צו מיר בירושה פון אַמאָל:
פון אורזיידעס געפאַנצערטע מיט גלויבן;
דורך יעדן חושכ'דיקן טרערן-טאָל
האָט זי אַ האַנט אַ מוטיקע געהויבן.

מיין היינט איז ניט פֿאַראייניזאַמט אין מיין גאַנג:
אין טרוים פֿון דורות איז ער אַ פֿאַרוועבטער;
מיין יעדן שפּאַן פֿאַרהילכט ער מיט געזאַנג
און יעדע שעה מיט מונטערקייט באַלעבט ער.

אַ, ליד, מיין ליד, מיין הייסער אויסגעשריי,
אַ גלאָק זיי אין גערודער און פֿאַרמעסטן!
אַ היילונג־זאַלב מיין ברודער אין זיין ווי
און אין דער לעצטער שטורעם־שעה — אַ פֿעסטונג!

איך שטיי היינט אַ פֿאַר׳חידוש׳טער ביים שוועל
פֿון צוויטער העלפֿט פֿון אייגענעם יאָרהונדערט;
פֿאַר יעדן שטורעם גרייט איז היינט מיין זעל,
נאָר מער פֿון אַלץ — פֿאַר אויפֿגעזונטע וואונדער!

און אויף מיין וועג וועט וואַכן אַ געבאָט,
ווי דער שוואַרצאַפּל אונטער מיינע ברעמען:
עס זאָל מיין יעדער ווייטערדיקער טראָט
די טריט ביז־איצטיקע מיר ניט פֿאַרשעמען.

דעצ. 25, 1954

# אַ גוט יום־טוב דיר, מאמע

עס שיקט מיין האַרץ דיר אַ גוט יום־טוב, מאַמע,
אין שורות אויסגעמאָסטענע, געגראַמטע, —
און ווידער שפּראָצן אויף, ווי אַלטע שטאַמען,
די ווייטע קינדער־טרוימען, די באַ׳טעמ׳טע.

אָפט דאַכט: יאָרהונדערטער זיינען פאַרשוואומען
זינט יענע טעג ביים ברעג פון דער בעריאָזע,
ווען ביי מיין וויג האָט אָנגעהויבן ברומען
דאָס לעבן האַרט אַזוי מיט וואונדער און מיט העזה.

ווען דיינע אָרעמס, מאַמע, ווי אַ פעסטונג,
באַשיצט האָבן פון אומפאַל און פון ווי מיך,
און איבער אַלע מיינע קינדערשע פאַרמעסטן
ביסטו אויף וואַך געשטאַנען, ווי אַ שומר.

נאָר אָפט מיר דאַכט: געפירט האָסטו ערשט נעכטן
צום ערשטן רבי׳ן מיך, צום אַלטינקן ר׳ שמעיה׳ן,
אַז אויסקנעטן זאָל ער פון מיר אַ איד אַ רעכטן
מיט אַלע זיינע נויטיקע כּלי־זיין...

ווער ווייסט וואָס פאַר אַ טרוימען אין דיין דרעמל
אין האַרץ אין מוטערשער זיך פלעגן דאַן פאַרטייען...
געשפּאָרט האָסטו פון שוסטער און פון קרעמער
אַבי עס זאָל מיר אויף שכר־לימוד סטייען.

אָ, יענע קינדער־טעג פון חדר און ישיבה,
פון ערשטן וועלט־צעטרייסל, בראָך און הונגער,
עס האָבן נייע גבורה־קוואַלן טיפע
זיך דאַן אין דיר צעעפנט און צעשוואונגען...

מיר האָבן אונדזער גורל אָנפאַרטרויט דיר
אויף ים־וועגן צעבייטשטע צו די שטאַטן:
צו הימלען פרידלעכע און טיף־צעבלויטע,
צום לאַנד פון ווייטן, אָפּגעפרעמדטן טאַטן.

נאָר ס׳האָט מיט פּיין געקרוינט זיך די נסיעה
ביים פּאָטערשן פּריצייטיק-פּרישן קבר;
געדאַכט האָט זיך: עס וועלן אייביק בריען
די טרער אין אויג, דער ווי אין יעדן אבר.

עס האָבן, ווי פּרימאָרגן-טויען, דיינע טרערן
דעם באָדן דורכגעווייקט פאַר נייער זריעה...
ביסטו באַרינגלט היינט מיט אייניקלעך, ווי שטערן,
און אור-אייניקלעך האַלטן שוין אין בליען.

געבענטשט ביסטו, אָ מאַמע, איצט מיט שפע:
קיין איינציק זריעה׳לע געגאַנגען איז פאַרלאָרן;
ס׳איז רייך דיין גאָב. זיין ווערט? — גיי טרעף אים! —
עס וואַקסט מיט יעדן יאָר, וואָס ווערט געבאָרן.

און היינט, ווען ווידער שטייט אויף שוועל דער ניי-יאָר
און עפנט אויף די טיר פאַר יונגן מאָרגן, —
נעם צו מיין וואונטש: עס זאָל דיין פולער שייער
פאַרהיט ווערן פון פיינפול-שווערע זאָרגן.

עס זאָלן ווייסע שלום-טויבן שפּרייטן
אָן אויפהער זייער פליגל-פאָך און פלאַטער,
און דער געוואָרק זייערס — פון עק וועלט ביזן צווייטן —
דאָס מענטשן-האַרץ מיט פרייד זאָל מאַכן זאַטער.

נעם צו, אָ מאַמע, אַט די וואונטשן די געגראַמטע,
וואָס האָבן זיך פון פען אַרויסגעריסן;
ס׳איז ניי-יאָר היינט — דאָס האַרץ איז אויפגעראַמט מיר,
און אַלץ אין מיר געוואָלט האָט דיך באַגריסן.

1962

## מיר הויבן ווידער דעם פולן כוס...

(אהרוניען, צו זיין 30טן געבוירנטאָג)

נו, אַט! אַ הויב מיר טוען ווידער פולן כוס
פאַר דיינע פולע, רייפנדיקע יאָרן;
ווי פול עס איז מיט זון און ווינט דער זומערדיקער קאָרן,
איז הארץ — מיט מזל-טוב און פרייד — אַ פולע מאָס!

דיין מאַמעס שטאָם —
אויף פעטער ערד, דער אוקראַינער;
דעם טאַטנס —
אויף ווייסרוסישער און טריבער;
באַשערט איז זיי געווען זיך צו געפינען
און אויפבליען אין דיר
ביי ברעגן מיסיסיפּער.

דיין ערשטער אויסגעשריי אַריינגעפּרילינגט
אַ נייעם קלאַנג האָט אין אַרומיקע געררוישן;
די וואָר-געראַנגלעניש — אויפסניי באַזיניגט
און אָנגעפילט צערודערט-הוילע בלויזן...

עס האָט די צייט מיט סערפּ פון אַ גיגאַנט
געשניטן יאָרן אונדזערע, ווי זאַנגען;
נאָר ס׳דאַכט זיך: אויף צוריק שטרעק אוים די האַנט, —
און וועסט די ערשטע אָנהויבן דערלאַנגען.

דריי צענדליק יאָר — פון ערשטן אויסגעשריי
ביז איצטיקן זעקס-פוסיקן געשטאַלט!
געוויטיקט האָבן מיר מיט יעדן מינדסטן ווייַ,
מיט יעדער מינדסטער פרייד — דערמוטיקטע געשטראַלט.

וואו איז די וואָג די ליבע אונדזערע צו וועגן,
און וואו די מאָס — דעם הארץ-ציטער צו מעסטן?
געשענקט האָט אונדז דאָס לעבן אַ מתנה, —
פאַרטאַכלעווען אויף נישטיקייט זי וועסטו?

די טעג געקרייזט זיך האָבן אונטער יאָך פון פראַצע,
די לאַנגע אָוונטן — אין חבר׳שן געזאַמל;
אַריינגע׳כישופט האָבן מיר פּאַלאַצן
אין טעגלעכן, גרוי־וואָכעדיקן ראַמל...

ווער קאָן די נעכט די אומרואיקע ציילן,
די וואַכע שעה׳ען, די געדולדיק־לאַנגע?
איין שמייכל פלעגט די האַרץ־ווייען פאַרהיילן
אין ליבשאַפט טאַטע־מאַמישער געפאַנגען...

און אויפן דריטן יאָר אַ ליכטיקע מתנה
מיר האָבן צוגעטראָגן דיר — אַ שוועסטער;
געדאַנקט מיר האָבן דער פאַרפירערין־לבנה
פאַר נייעם קלאַנג אין היימישן אָרקעסטער...

גערונדיקט האָבן זיך אין יאָרן די חדשים;
ס׳האָט יעדער פרילינג־קרייז
אַ הויב געטאָן דיין אַקסל;
די זאָרגן האָבן זיך געצונדן און געלאָשן, —
נאָר תמיד האָט דאָס האַרץ
גע׳ניגונט אין דיין וואַקסן.

אין צאַרטן בלוט מיר האָבן איינגעפלאַנצט אַ ניגון,
די קלאַנגען פון אַן אויסגעבענקטן לשון;
געפלאָכטן האָבן מיר עקשנות׳דיק די בריקן
אַריבער תהום׳ען פון צערודערטע פאַרוואָסן...

מען קאָן דאָך זיך אַליין ניט איבערהיפּן,
דעם קנופּ אַ שניט טאָן צווישן היינט און נעכטן;
מען וואָלט אַ הוילער, אָפּגעשוּנדענער געבליבן —
באַשטראָפט פאַר אַלע פאָלקס־אוצרות פאַרשוועכטע.

ס׳האָט קיינער אונדז דערלאַנגט אויף זילבער־טאַצן
דעם מינדסטן פרייד־געצאַפּל;
מיר פלעגן דורשטיקע אַרונטערקראַצן
אַ שטיקל הימל־בלוי מיט אייגענע שוואַרצאַפּלען.

ס'האָט העלער חלום אונדז אַריינגעפירט אין גאַסן,
וואו ס'האָט געשאַרפט דאָס וואָרט זיך אין געראַנגל;
אין האַרץ געקרייצט זיך האָבן ליבשאַפטן און האַסן,
וואָס האָבן דורכגעבראָכן זיך אין סטראָפיקע געזאַנגען.

ווי גיך איז דאָן דער צייט־אָדלער געפלויגן
מיט לאַסטן בלייענע אויף יונגע פליגל;
נאָר יונגן קאָפּ זיי האָבן ניט געבויגן
און ס'האַרץ איז, ווי אויף וואָלקן־טרעפּ, געשטיגן.

געטיילט מיר האָבן אַלע פרייד־טראָפּנס באַשערטע
און אויך די פּיין פון אַלע אומרואיקע יאָרן;
און נאָר די רו פון נאַכט־שעה'ען באַגערטע
פאַרפאַנצערט האָט די שטוב־ווענט ביז קאַיאָרן...

אָט דאָס געגעבן האָבן מיר דיר בירושה
מיט יענעם גאָלד־פאָדעם פון אַ יאָר טויזנט,
וואָס ניט באַוויליקט אונדזער פאָלק האָט צו פאַרטוישן
און נאַקעט זיך פאַר צייט־שטורעמס אַנטבלויזן...

אויב ס'האָבן זיך אַמאָל, ווי רוים־בליצן, באַגעגנט
צעבלאַנקטע ווערטער צווישן אונדזער עלטער, —
איז ווייל געדאַכט האָט:
ווי אַ פעלד אַ פרילינגדיקס,
באַרעגנט,
וועט יונגנט אויפגיין אַ באַפּרוכפּערטע, באַהעלטע.

אויב ס'האָבן זיך, ווי פייער־ווערק, געצונדן
צעהיצטע ווערטער צווישן היימישע פיר ווענט, —
דיין וועג נאָר צו באַלייכטן און פאַרמיידן וואונדן,
נאָך איידער האָסט דיין קראַפט דיין אייגענע דערקענט.

ווי אַלטער קעלער־ווײַן — דאָס האַרץ דאָס רייפע,
וואָס וואָרט געדולדיק אויפן ברכות'דיקן ניגון, —
ווען ס'וועלן פרילינג־ווינטן, פייערלעכע־שטייפע,
אַלע האַרץ־ווייען אומזיסטיקע פאַרוויגן.

אַצינד, ווען ווי דער ווינט אין פרילינגדיקן גראָז,
זינגט יום־טוב'דיק דאָס האַרץ
זיינע געזאַנגען, —
מיר הויבן ווידער אויף אַ פולן כוס
פאַר דיינע וואַגנדע און ערלעכע
פאַרלאַנגען!

יוני 20, 1964

# דער אוצר פון דיין געמיט

(שיינדלען אַ מתנה)

מיין מאַמע האָט געבענטשט דעם טאַטנ׳ס שטילע טריט
ביים שיידן זיך ביים ברעג פון בערעזינע;
פאַר שווערער לאַסט, וואָס האָט געפּייניקט איר געמיט,
געשטאַרקט האָט זי זיך טרייסט-רייד צו געפינען.

מיין ברודערס יונגע טריט האָט זי דערנאָך געבענטשט,
ווען אין דער פרעמד אויך ער האָט זיך געלאָזן;
זי האָט אים צערטלעך אָנגעזאָגט: דו זיי אַ מענטש, —
און האָט איר צער אין מוטערס האַרץ פאַרשלאָסן...

אין יענע טעג פון נויט כ׳בין אויך אַוועק
מיט קינדער קנעלן אינעם דאָרף קאַפּלאַנצי, —
און מיטגענומען האָב איך ציטערדיק אין וועג
דער מאַמעס טרער אין אויגן אַ צעגלאַנצטע.

מיר האָבן אויסגעמיטן אומעטום
פון דורכפאַל און פון בראָך די גלידער —
ווי ס׳וואָלט איר וואַכע האַרץ — געטריי און פרום —
פאַרהיט די זעקס: די שוועסטערלעך און ברידער.

פאַרפלויגן זיינען שוין אַזויפיל האַרבע יאָר
אין ברויזיקע געוויטערס און געוועטן —
און ס׳פלאַטערן נאָך אַלץ — אַרום דעם פערטן דור —
דער מאַמעס שטילע ברכות און געבעטן...

און דו, וואָס האָסט מיט יוגנט-גלי אַ שפּאַן געטאָן
צו ווייטער ערד פון וואָלגע און פון יאַנגטצע,—
פאַרנעם מיין האַרץ, וואָס פלאַטערט, ווי אַ פאָן,
מיט ברכות, ווי מיט בונטע רויזן-קראַנצן.

האָסט מיטגענומען צוואַנציק פרילינגס אין דיין בלוט,
אַן אָפן האַרץ און פאַרשנדיקע בליקן,
אַ שלאַנגנדיקן קוואַל פון יוגנטלעכן מוט,
און טראָגסט זיך, ווי אויף אויפגעבליצטע בריקן.

איך ווייס: אַן אוצר קוואַלט אַרוים פון דיין געמיט
מיט פ ר י ד און פריינטשאַפט און אַ שמייכל יעדן —
אַ גרוס פון לאַנד, וואָס האָט זיך פיבערדיק צעבליט,
נאָר זוכט נאָך אַלץ אַ וועג: ווי זיך צוזאַמענרעדן...

דער וועג איז גליטשיק און פאַרקאָוועט נאָך אין אייז,
די ווינטער־קעלט פאַרכאַפּט דאָ נאָך דעם אָטעם...
ביסטו, ווי ערשטער שוואַלב, וואָס טוט זיך אַ באַוויַיז,
ווען מילדער פרילינג־ווינט אַ ברי געגעבן האָט אים...

עס וועט דער אייז דער פראָסטיקער זיך געבן אַ צעגיי,
עס וועלן כוואַליעס זיך צעקושן מיטן פרילינג —
און אָפּהילכן וועט יובל'דיקער אויסגעשריי
פון פ ר י ד און פריינטשאַפט — דער ניי־געבאָרן צווילינג...

דעצ. 1957

# „מדבר־בלום"

(רות׳ן — צו אונדזער
38־טן חתונה־יובילײ)

אין געווירבל פֿונעם לעבן
צווישן פֿעלזן, זאַמד און שטײן, —
בלויע מדבר־בלומען װעבן
זײער דופּטיק־מילדן חן.

ס׳גליט אַמאָל די זון פֿון אויבן
און אַמאָל — אַ שטורעם יאָגט;
ס׳פֿאַלט אַ שטויב אויף אַלע שויבן
און אין האַרץ אַ בענקשאַפֿט נאָגט...

שטרעק איך אויס פֿאַרבענקטע פֿינגער
צו דער מילדער מדבר־בלום, —
ווערן אַלע לאַסטן גרינגער,
לויטערט העלער דער אַרום...

דו — אויף אַלע מײנע װעגן —
ביסט געװען מײן מדבר־בלום;
קומסט מיר דופּטיקער אַנטקעגן,
װען מײן האַרץ נאָר רופֿט דיך: קום!

זאָל דער הימל אויבן גליִען,
זאָל אַ שטורעם יאָגן װילד, —
נאָר מײן מדבר־בלום װעט בליִען
אײביק, אײביק רויט און מילד.

דעצ. 25, 1967

# קינדער־טעג פאַרפלויגענע

(חנה'ן, מיין שוועסטערקינד
אין תל־אביב, מיט ליבשאַפט)

דיין שטאָלצער טראַט
באַרירט האָט אונדזער ערד, —
און אַלע קינדער־טעג פאַרפלויגענע
זיך האָבן פלוצים מיר, ווי פון אַ חלום,
אומגעקערט...
ווי טשאַטעס פייגל, זילבערדיק באַפליגלט,
געטאָן האָבן אַ פלאַטער איבער מיר
זכרונות פון אַמאָל:
אַ שטעטעלע צו דער בעריאָזע צוגעטוליעט,
אַ שטיבל מיט אַ גערטנדל דערביי,
וואָס פיל־קאָלירנדיק צעבליט זיך
יעדן מאַי.

דער גוטער, שמייכלענדיקער פעטער דוד,
ער מעקלערט ערגעץ אויפן דניעפּער
מיט ביימער אויסגעוואַלגערטע פון וואַלד;
און קומט ער פון דער ווייט אַהיים, —
ווערט פול די לופט מיט ווייכן קלאַנג
פון זיינע שטילע רייד,
מיט זיין התלהבות'דיקן
„אֵ־לִי־הוּ הַ־נְ־בִ־י־א", „הַ־תִּשְׁ־בִּי", „הַ־גִּל־עָ־דִי",
און מיטן זיפצנדיקן, רחמים־פולן
„על אם הדרך שושנה מתגוללת..."

די האָרעפּאַשניצע,
די קלוגע, שטרענגע קעניגין פון הויז,
די מומע שרה־רבקה, —
איר שלאַנק געשטאַלט באַהאַפטן תמיד איז
צום רעדל פון דער „זינגער"־ניי־מאַשין
ביז שפּעטן אָוונט —
פון באַגין...

און דו?
אין שטעט אין ווייטע זאַמלסט איין
אין רייפנדיקע יוגנט־יאָרן
דעם חכמה־אוצר פאַר דיין ווייטערדיקן וועג...
און ווען עס קומט צו טאַטע־מאַמע
דיינס אַ טרייסטנדיקער בריוו,
— אַ טויבן־בלעטל פון אַ וואַנדערדיקער שיף —
צעפינקלט זיך אין זייער בענקענדיקן בליק
אַ לאַנג־פאַרשטיקטע טרער...

כ׳געדענק:
אַראָפּגעקומען ביסט אין שטעטעלע
מיט ברויז פון גרויס־שטאָט אין געמיט
און ס׳האָט אַ רויש געטאָן אין רואיקן אַרום
מיט אַראָמאַט פון פרילינגדיקן צווייט...
אַרויסגעפירט האָסטו אין בינע־שפילערייען
חדרים־אינגלעך — אַ האַלבן הונדערט —
און ס׳האָט בערעזינס וואַכעדיקע וואָך
צעהוידעט זיך אין יום־טוב׳דיקן וואונדער...

עס האָט דאָס פריילעכע געזאַנג
פון יענע ניי־אַנטפּלעקטע לידער
אויף ליפּן קינדערשע מיט דאַנקבאַרקייט געקלונגען,
און יאָרן לאַנג, פיל יאָרן שפּעטער,
ווען ס׳האָט די צייט אויף באַרג־שפּיצן געקלעטערט, —
האָט זיך אין האַרץ נאָך אַלץ געפּלאָנטערט
— אַ זילבער־פישל אין געפאַנג —
אַן עכאָ פון אַ ציטערדיקן קלאַנג...

כ׳געדענק:
אַ שבת אויף דער נאַכט,
עס האָבן שאָטנס לעצטע שפּורן פונעם טאָג פאַרווישט;
דו האָסט ביים ווייס־געדעקטן טיש
פאַרצויגן פאַר די געסט אַ חסיד׳ישן מאָטיוו,
ברייט און טיף...

ווען ס'האָט דער לעצטער קלאַנג פאַרשטומט
אין שפּעטער שעה פון נאַכט,
האָט עפּעס הינטער פענצטער-שויבן דונערדיק געקראַכט;
דאָס האָט דער שטעטלדיקער עולם דיר
מיט האַנט-געפּלעסק באַדאַנקט
פאַר דיין ניגונים'דיקן ליד-געשאַנק...

דערנאָך...
פאַרלאָזסט האָסטו דאָס שטעטעלע
און ס'האָט אַריינגעוואַלגערט זיך, ווי פראָסט,
די גרויע וואָך;
ס'האָט זיך די פרייד מיט געסעלעך צעשיידט
און זיך אַוועקגעלאָזט נאָך דיינע טריט;
פאַרבליבן איז אין בין-השמשותן
דער ווידער-קול פון יענעם כישוף'דיקן ליד...

דערנאָך...
ס'האָט זיך אויף יעדן מייל פון גרויסן לאַנד
דער ברודער-קריג צעשפּילט,
און מיט די שטעטלשע געברויזן
איז ס'האַרץ דאָס אינגלשע געוואָרן אָנגעפילט...

האָב איך קיין מאָסקווע דיר אַוועקגעשיקט אַ בריוו,
פון טרוימען קינדערשע אַן אמתן נאַריוו.
האָסטו דער מאַמען אגב אורחה'דיק אין ענטפער
צווישן אַנדערעם באַמערקט:
„ישראל חיים שניידט זיך אויף אַ שרייבער,
ווי ס'קוקט מיר אויסעט פון זיין לעצטן „ווערק".

(נעם אויף מיין דאַנק פאַר אויסשפּירן אין מיר
דעם אומגעאַנטן פונק פון דיכטערשן באַרוף).

דיין וועג האָט זיך געצויגן ווייט:
פון מאָסקווע־מעטראָפּאָליע – הבימה׳ס וויג —
ביז תל־אביב,
און האָסט מיט יעדער בינע־שפּיל
דאָס האַרץ פון טויזנטער באַזיגט...

איז אָט,
דיין שטאָלצער טראָט
באַרירט האָט אונדזער ערד,
און אַלע קינדער־טעג פאַרפלויגענע
צו מיר זיך האָבן אומגעקערט...

איך דאַנק אַצינד אין מיין געזאַנג
מיין מזל׳דיקן גורל,
וואָס האָט געפירט דערצו,
אַז צוגעטיילט זאָל ווערן מיר אַזאַ געשאַנק:
אַ שוועסטער־קינד,
ווי דו.

# די גאָלדענע שליסלען

באַלאַדע

(אַ מתנה דעם 30סטן יובילײ פון „איקוף״)

די זון אין איר פורפורנעם מאַנטל
האָט זיך מיטן באַרג-שפּיץ געזעגנט,
און ס'האָבן פון אַלערלײ ווינקלען
די שאָטנס אין טאָל זיך באַגעגנט.

זײ האָבן מײן קאָפּ דעם פאַרטרוימטן
פאַרפּלאָנטערט אין זײערע לאָקן,
האָב איך — ווי אין קינדערשע יאָרן —
זיך פּלוצים אין חושך דערשראָקן.

געדיכטער פאַרוועבן די שאָטנס
מײן פוס-טראָט אין זײער געקלאָמער;
און אומרו אין האַרץ און אין שלײפן
מיט פּײקעלעך האַמערט און האַמערט...

פאַרשוואונדן איז שטאָטישער טומל,
פאַרלאָשן — דער לעצטער לאַמטערן;
מײן בליק טוט אַ וואַנדער צום הימל
און כאַפּט זיך אַרום מיט אַ שטערן.

ניטאָ מער קײן גאַסן און סקווערן,
נאָר הימל און וואַלדיקע בײמער;
און איך אין-דער-מיט מיט מײן אומרו
פאַרוועבט אין אַ וועלט אַ געהײמער...

ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג? — אַ יאָרהונדערט
האָט אפשר די שעה זיך געצויגן,
ביז ס'האָט אַ באַלויכטענער בנין
געגעבן אַ גלעט מײנע אויגן.

אַ פרייד האָט מיין אומרו פאַרביטן,
מיין טראָט האָבן פליגל געטראָגן,
און איך האָב גענומען אין בנין
מיט פויסטן פאַר׳עקשנ׳טע שלאָגן.

געעפנט האָט קוים זיך דער טויער
און ליכט האָט פאַרבלענדט מיינע אויגן;
אַ כח האָט איבערן שוועל מיך
געלאָקט און אַריבערגעצויגן.

אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן... און אַלץ ווייטער
אַריבער די שטראַליקע שוועלן;
עס האָט אַזאַ פריידיקער ציטער
אין האַרצן פאַרפלייצט אַלע צעלן.

מיין גיריקער טראָט אומגעצאַמט איז
און ס׳האַרץ עפנט אַלע אין־סופן;
און וואָס פון מיין אויג איז פאַרהוילן,
האָט האַרץ מיינס אַנטפּלעקט און געטראָפן.

פאַרהאַלטן האָט פלוצים מיין אָטעם
די פּראַכט און די שפע פון וואונדער:
דער סוד פון פאַרשוואונדענעם אוראַלט,
די נסים פון לעצטן יאָרהונדערט;

די שטיינער־געמעלן פון הייל־מענטש,
דער קאָסמישער שריפט אין די רוימען, —
עס האָבן געשיינט דאָ צוזאַמען
דעם מענטשנס אומשטערבלעכע טרוימען...

פון קלענסטן ביז גרעסטן געשטרויכל,
פון שוואַכסטן ביז מוטיקסטן קרבן, —
געררוט האָט אויף זיי אַ צעזונטע
דער רום, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן.

און אויפגעבליצט האָבן צעקלאָרטע
פון אמת'ן טיפע די קוואַלן,
ווי ס'וואָלטן פאַרבאָרגענע שטראַלן
אויף אַלערליי וואונדער געפאַלן:

דער היינט, דער אַנטרונענער נעכטן,
דער ווייטער, פאַרהוילענער מאָרגן;
ווי ס'וואָלטן שוין אַלע והיה'ס
געוועזן אין בראשית פאַרבאָרגן;

ווי אַלץ, וואָס די קלאָרע מחשבה
וועט שפּעטער ערשט רופן ביים נאָמען,
געבליט וואָלט — באַשיצט פון געוויטער —
אין ערשטן אין פרוכטבאַרן זאָמען...

— — —

איך ווייס ניט ווי לאַנג אַ פאַרבלענדטער
אין שיין כ'בין געשטאַנען געבויגן, —
דער בנין איז פלוצים פאַרשוואונדן
פון מיינע פאַר'חלומ'טע אויגן.

די זון האָט דעם זוים פונעם מזרח
באַשפּריצט מיטן גאָלד פון איר שמייכל,
און ס'זיינען די שאָטנס צערונען
אין מאָרגן-שיין ראָזעווע-בלייכן.

נאָר מיר איז ביז היינט נאָך פאַרבליבן
אַ גליאיקער דורשט אויף מיין גומען,
און קלאַנגען פון גאָלדענע שליסלען,
וואָס האָבן דעם טויער צענומען...

# דאָס מיידל פון טאָמאַשאָוו

(לכבוד גינא מעדעמ׳ס 75טן געבוירנטאָג)

גינא...
צווי דינע, צאַרטע סאַמעט־קלאַנגען
האָבן אין אַ צויבער־נעץ
די הערצער פון אַ דור
געפאַנגען.

עס האָבן דורות, מן הסתם, געדולדיק זיך באַמיט
ביז ס׳האָט אַזאַ, ווי זי,
אין אונדזער פרוכט־גאָרטן
קאָלירפול זיך צעבליט.

אָט שטייט זי דאָרט,
דאָס וואונדער־קינד פון פאָלק, —
און מיט די שטראַלנדיקסטע פאַרבן
מאָלט
קאָנטורן פון אַ ווייטער וועלט...
און ס׳האָבן אַלע זייגערס אויף די ווענט
זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט.

זי עפנט ברייט פאַר אונדז אַ טויער נאָך אַ טויער
און פירט אונדז מיט איר זילבער־קלאָרן,
קלינגענדיקן קלאַנגען־וועג
אין ערגעץ ווייט און ווייט
אַוועק...

אָט וואַרפט זי איבער אָקעאַנען
גרינג און האַפערדיק
אַ בריק, —
און ווייטע קאָנטינענטן ווערן נאָענט
אונדזער חלומ׳דיקן בליק.

(זי איז אַליין אַ שווימענדיקער קאָנטינענט,
וואָס רייסט זיך אימפּעטיק פאָרויס,
פאָרויס,
און קיינמאָל ניט צוריק).

דאָס איז דאָך זי,
דאָס מיידל מיט די גרויסע, דורכזיכטיקע אויגן,
וואָס האָט מיט ציטער־צאַפּלדיקן נייגער
געבלעטערט און געפאָרשט
אין פרומען זיידנ׳ס בוידעם־שטיבל
און געפונען:

אַן עכאָ־קלאַנג פון פוילנ׳ס פרייהייט־גלאָק,
וואָס איז געלעגן אַ פאַרשעמטער
צווישן בלעטער פון אַ ביכל
געל און שוואַרץ;

אַן עכאָ־קלאַנג,
וואָס אויפגעציטערט האָט פיל־כוואַליק
אויף די צאַרטע סטרונעס פון אַ וואַכזאַם
מיידלס האַרץ.

דאָס איז דאָך זי,
וואָס איז מיט ציטערדיקע טריט ארויס
פון טאַטנס הויז
אַ גאַט אַ לעבעדיקן אויפזוכן אין נאָענטן „קאַסטיאַל",
און האָט אים — ניט אין הימלדיקע הויכן —
געפונען,
נאָר אין לעבעדיקן, אויפגעוואַכטן פאָלק:

צווישן לאָדזשער הונגעריקע וועבער
און צווישן אויסגעבלייכטע מיידל־פּנימער
אונטער גרויע, קנוילנדיקע קוימען־רויכן;

און שפּעטער —
אין קללה־פולער, אכט־מאָנאַטנדיקער תפיסה־צעל;
און שפּעטער —
אויף די שלאַכט־פעלדער פון באַרצעלאָנא
און מאַדריד און טערועל.

אַט שטייט זי דאָרט, די פלאַטערדיקע זעגל־שיף,
וואָס איז נאָר־וואָס אַריין אין פּאָרט
באַלאָדן מיט ידיעות און מיט גרוסן
פון אַ טויזנט און איין אָרט...

אַט טוט אַ וויי פון איר געשטאַלט
דער קילער אָטעם פון די אַלפּן־בערג;
און אַט —
די מילדע קרימער אויפדערנאַכטן;
און אַט —
די הייסע צוג־ווינטן
פון די מאַדרידער שלאַכטן.

דאָס אויג איז שאַרף
און וואָס דאָס אויג פאַרנעמט
פאַרבלייבט אין האַרץ, ווי אין אַ פויסט אַ זיכערן,
פאַרקלעמט.
דאָס האַרץ איז טיף
און צאַפּלדיק און גערן, —
און ס׳איז ניט פרעמד אים יענעמס פרייד
און יענעמס צער און טרערן:

דער שניידער־יונג פון מינסק,
דער וועבער־יונג פון לאָדזש,
די נייטאָרין פון וואַרשע, —
איין לאַנגע, זויבער־ריינע, פליגל־פּאַכנדיקע,
פּאָנען־פלאַטערדיקע פּרשה.

(איך האָב די נעמען, פּאַכן און די שטעט
ניט־ווילנדיק צעדרייט,
און מיט קיין בילדער־מעטאַפאָרן
ניט באַגלייט.

עס האָט געפעלט אַ האָר
איך זאָל פאַרגעסן נאָך אַ פּאָר:
דעם ווילנער היטל־מאַכער און דעם בלעכער
פון אָדעס.
אַז איך פאַרגעס!
וואָס בין איך דען, אַ גינאַ?
איך זאָל געדענקען אי דעם נאָמען, אי דעם פאַך,
אי דעם אַדרעס?)

און היינט ביסטו מיט אונדז,
דו,
וואָס האָסט אַרויסגעצויבערט מיט דיין לשון־אינסטרומענט
די אַלערלייאיקע געשטאַלטן
און אויסגעקריצט פאַר זיי אין אונדזער האַרץ אַ מאָנומענט.

איז אַ גוט יום־טוב דיר און מזל־טוב, —
טאַכטער ליכטיקע
פון טאַמאַשאָוו.

לאָס אַנדזשעלעס, יאַנואַר, 1961.

## מ ש ה

### פּאָעמע

עס ציען פאַראַוס זיך צוויי אָפּענע וועגן:
אַ שמאָלער איז איינער — מיט טונקעלע ברעגן —

פאַר יענע, וואָס בלאַנקען אַרומעט געבונדן
אין קייטן פון צער איבער אייגענע וואונדן...

אַ שמאָלער דער וועג איז, פאַראיינזאַמט, דערווייטערט,
אין ווינקל פון לעבן דעם גייער פאַרשליידערט...

אַ רחבות׳דיק ברייטער, פאַר מענטש איז דער צווייטער,
מיט טויאיקן אָטעם פון פאָלק אַ פאַרווייטער.

אויף ד ע ם וועג, ווי העלדן, בלויז יענע מאַרשירן,
וואָס זעען דעם מאָרגן אין נאַכט שימערירן;

זיי גייען פאַראויס מיט קאַיאָר אין די אויגן
און ווערן פון האַרבסטיקן ווינט ניט געבויגן...

### 1-טער טייל — די אַלטע היים

#### 1

געווען אין אוקראַינע אַ שטעטל,
— נאָך היינט איז זי אפשר פאַראַן —
געהייסן ב ו ק י, און די גרויס? — ווי אַ שרעטל,
ניט ווייט פון דער גרויס-שטאָט א ו מ א ן.

געלעבט האָט אַ איד דאָרט, ר׳ חיים,
אַ „שרייבער" אין פריצישן וואַלד;
פאַרדינט האָט ער קוים אויף צו קייען,
דערפאַר, אָבער, יחוס, אַ גוואַלד!

אַט דאָ האָט דער קלוגער מיזיניק,
דער יונגינקער משה'לע־כוואַט,
אַריינגעזאַפּט טיף און שאַרפזיניק
דאָס וואָרט פונעם נביא צו זאַט;

דעם שוים פון תלמוד'ישע וועלטן,
דאָס גאָרדנ'שע גליאיקע ליד, —
און אַלץ, וואָס אין שרייבערשן וועלדל
האָט פרוכטבאַר זיך דעמאָלט צעבליט...

און ענג איז אים פּלוצלינג געוואָרן
אין אָרעמען פאָטערשן הויז;
עס האָט מיט איר אייזערנעם אָרעם
די נויט אים געגעבן אַ שטויס...

די קינדער פון דאָרף־אידן דאַרפן
באַנעמען אי מצוות, אי זינד;
און מוחות'לעך יונגע צו שאַרפן
אין פּלאָנטער פון פּשט'לעך פאַרשפּינט...

ס'הויבט משה'ן ניט אָן צו געפעלן
די טעג זיינע זייען אין ווינט,
דאָך הויבט אָן געדולדיק צו קנעלן, —
און אייגענעם ברויט ער פאַרדינט.

2

ווי לאַנג קען אַ בחור, וואָס הונגערט נאָך וויסן,
אין געסלעך אין ענגע פון דאָרף זיך פאַרשליסן?

דאָס לאַנד איז צערודערט,עס פלאַטערט אין צאָרן;
די פרייהייט „צו קינד גייט", וויל ווערן געבאָרן...

עס שפּראָצן־אויף קרייזלעך אין פיין און אין ווייען
און הויבן אָן קערנער פון אויפשטאַנד פאַרזייען;

אַ ווינט האָט געגומען מיט אָנזאָגן בלאָזן...
האָט משה דאָס דערפֿל און קינדער פֿאַרלאָזן.

שווער איז דאָס לעבן פֿון יונגן „עקסטערן",
נאָר ס'לערנט זיך משה אָן אויפֿהער און גערן.

און שטאַרקער פֿון נויט איז זיין גליאיקער גלויבן
אין כח פֿון ווי סן, וואָס וועט אים דערהויבן.

און וועט פֿאַר אים אויפֿפֿראַלן שטאָלענע טירן
און מוטיק צו ליכטיקע טעג אים דערפֿירן...

ווי זוניק זיין פֿרייד איז, ווען ס'זיגט זיין געדולד,
זיין שפֿרודלדיק האַרץ מיט טריאומף איז פֿאַרפֿולט:

מיט „פּינפּער" באַלאָדן דעם שוועל ער באַטרעט
פֿון היכל פֿון קיעווער אוניווערזיטעט.

3

דער צאַרישער פּויסט און דער פּריצישער קנוט
ווילד דרעשן דאָס לאַנד דאָס פֿאַרפּיינטע ביז בלוט;
די ערד איז מיט ווייצן און קאָרן צעבליט,
נאָר הונגער אין לאַנד שפּאַנט מיט טויטלעכע טריט.

דאָס לאַנד איז מיט תּפֿיסות און תּליות באַצירט,
ווי ס'וואָלט זי דער הענקער צו קבֿורה געפֿירט...
נאָר שטאַרקער פֿון קייטן אַ האַרץ איז, וואָס גליט
מיט פֿרייהייט'ס צעלויכטענעם, שטראַליקן ליד.

4

די יוגנט איז מוטיק און משה איז יונג
אין האַרץ, אין נשמה, אין יאָרן;
ד יוגנט האָט טרוימען און משה — ער טרוימט
פֿון מאָרגן, אַ העלערן, קלאָרן.

צו טרוימען איז גוט, נאָר מיט טרוימען אַליין
קענען תפיסות ניט ווערן צעבראָכן;
און ניט מיט געבעט, ניט מיט טרערן־געוויין
באַפרייען זיך פעלקער פון יאָכן...

איז גיך די סטודענטישע אַרבל פאַרשאַרט
און געשטעלט זיך אין פאָדערשטע רייען;
מיט פען אין דער האַנט אַזוי גלאַנציק פאַרשאַרפט:
צו מונטערן, טרייסטן, דערפרייען.

דאָס האַרץ — איבער כוואַליעס אַ שיף —
זיין פען איז אַ שווערד אַ צעבלאַנקטע, —
פאַרלאָזט ער די שול־באַנק אין קיעוו
מיט דרייסטע באַפרייאונג־געדאַנקען...

5

אין ווילנע איז ראַשיק, עס רודערט דער „בונד",
באַדאַרף מען אַ צונג, אַ געשליפענע פען, —
און משה — פון פאָלק אַ באַגייסטערטער זון —
ער שטעלט זיך צום פאָסטן מיט אימפעט פון צען.

זיי וואָרט איז ווי זשאַר און עס שרפה'ט און בריט,
זיין רוף ווערט דערהערט פון דעם אַרבעטער־איד;
דער שטורעם פאַרטראָגט אים אין געסלעך פון פיין
און דרינגט, ווי אַ זון־שטראַל, אין קעלערס אַריין...

און וואו ער דערגרייכט — גלייכט אַ רוקן זיך אויס;
און וואו ער בליצט אויף — טוט אַ האַרץ אַ צעברויז...

עס בריעכט זיך דאָס אייז...נאָר דער הענקערשער פויסט
וויל צאַמען דעם שטורעם, וואָס צאָרנדיק רוישט.
צו צינדן דעם פלאַם פון געוויטער — ווער וואַגט עס?
ווערט משה פאַרקלעמט הינטער אייזערנע גראַטעס.

דעם הערשער אין לאַנד שרעקט פון פרייהייט דאָס ליד, —
און ס'ווערן בונטאַרן אין קייטן געשמידט.

## 6

פינצטער און גרוי זיינען טורמישע ווענט, —
נאָר משה'ס געטרוים איז צום מאָרגן געווענדט...

ער — אין געפאַנג, ווי אַן אָדלער אין שטייג, —
אין האָרץ דאָס געזאַנג ביז די שטערן עס שטייגט;

ער — אין געקלעם, אָבער דאָרט — אויף דער פריי,
הער, ברודער, פאַרנעם: ס'ציטערט פאָרט טיראַניי...

דאָ — שטיל און שטום; „דאָרטן רוישט און עס זידט",
און ס'הילכט אומעטום דאָס באַפרייעריש ליד.

ער — צווישן ווענט, אָבער דאָרט — אין דער וועלט?
יונג זיינען הענט און די פרילינג-זון קוועלט...

און קומט אַזאַ טאָג, וואָס אַ לויכט-טאָן איז גרייט,
וועט איבער די סטעפּעס אַ פלייץ-טאָן מיט פרייד.

פאַלן,ווי שטויב, וועלן טורמישע ווענט...
זיין האָרץ איז פאַרגלויבט אין די שאַפנדע הענט, —
און ווייט — דורך דער שויב
איז זיין חלום געווענדט...

## 7

„איך הויב אויף מיין לאָמפּ
ביי דער גאָלדענער טיר".

פון וויטן, פון איבער צעכוואַליעטע ים'ען,
עס טראָגט זיך אַ קול, וואָס זאָגט צו;
עס כישופט דאָס קול, ווי דאָס קול פון אַ מאַמען,
מיט פרייהייט און פרידן, מיט פרייד און מיט רו...

ווי אַנדערע פריער, — אַ דור נאָך אַ דור —
געטריבן פון נויט, פון געפייניקטער וואָר,
האָט משה דאָס קול פון דער ווייטן דערהערט
און באַטראָטן אַמעריקעס פרוכטבאַרע ערד.

ניט גאָלד אין די טאַשן,
נאָר טרוימען פון גאָלד, —
אין שטורעמס געוואַשן,
מיט שטורעמס געצאָלט.

ניט קלאַנגען פון זילבער,
נאָר זילבער־געזאַנג;
חלומ׳ען וויל ער
מיט יוגנט אין גאַנג.

אויף פעלדער אייראָפּעס —
מלחמה׳שער בראַנד;
ס׳טרעשטשען, ווי סנאָפּעס,
אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד...

נאָר דאָ וועט זיין אָטעם
אין רחבות זיין גרינג;
געלאַקט אַזוי האָט אים,
געמאַניעט: קום, זינג!

די פליגל אים ווילט זיך
דאָ טאָן אַ צעשפּרייט,
ווי ערשט פונעם וויגל,
ווי ערשט פון דער קייט...

ניט גאָלד אין די גאַסן
האָט משה געזוכט, —
נאָר פון „שטרען און פּאַסן״
די גאָלדענע פרוכט...

# ס'איז גוט...

(קלמן מרמר'ן, צו זיין 75טן געבוירנטאָג)

ס'איז גוט, וואָס אין אַזעלכע נעפּלדיקע טעג,
ווען ס'וואָגלט דאָ דער אמת, ווי אַ יתום, —
באַשטראַלסטו אַלץ נאָך אונדזער שטייגנדיקן וועג
און לאָזסט נישט איבערצאַמען מיט קיין שלאָס אים.

פון נביא־קוואַל אַ שעפּ געטאָן האָסט טיף און פריי
אין דיינע צאַרטע שטעטלדיקע יאָרן,
און אויסגעלייטערט האָסטו יעדן טראָפּן אויפדאַסניי
פאַר אַנדערע צו העלן און צו קלאָרן.

האָסט, ווי מיט ליכט־פּאַסן, אַנטפּלעקט אין אַלטערטום
דעם אייביקן געראַנגל פון באַיאָכטן;
דו האָסט אַ ריס געטאָן דעם גאָלד־געפּלעכט פון רום,
וואָס שקר האָט זיך דורות־לאַנג געפלאָכטן...

פון אַלע אוצרות האָסטו אויסגעוויילט דאָס וואָרט,
פון אַלע וועגן — דעם, וואָס פירט צום אמת;
און קיינמאָל נישט קיין מיאונגען געשפּאָרט
אַריינצולערנען יעדערן: באַנעם עס!

און היינט, ווען שוואַכמוטיקער וואַלגערט זיינע קני,
אין ענגן מויזן־לאָך פאַרקריכט דער פּחדן, —
געבענטשט זאָל זיין דיין שעפערישע מי,
וואָס נערט מיט גלויבן־פלאַם דעם איינגעשפאַרטן.

וואָס זאָלן מיר דיר ברענגען היינט פאַר אַ געשאַנק
אין טאָג אין ליכטיקן פון דיין געבאָרן?
ס'גייט אויף פון דאַנקבאַרקייט אין הערצער אַ געזאַנג,
פאַר דיין געשאַנק, וואָס גיין וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָרן.

עס שײַנט פֿון העלן נאָמען דײַנעם יעדער אות
און פֿלאַטערט, װי אַ פֿאָן, אונדז אינעם שטורעם;
דער מאָרגן װעט מיט ליבע הױבן ד י ר אַ כּוס,
װען פֿונעם שונא בלײַבן װעלן ניט קײן שפּורן.

איז גוט אָט אין אַזעלכע װאָלקנדיקע טעג,
װען ס'װאָגלט אום דער אמת, װי אַ יתום, —
צו שעפּן כּח פֿון דײַן ליכטיקן פֿאַרמעג
און מאַכן פֿון די מיטװאָכן ש ב ת י ם...

1951

# זלמן און לאה׳קע

באַלאַדע

(סעם און לינע קלאפּערמאַן —
צו זייער 40־יאָריקן חתונה־יוביליי)

**1**

גרין־באַפּוצטע קורצע זומערס,
שנייאיק־ווייסע לאַנגע ווינטערס, —
דורכגעגאַנגען זיינען פּערציק
און געבליבן ווייט אַהינטער...

האַרבסטן גרויע דורכגעשניטן,
פרילינגס העלע דורכגעפלויגן, —
ווי פאַרביי וואַגאָנען־שויבן
פליען פעלדער פאַר די אויגן...

פערציק יאָר אַזוי צוזאַמען
מיט איין חלום דורכגעשטראַלטע,
אַזש פון יענע שמאָלע געסלעך
אין דער שטאָט דער אַלטער באַלטע.

יענע שטאָט־געסלעך פאַדאָליער
— אין דער פעטער אוקראַינע —
האָט צונויפגעקניפּט צוויי הערצער,
ווי מיט פרילינג־צווייגן גרינע...

ס׳האָט די גויט מיט בייזע פינגער
אָפּגעריסן יונג זייביידן:
אים — פון חדר און פון חומש,
זי — פון קינדערשן גן־עדן;

אים — פון אינגל־שפּילערייען,
זי — פון ליאַלקעס, ווייכן קישן. —
און מיט ציין מיט וועלפיש־שאַרפע
זיך אין זיי אַריינגעביסן.

ס'האָט דאָס לעבן נייע שפּילצייג
זיי דערלאַנגט — אויף זיך ניט שיידן:
נאָדלען שטאָלענע און פאָדעם
ס'גאַנצע שטעטל צו באַקליידן...

2

ער — אַ הויכער און אַ שלאַנקער,
פון די בעסטע שניידער־יונגען;
זי — די אינגסטע און די שנעלסטע, —
האָט ער שטיל איר צוגעוואונקען...

צוגעוואונקען ווייך און ווארעם
ביים אַריינציען דאָס פאָדעם,
ווען דאָס מיידעלע דאָס קליינע
פלעגט שוין סטריגעווען אָן אָטעם;

ווען אין שפּעטע אָוונט־שעה'ען
— אויסגעבלייכט און אויסגעמאַטערט —
האָט זי אַלץ נאָך, ווי די גרויסע,
שנעל די נאָדל־שטעך געשליידערט;

און די אויגן אירע בלויע
האָבן אָפּט זיך צוגעשלאָסן,
ביז די ווייסע אויפן נאָדל
האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן...

איז זיין יונגע הארץ געוואָרן
פול מיט רחמים באַלאָדן
און אויף אירע קינדער־פינגער
איז געוואָרן אַזאַ שאָד אים...

ס'האָבן קוים צען בלויע פרילינגס
אויסגעפילט איר צאַרטן גופ'ל, —
און ס'האָט שוין די נויט די הארבע
זי צו זיך אַרויסגערופן.

אוי, ווי לאַנג איז זעקס חדשים? —
זעקס חדשים — אַ סעזאָן איז:
ס'בליען בלומען און פאַרוועלקן
אין די היימישע וואַזאָנעס;

טייכן פרירן און צעגייען,
פייגל קומען און אַנטרינען;
און עס קלייבן זייער האָניק
אין די בינשטאָקן די בינען.

בליט און וועלקט דאָס קליינע לאה'קע,
און פאַרטאָן דאָרט, ווי אַ בין איז, —
אַ סעזאָן איז ווערט זעקס רובל,
ווילסטו עסן? — גיי פאַרדין עס!

אוי, ס'איז ניט אַזוי די שכירות,
ווי דאָס פּסח'דיקע קליידל;
האַלט דער באַלעבעסל לאה'קען,
ווי אַ הינטל אויף אַ קייטל.

ס'קלאַפּט דער פּסח אין דער טיר שוין,
ס'גריסן ווינטעלעך זיין קומען, —
און דאָס הימל-בלויע וואָל-שניט
ליגט אין ווינקל ניט-צענומען.

ס'בלאָזן פרילינג-ווינטן מילדע
איבער געסעלעך פון באַלטע,
ס'פּלאַצט דאָס אייז שוין איבער טייכל,
פענצטער שטייען אויפגעפראַלטע...

אוי, עס איז דער לעצטע טאָג שוין,
היינט ביינאַכט איז ערשטער סדר, —
און קיין מאָס נאָך ניט גענומען
פאַר איר יום-טוב'דיקער קליידל.

אָפּגעלייִדיקט איז דער ווערקשטאַט
און זי בלײַבט דאָרטן אַליין נאָר ;
ס׳גלאַנצט אַ טרער אין פּײַכטע אויגן,
ס׳ווייִנען מידע אירע ביינער...

קומט שוין צו דאָס באַלעבעסל,
וויל אַראָפּנעמען אַ מאָס שוין, —
טוט דאָס האַרץ בײַ איר אַ ציטער,
ווערן בליקן אויסגעלאָשן ;

ס׳בויגן זיך די קני, ווי זאַנגען,
און צום דיל זי פֿאַלט אַרונטער ;
אויסגעצאַפּט אין יעדער טראָפּן,
ניט געסטאַיעט קיין געזונט איר...

ס׳האָט דער פֿרילינג אָפּגעבליט שוין,
לאַנג איז פּסח שוין פֿאַרגאַנגען, —
לאה׳קעס יום־טוב׳דיקן חלום
האָט דער ווינטער־פֿראָסט געפֿאַנגען...

3

קיינמאָל וועט די צײַט פֿאַרשווענקען
אין זײַן ניכטערן זכרון
יענע אײַנגעקאַרבטע צייכנס
פֿון די צאַרטע קינדער־יאָרן...

ס׳האָט זײַן מאַמע אין פֿאַרטאָגן
זיך אַרויסגעשלייכט פֿון שטיבל,
צווישן פּויערים און קראָמען
שעה׳ען לאַנגע זיך געריבן :

אפשר וועט דער בורא־עולם
אַ פֿאַרדינסט מיט גנאָד איר שענקען
אויף דערהאַלטן די נשמות
פֿון די קינדערלעך, וואָס קרענקען.

אויסגעטראָגן האָט זי צוועלף שוין,
פינף נאָר זיינען איר פאַרבליבן;
איינס נאָך איינס דער מלאך-המות
האָט אין וויג פאַרשניטן זיבן.

ס'האָט דער טאַטע לאַנגע וואָכן
איבער דערפער אומגעוואָגלט
און די נויט געוואָלט דערשטעכן
מיט זיין שניידערישער נאָדל...

ס'האָבן גרויע ווענט פון שטיבל
אָנגעקוקט אַזוי פאַרטרויערט,
ווי אין יעדן ענגן ווינקל
האָט אַ הונגער-וואָלף געלויערט...

נים קיין בגד'ל, קיין שיכל,
הויל און נאַקעט, הויט און ביינער...
קען מען טראַכטן פון שכר-לימוד,
ווען אין האַרצן ליגן שטיינער?

פאַר אַזוינעם האָט שוין באַלטע
אָנגעגרייט אַ תלמוד-תורה,
דאָרטן פלאַנצט מען אין די לייבער
דרך-ארץ, שרעק און מורא;

פאַר אַ קוק אַוועק פון סידור, —
אַ צעפּאָכעַ מיטן רימען;
פאַר אַ שפּיל טאָן זיך מיט חברה, —
אויפן באַק אַ בלויער סימן.

וויפל דאַרף אַ קינד אַן אָרעמס
פאַרן אַלף-בית באַצאָלן?
פאַרן טרוקן בלעטל עברי
דאַרף אַ קינדס האַרץ זיין געשוואָלן?

אוי, דעם אינגלס וויסטער מזל!
אין אַ טאָג אין אַ געוויסן
האָט דעם רבינ'ס דינער קאַנטשיק
אין זיין פלייש זיך איינגעביסן;

און צוויי קיילעכדיקע וואָכן
האָט דאָס זיץ-פלייש אים געבראָטן
און דאָס הערצל האָט געצאַפּלט,
ווי אויף שטעכלדיקע דראָטן...

4

ניט די רחבות פון די פעלדער,
ניט קיין פרייע פייגל-לידער, —
ס'האָט דאָס ענגע שניידער-ווערקשטאַט
זיי אויף שטענדיק דאָן פאַרברידערט.

זיי פאַרברידערט און פאַרשוועסטערט
אין אַ רינג פון צאַרטע טרוימען,
און פון שניידער-שטוב פאַרטראָגן
ביז די וויטסטע הימל-רוימען...

און צעטאַנצט האָט זיך די נאָדל
שוין גאָר אַנדערש צווישן פינגער,
און דער יאָך אויף יונגע פּלייצעס
איז געוואָרן, דוכט זיך, גרינגער.

...נו, איז דאָס געווען אַ זיווג! —
שוין פון קינדהייט אַ באַשערטער;
ניט געדאַרפט האָט מען קיין נדן,
ניט קיין איבעריקע ווערטער...

אַז גערעדט האָט שוין דאָס שערל
און די פלינקע שאַרפע נאָדל;
ווען דאָס האַרץ רוישט, ווי אַ בינשטאָק,
ווער קאָן זיין ביי זיך מער גדול?

„יונג-בונד“, קאַמף-לידער און „סכאַדקעס“,
עפּעס קלאָרט שוין פאַר די אויגן...
ווער-זשע דאַרף שוין כלה׳ס יחוס?
פּוסטע זאַכן צו וואָס טויגן?

בלאַס און טונקל ווערן ווערטער
קעגן שיין פון ליבסטערס בליקן;
ס׳בליען וואונדער אין זיין האַרצן, —
ווילט זיך וועלט צום האַרצן דריקן...

און געפונען האָבן ביידע
אַזאַ זעלטענע עשירות;
זייער האָפן האָט קיין ברעג ניט,
זייער גלויבן — אָן אַ שיעור איז.

וואַקסט די פרייד אין יונגע הערצער,
זייער גליק — ניטאָ קיין שיעור אים!
ניט מיט ווערטער צו באַשרייבן,
ניט מיט רייד פון שיר-השירים...

5

היים-צעוואָרעמט זיינען בלוטן
ביי דער אויפגעוואַכטער יוגנט;
אָנגעכמורעט איז דער הימל
און דער יאָך פּרעסט שווער דעם רוקן...

אומרו האָט דאָס לאַנד פון צאַרן
ווי אַ שטורעם-ווינט געשמיסן,
און פון יעדן איד און קעמפער
האָט מען פאַסנווייז געריסן.

און גערייצט האָט מען דעם אומזין
קעגן אַלע שמאַלע געסלעך,
און גערייצט האָבן אויף יונגען
אַלע זאַטע באַלעבעסלעך.

זיצט די כלה מיט דער נאָדל,
צער אויף פּנים אויסגעגאָסן;
און אין זעלבסטשוץ קעגן רוצחים
טרעט אַריין דער יונגער חתן.

פֿאַלט אַריין אַ יונג אין תּפֿיסה, —
שמייסט מען, שיקן מען אין סיביר אים;
גייען כּלות אוים פֿון בענקשאַפֿט,
זיצן מאַמעס אין יסורים...

איז געוואָרן ענג און ענגער
אינעם שטעטל — ביז צו וואַרגן;
קאָן שוין מער ניט אונדזער פּאַרל
דאָרט פֿאַרבלייבן — כאָטש דער׳הרגע!

ענג פֿאַר זיך און זייער חלום,
ענג און שווער פֿאַר הערצער יונגע;
האָט אַ צי געטאָן די ווייט זיי
און האָט פֿריידיק צוגעוואונקען...

זייט געזונט, אָ, שטעטל באַלטע,
זייט געזונט, ערד אוקראַינער, —
שווער מיט אייך זיך צו צעשיידן
נאָר מיר שיידן זיך אָן שנאה;

פֿעסט אין הארץ איז אונדזער גלויבן:
נייע קומען וועלן צייטן
און אַן אויפֿגעשטראַלטער פֿרילינג
וועט דיין ווינטער-קעלט פֿאַרבייטן...

## 6

גייט אַ שטראָם פֿון קליינע שטעטלעך
איבער אומגעצאַמטע ים׳ען;
טאַטעס לאָזן איבער קינדער,
קינדער לאָזן איבער מאַמעס.

ס׳ציט דאָס ווייטע „לאַנד פון פרייהייט״
לאַנד פון שטאָל און הימל-קראַצערס,
לאַנד פון אונטער-ערד טונעלן
און פון אימפעט און פון פּראַצע.

מיטן שטראָם גייט אונדזער פּאָרל,
זלמן, לאה׳קע — אַזש פון באַלטע;
הערצער — קלאַפּנדיקע פליגל,
אויגן — אומרואיק-צעשטראַלטע.

יונגע הערצער פול מיט האָפן,
איבער תהום׳ען ניט געציטערט;
ס׳שניידט די שיף די בייזע כוואַליעס,
שניידט און וויגט זיך אין געוויטער.

טעג און נעכט די כוואַליעס רוישן
און די שיף אָן אויפהער וויגן;
ווי די ווילדע שדים-שטיפער,
ווערן קיינמאָל ניט אַנטשוויגן.

ניט קיין פעלד און ניט קיין וועלדל,
ניט קיין בוים און ניט קיין צווייגל...
זיצט דאָס פּאָרל אין קאַיוטע,
ווי צוויי טויבן אין אַ שטייגל.

האָט דער ים שוין מער קיין ברעג ניט?
דאַרפן כוואַליעס מער קיין רו שוין?
ווערט דאָס אויער ניט פאַרנעמען
גאָרנישט, גאָרנישט, נאָר דאָס רוישן?

אוי, דער ים האָט טויזנט מיילער
און די כוואַליעס — ווייסע ציינער;
און ניטאָ אַרום קיין שומר —
זיי אַליין נאָר — ווייטער קיינער;

ווען די שיף שוין דאַ פֿאַרבלייבן
פֿון די ים־כוואַליעס געפֿאַנגען
און וועט צווישן ים און הימל
אייביק בלייבן אויפֿגעהאַנגען?

אפֿשר וועלן זיי שוין בלייבן
מיט די כוואַליעס דאָ אין מיטן, —
אויף דער נייער ערד ניט לאַנדן
און פֿון באַלטע אָפּגעשניטן...?

7

איידער ס׳האָט געטאָן דער צווייפֿל
טיף אין האַרץ זיך אַ פֿאַר׳גנבֿע,
טוט אַ לויכט דער „פֿרייהייט־פֿאַקל"
אין דער ווייט, ווי אויף אַ קאַנווע.

ס׳האַלט אַ האַנט פֿעסט הויך דעם פֿאַקל,
ס׳הויבט אַ פֿרויען־קאָפּ זיך זיכער...
הויבט אָן בלוט אין מידע גלידער
פֿליסן גיכער, גיכער, גיכער.

ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס פּנים שמייכלט,
ס׳לאַדט, ווי געסט, זיי איין דער פֿאַקל,
און די פֿריינטלעכע סטאַטוע
טוט אין שטראָם זיך ניט קיין וואַקל.

— זע נאָר, לאה׳קע, אירע אויגן!
— זע נאָר, זלמן, אירע קליידער!
— זע דאָס בוך אין האַנט אין צווייטער,
ווי זי וואָלט געטאָן אַ נדר;

ווי זי וואָלט גערופֿן יעדן
איבער אַלע ווייטע ים׳ען:
קומט צו מיר, פֿאַריאָגטע קינדער,
כ׳וועל אייך שיצן, ווי אַ מאַמע...

אַט אַזוי האָט אונדזער פּאָרל
ס'נייע לאַנד דערגרייכט בשלום
און געריבן זיך די אויגן:
איז עס וואָר, צי נאָר אַ חלום?

דרייען זיך אין קאַראַהאָדן
גאַס און טויער פאַר די אויגן,
און די שילדן טאַנצן, בלענדן
ווי אַ העלער רעגן-בויגן...

ס'אָטעמט שווער נאָך אונדזער פּאָרל
פון דעם נס, וואָס האָט געטראָפן,
נאָר דעם פּחד טרייבט פאַנאַנדער
אַזאַ איינגעשפּאַרטער האָפן;

ס'וועט געווים אויף ערד אויף נייער
אַלץ באַקומען נייעם זינען,
און די בענקשאַפט נאָכן שטעטל
וועט צעגיין זיך און צערינען...

טערפּקע שטעטלדיקע יאָרן
האָבן זיך אין בלוט באַהאַלטן,
ווי די בריענדיקע טרערן
אין די בגדים'דיקע פאַלדן;

צאַרטע קינדערשע חלומות,
גלי פון יוגנטלעכע פלאַמען;
און די נויט, וואָס האָט באַגלייט זיי,
תמיד טרוימענדיק צוזאַמען...

8

...אוי, פאַרוואָס ווערט יעדער חלום
אַזוי גרויזאַם גיך פאַרשניטן
און מען קאָן אים ניט פאַרהאַלטן
און אויף שטענדיק אים פאַרהיטן?

און פאַרוואָס די שיינע טרוימען
טראָגן שנעל זיך און אַנטרינען,
ווי די באַנען אין טונעלן,
ווי די כחות ביי מאַשינען?

ס׳יאָגן גיך די ניי-מאַשינען
אונדזער יונגן גרינעם פּאָרל,
און דער אויסגעבענקטער חלום
הענגט שוין קוים-קוים אויף אַ האָרל...

און עס אַרט ניט די מאָטאָרן
ווינטער-פרעסט און זומער-היצן,
און עס קאָן דער שטאַרקסטער מויער
זייער חלום ניט באַשיצן.

ס׳פרעסט דער שאַפּ אויף די פאַרנאַכטן,
ווי אַ שלאַנג, שלינגט איין פרימאָרגנס;
און פון אײלן מיטן ביסן
ווערט מען שיעור מיט אים דערוואָרגן...

אוי, צו וואָס אַזאַ געיעג דאָ
פון די שטאָלענע מאַשינען?
וועלכע אומגעאַנטע גליקן
יאָגן זיי זיך צו געפינען?

קומען אָן געדאַנקען שווערע
און עס עקבערן מחשבות:
איז דאָס „מיידל מיטן פאַקל״
דאָרט געשטאַנען אויף קאַטאָוועס?

הויבט דער קאָפּ זיך אָן צו קלאָרן
און עס שטאַרצט אין אויג דער איבל:
איינער זיצט אין „הויכע פענצטער״
און אַ צווייטער, אין אַ גריבל...

ס'איז דאָס זעלבע, וואָס אין באַלטע,
נאָר די מאָס איז ברייטער, גרעבער:
איינער קוים פאַרמאָגט אַ שפּענדל
און דער צווייטער — פולע צעבער;

איינעם שטיקט די נויט, ווי צוואַנגען,
און אַ לעבן־לאַנג אים מאַטערט;
און דער צווייטער — פּרעך און לוסטיק —
אוצרות גאָלד אויף זיך צעפּאַטערט.

איינעמס דירה — גראָם און ליכטיק,
אַלץ אַרום — נאָר גראָז און הימל, —
און דעם צווייטנס בלויז פיר איילן,
אַלט און פינצטער און פאַרשימלט...

עך, באַדאַרף מען עם פאַררריכטן,
גוט פאַרריכטן אָט דעם טעות;
נאָר מיט אַלעמען אינאיינעם, —
און קיין אַנדער וועג נ י ט אָ א י ז...

שליסט מען הענט מיט הענט צוזאַמען,
שטעלט מען צו שוין אויך אַן אַקסל;
ס'האַלט ניט אָפּ קיין שום געוויטער,
ניט קיין היצן, ניט קיין שלאַקסן.

ס'זעט דער מאָרגן זיך אין היינט שוין,
ווען דער קאָפּ איז קלאָר און ליכטיק;
גרינגער ווערט דעם יאָך צו שלעפּן,
ווען דו טראַכסט: דער וועג איז ריכטיק.

## 9

גייען, לויפן זיך די יאָרן,
דאַכט זיך — ס'ווערט דאָס לעבן לינדער:
ס'האָט די ליבע זיי באַשאָנקען
מיט איר פרוכט — צוויי בלאָנדע קינדער.

עך, די פרייד פון טאַטע־מאַמע,
ווי אין הערצער ווילד זיך צאַפּלט!
נאָר די נויט, ווי אויף צו להכעיס,
הויבט זיך אויף אויף נאָך אַ שטאַפּל...

און דערפילט האָט זיך דאָס פּאָרל
פּלוצלינג ענג אין מעטראָפּאָליע,
ווי אַמאָל אין קליינער באַלטע
אין אוקראַינע, אין פּאָדאָליע...

זייט געזונט, אַטלאַנטיק־ברעגן,
מזרח־שטאָט, ניו־יאָרקער סקווערן! —
ס'האָט אַ צי געטאָן דער מערב,
זיינע פּאַלמען, זיינע שטערן...

און די אייביק־גרינע פעלדער,
און די טיפע בלויע הימלען, —
אפשר וועט נאָך כח סטאַיען
און ניט יונגערהייט פאַרשימלען.

איינגעפּאַקט און איינגעוויקלט
איז דאָס קלייניקער פאַרמעגן
און פאַראויס צום וויטן מערב,
דעם פּאַסיפיק־ים אַנטקעגן!

ווילד און ווילדער יאָגט דער באַן זיך,
שלינגט די מדבר'דיקע מיילן, —
ווי ער וואָלט די זון דעריאָגן
און זי איבעריאָגן איילן.

ס'האָט דער וועג שוין גאָר קיין סוף ניט,
ס'אָטעמט מדבר אַ צעקאָכטער;
ס'יאָגט דער באַן, ווי אַ מטורף,
ווי באַגאַנגען וואָלט אַ מאָרד ער;

און פון מאָרד ער וויל אַנטלויפן
אַן עיר־מקלט צו געפינען, —
און ער טראַסקעט און ער שיפּעט,
ווי ער וואָלט אַראָפּ פון זינען...

ס׳האָט דער רויך פון באַן געפלאַטערט
און געצאַפּלט און געציטערט,
ווי דאָס האַרץ פון אייזנבאַן וואָלט
אויך געוועזן אַצינד פאַרביטערט...

טעג און נעכט אין וועג אין לאַנגן;
אויסגעמאַטערט און צעבראָכן,
איז דאָס פּאָרל אָנגעקומען
אין דער „שטאָט פון די מלאכים";

אָנגעקומען מיט צוויי בנים,
ס׳אַראַ ליכטיקער פאַרמעגן!
דאַרף מען ווידער נעמען בויען
פון דאָס ניי... פון זייערט וועגן:

ס׳זאָל קיין שלעכטס זיי ניט פאַרפירן,
ס׳זאָל קיין אומרעכט ניט צעטרעטן;
צערטלען זאָלן זיי דעם אמת
און דעם שקר ניט פאַרגלעטן...

ווידער אָנהויבן צו שלאָגן
וואָרצלען טיף אין ערד אין היגער;
און אַנטקעגנגיין דעם לעבן
מיט עקשנות, ווי אַ קריגער.

און געבענטשט האָט היגע ערד זיי
און אַ טעכטערל געשאָנקען;
דאַרף מען ענגער זיך פאַרגאַרטלען
און קיין רגע׳לע ניט בלאָנקען...

## 10

אַט אַזוי שוין דרייסיק יאָרן
קוקן פון דער הויך די פּאַלמען
און באַוואונדערן דאָס פּאָרל:
אונדזער לאה׳קע, אונדזער זלמן.

ניט געקאַרגט האָבן די יאָרן
און באַשאָנקען מיט פּרעזענטן:
זיבן פּנים׳לעך געטאָקטע,
זיבן אייניקלעך — פּראָצענטן...

זייער היים פאַר געסט איז אָפן,
זייער טיש איז אַ געגרייטער;
קומט אַ רוף פאַר הילף אין נויטן, —
עפנט זיך אַ האַנט אַ ברייטע.

אָנגעזאַמלט האָבן הערצער
אַזאַ זעלטענע עשירות:
ס׳איז די חבר׳שאַפט די ריינע,
און די פריינטשאַפט — אָן אַ שיעור איז.

שטייען אָפן טיר און פענצטער,
פון די גאַסטפריינטלעכסטע דירות;
קומען חברה זיך צוזאַמען, —
טראָגן יום-טוב׳דיק זיך זמירות.

פערציק לאַנגע יאָר צוזאַמען
מיט איין חלום דורכגעשטראַלטע —
אַזש פון יענע שמאָלע געסלעך
אין דער אַלטער שטעטל באַלטע...

1952

# דער אויפשטאַנד אין דער געטאָ

(געשריבן צו דער מוזיק פון וואלדעמאר הילי)

איבער וואַרשעווער גאַסן טראָגט זיך ווידער אַפּריל,
און מיט וואַרעמע ווינטלעך דער פרילינג זיך שפּילט;
נאָר הימל איז גרוי איבער געטאָ,
פאַרלאָזענע גאַסן אַרום;
ס'הילכט חוצפּה'דיק גרויזאַם
פון פיינטלעכע טריט דער געברום.
אין הייזער פון געטאָ דער פּסח איז גרייט
און ס'בענקען די הערצער נאָך יום-טוב און פרייד...

ערשט ניט לאַנג האָט מיט אידן געראַשט יעדער ראַג,
ס'האָט די מענטשלעכע מי אָנגעפּילט יעדן טאָג.
פון פריען באַגינען ביז אָוונט
גערודערט האָט קינד דאָ און קייט,
און ס'האָט זיי דער הימל מיט חסד
די זאָרגפולע יאָרן באַגלייט.

נאָר אַנדערש עס אָטעמט היינט וואַרשע:
פאַרשוואונדן איז אָרעמע גליק;
דער הענקער דער ברוינער פאַרצוויגן
האָט איבער דער געטאָ די שטריק.
און דעכער און בונקערס און נאָרעס
זיך שטיקן מיט אָנקום פון גרויל;
אַ פינצטערע בלוטיקע כמאַרע
מיט אָנזאָג פון טויט איבער גאַסן זיך קנוילט...

פרימאָרגן אין געטאָ איז פול מיט פאַרדאַכט,
אַ בייזע ידיעה דער ווינט האָט געבראַכט:
ס'וועט היינט צו דעם סדר דעם ערשטן
דער קוילער זיך טאָן אַ באַוויז, —
און שלעפּן וועט ער אין וואַגאָנען
פאַר אויוונס זיין טעגלעכע שפּייז...

עס האָבן די אידן אין געטאָ
פאַרלאָרן אויף אייביק די שרעק;
עס האָט יעדע האַרץ און נשמה
דער רוף צו נקמה געוועקט.

עס האָבן די אידן געשוואָרן:
ניט גיין צו דער שחיטה, ווי שאָף;
אויב פאַלן — איז פאַלן מיט ערע,
זאָל קריגן דער מערדער זיין שטראָף!

פאַר אַלע יסורים און פיינען,
פאַר כבוד פון אידישן פאָלק, —
מיט פייער פון הייליקן וואָפן
זאָל ווערן דעם שונא באַצאָלט!

ס׳איז מעכטיק דער בלוטיקער שונא,
געפּאַנצערט אין אייזן און שטאָל, —
נאָר מעכטיקער קלינגט אין דער געטאָ:
פאַר איטלעכן קרבן — באַצאָל!

אין הונגער, אין ווײ און אין בראָך,
מיט הערצער פון צאָרן צעגליט, —
אַרויס קעגן בלוטיקן תלין,
אַרויס איז אין אויפשטאַנד דער איד.

און ס׳האָט איבער שונא געהאָגלט
מיט שנאה, מיט פייער און פלאַם;
ביז ס׳האָט יעדן בנין פאַרשלונגען
איין פלאַמיקער, בלוטיקער ים...

ס׳וועט ווידער מיט גרין זיך באַצירן
די ערד די צעווייקטע פון בלוט,
נאָר העל, ווי די שטערן, וועט שיינען
פון קדושים די גבורה און מוט.

און ס׳וועלן די שטערן דערציילן,
ווי פרייהייט האָט מענטשן באַזעלט, —
אַז קיינער זאָל מער ניט פאַרשוועכן
די פרידלעכע מי אויף דער וועלט!

## וואַנדערט, וואָלקנס . . .

וואַנדערט, וואַנדערט, וואָלקנס גרויע
איבער ווייטע הימל־ראַנדן;
זאָל די זון פון רוימען בלויע
דאָ הי, ווי אַן אורח, לאַנדן.

זאָל זי מיט איר שטראַלן־פעכער
אַלע נאַכט־שאָטנס פאַרקערן,
און מיט ליכט־געפילטע בעכער
הערצער גאַרנדיקע נערן.

אירע צאַרטע שטראַלן־פינגער
זאָלן מענטשן־צער צעפליקן;
ווידער זאָל זיך פריי צעזינגען
לויטער פרייד אין אַלע בליקן.

וואַנדערט, וואַנדערט, וואָלקנס גרויע
און פאַרשווינדט פון הימל־רוימען;
קום, אָ, זון, און ריים פאַנאַנדער
אַלע כמאַרעדיקע צוימען...

## זייער ליד אין האַרץ זיך טורעמט...

עס בריען נאָך אַלץ מיינע וואונדן
און ס׳לאָזט זיך מיין ווײ נים פאַרווינן;
די גאָלדענע קעפּ די באַזונטע
אין בליקן אין מיינע זיך וויגן...

איך זע זיי ביינאַכט אומבאַפלעקטע
מיט אויגן פון וואונדער צעפּראַלטע, —
ווי וועכטער אין שטורעם צעוועקטע,
מיט רומפּולע קרוינען געזאַלבטע.

געהיים האָט דער טויט אומגעריכטער
פאַרהאַקט זייער וועג אין געקלעטער;
די פּען די געבענטשטע פון דיכטער
מיט גיפטיקע פינגער צעשמעטערט...

דער בראָך האָט מיך פּלוצים געטראָפן,
מיט בגידה מיין האַרץ מיר צעשמיסן, —
ווי ס׳וואָלט מיך דער שונא אַנטוואָפנט
און אָפּגע׳סמט איטלעכן ביסן.

עס האָבן אין וועג דורכגעשטורעמט
אַזויפיל שוין פיינפולע יאָרן, —
נאָר ליד זייערס פעלדזיק זיך טורעמט
און פלאַטערט אַזוי אין זכרון...

מיין האַרץ איז אַ דורשטיקס צעעפנט
און ס׳פלייצט אַ צעהעלטס זייער ליד, —
נאָר ענגער מיט צער זיך באַהעפטן
אויף טרוקענער ערד מיינע טריט...

אגוסט, 1967

# אין חבר׳שאַפט
# און פריינטשאַפט

# חבר׳שאַפט

גיי אויף, פון חבר׳שאַפט דאָס ליד,
און האַרץ מיט האַרץ פאַרקניפּ צוזאַמען;
ס׳האָט דיך די צייט דאָך אויסגעשמידט
אין אירע שמעלצנדיקע פלאַמען.

ווי הייסער זשאַר פאַלט יענעמס טרער
און זידט אין אונדזערע געמיטער;
און וואו נאָר רשעות אויף דער ערד, —
אין פּנים שמייסט זי אונדז מיט ריטער.

האָט ווער די ערד־קרייזן געציילט?
האָט ווער די וועג־צייכנס געמאָסטן?
ס׳האָט יעדע וואונד די צ י י ט געהיילט
און ניט געלאָזט דאָס בלוט פאַרראָסטן.

ווער וואַגט דעם בונד פון חברשאַפט
מיט הענט מיט אומריינע אַ ריס טאָן?
דאָס ב י י ז וועט אָפּטרעטן פאַרגאַפט,
ווען הענט אין חבר׳שאַפט זיך שליסן.

# ווען ס׳דרייט אין דרויסן דער געוויטער

(געווידמעט די אידישע פראַטערנאַלע
קלובן צו זייער 13טן יובליי)

ווי גוט איז זיין דאָ צווישן אייך,
ווען ס׳רוישט אין דרויסן דער געוויטער;
ווער איז, ווי מיר, נאָך אזוי רייך
מיט עכטער חבר׳שאַפט פון ברידער?

אַ דרוק פון האַנט; אַ בליק, וואָס שיינט;
אַ וואָרט, וואָס וואַרעמט און וואָס מונטערט, —
ווי אַלעמאַל, איז גוט אויך היינט
צוזאַמען גיין און ניט באַזונדער.

דער וועג איז שווער? דער וועג איז לאַנג?
דער פיינט ניט אָפּלאָזן וועט גערן? —
נאָר זע: צעפינקלט העל אין גאַנג
איז אומבאַזיגטער מאָרגן-שטערן!

ס׳גייט אויף זיין ליכט אין יעדן דור
און אין געראַנגל אונדז דערמוטיקט;
אויב ס׳ווערט נאָר גרינגער אויף איין האָר, —
האָט ניט אומזיסט דער מענטש געבלוטיקט!

איז גוט צו זיין דאָ צווישן אייך,
ווען ס׳רוישט אין דרויסן דער געוויטער —
דאָס הארץ איז קרעפטיק, זוניק, רייך
מיט רייפער חבר׳שאַפט פון ברידער!

# אַז וואויל איז צו דעם . . .

אַז וואויל איז צו דעם, וועמעס עלטער
פאַרשעמט ניט זיין ליכטיקע יוגנט,
און וואויל איז צו דעם, וואָס האָט קיינמאָל
מיט לויב פון אַמאָל זיך באַנוגנט.

ניט גרינג איז געווען דאָך פאַר קיינעם
די פוס-טריט די ערשטע אין לעבן:
גאַנץ פרי האָט די נויט אונדז גענומען
אין נעצן אין אירע פאַרוועבן.

און יעדן דערלאַנגט אַ מתנה:
אַ האַמער, אַ שער, צי אַ פרעסל;
און אָפּט איבער ים'ען פאַרוואָרפן
פון אייגענעם, היימישן געסל.

פון חדר — אין שניידערשן ווערקשטאַט,
צו דרייצן — אַ יאָט צווישן טוער, —
די פראַצע האָט יונג אונדז געלערנט
די ווערדע פון שניידער און בויער.

די מי האָט צעליכטיקט דעם מוח,
געעפנט אַ טירל צום מאָרגן, —
האָט קיינער געוואָלט, אַז זיין טאָג-ליכט
זאָל ווערן אין חושך דערוואָרגן...

אַרויס איז דער צאָרן אין גאַסן
מיט שטורעמס פון הילכיקע לידער,
אַזש ס'האָבן די ראָגן געציטערט
מיט אויפברויז פון „שוועסטער און ברידער"...

עד, יאָרן...זיי זיינען געפלויגן
ווי כוואַליעס אין רוישיקע ים'ען:
אַרויף אין דער הויך און אַרונטער,
צעשפּליטערט און...ווידער צוזאַמען...

נאָר גוט איז צו וויסן: קיין טראָפּן
פון מי גייט אומזיסט ניט פאַרלאָרן, —
פון איינצלנע ליכטיקע פונקען
דער הימל הויבט אָן צו קלאָרן.

און גוט איז אין האַרץ צו פאַרקריצן
מיר זאָלן עס קיינמאָל פאַרגעסן:
פאַרבליבן ביז היינט איז דער אָפּשיין
פון יענע צעפלאַמטע מעת־לעתן...

און יום־טוב׳ן מיר היינט געבורטסטעג
פון טייערע באָבעס און זיידעס —
געדענקט־זשע: ס׳איז יעדער געבורטסטאָג
פון מענטשלעכער פראַצע אַן עדות;

אַן עדות פאַר יענע, וואָס האָבן
„פאַרלאָרן די שרעק פאַרן שונא",
און בויגן די קני ניט אין פּחד
פאַר גלאַנציקע, גילדערנע קרוינען...

אַן עדות פאַר יענע, וואָס ווענדן
נאָך היינט זייער טראָט צום קאַיאַר,
און ווילן דעם חלום פון פרידן
פאַרוועבן אין ווירקלעכער וואָר...

איז וואויל היינט צו דעם, וואָס האָט קיינמאָל
מיט לויב פון אַמאָל זיך באַנוגנט,
און טויזנט מאָל וואויל — וועמעס עלטער
פאַרשעמט ניט די ליכטיקע יוגנט.

# מיין האַרץ איז אָפּן

(גבריאל סאַנשײַן'ען און די זינגער
פון אונדזערע כאָרן — געווידמעט)

מיין הארץ איז לאַנג שוין וואַך און אָפן
פאַר דרייסטן קלאַנג פון אייער ליד;
פון זינט כ'האָב זי אין וועג געטראָפן,
באַגלייט זי מיינע שווערע טריט.

אין שנעלן לויף פון הארבע שעה'ען,
אין וואָכעדיקן מידן גאַנג, —
גייט אויף, ווי זון אויף הימלען גרויע,
די פרייד פון אייער פאָלקס-געזאַנג.

דער בינע-פאָרהאַנג איז צענומען,
עס שווייגן ווענט פון הויכן זאַל;
אין חלל פלאַטערן געברומען
פון פאָלק'ס געבענטשטן לידער-קוואַל.

עס לויכטן פנימער און בלוזעס,
זיי מישן זיך מיט שוואַרצע רעק:
דאָרט שוועבן אויסגעצירטע מוזעס
און טראָגן ווייט מיין הארץ אַוועק...

נאָר ניט צו וואָלקנדיקע הייכן
פאַרבלאַנדזשעט ערגעץ-וואו מיין בליק, —
דער זועג איז איבער ערד געצייכנט
און ציט זיך צווישן וויי און גליק...

אַט טראָגן זיך באַזונדער קלאַנגען
און אַט — צוזאַמען, ברייט און טיף;
מיין בענקשאַפט ווערט פון זיי געפאַנגען,
ווי פון די ים-כוואַליעס — אַ שיף.

איך הער אין זיי דעם צער פון נעכטן,
אַ מאַמעס וויג־ליד זאַנפט און צאַרט;
דעם אויסגעשריי פון דעם גערעכטן,
וואָס בויגט דעם קאָפּ ניט פאַר קיין מאַכט.

איך הער: עס טראָגט זיך מעכטיק ווידער
פון לאַנד צו לאַנד דער פרידן־רוף,
און איבער קעפּ אַ טויבן־פלאַטער
צעוויגט די אָנגעגליטע לופט...

מיין האַרץ איז לאַנג שוין אָפן, זינגער,
פאַר דרייסטן קלאַנג פון אייער ליד;
אין שווערן גאַנג עס שפּאַנט זיך גרינגער,
ווען אייער ליד באַגלייט די טריט.

# דער פֿאָלק־זינגער

פֿון אַלע געבענטשטע געשאַנקען
אויף ערדישן, פֿליסיקן גאַנג,
זיין האַרץ איז געוואָרן געפֿאַנגען
פֿון פֿאָלקישן אידיש־געזאַנג.

פֿון קינדערשע אומרייפֿע יאָרן
ביז היינטיקע שווערלעכע טריט
באַגלייט אים, ווי זון אין קאַיאָרן,
דאָס האָפֿערדיק, האָפֿנדיק ליד.

ער איז דער באַשיידענער זינגער
מיט לויב און מיט רום ניט געקרוינט;
נאָר ווען דעם געמיט ער פֿאַרגרינגערט, —
מיט פֿאָלקס־ליבע ווערט ער באַלוינט.

אין רוישיקער, ברייטער מסיבה,
אין ענגן, אין חבר׳שן קרייז, —
די פֿרייד שפּאַנט די טיר־שוועל אַריבער
ווען ער מיט געטאַר זיך באַווייזט.

דער פֿלאַנצער קלייבט לאַנג פֿאַר זיין גאָרטן
אַ בלימל, אַ גרעזל, אַ פֿלאַנץ;
און ער האָט דורך יאָרן געפֿלאָכטן
פֿון לידער אַ פּרעכטיקן קראַנץ.

געשעפּט האָט ער ניגון נאָך ניגון
פֿון גאָרטן, וואָס פֿאָלק האָט פֿאַרזייט,
און האָט זיי געגעבן אַ תּיקון
צעטיילנדיק יום־טובדיק פֿרייד.

אַט שטורעמט זיין קול מיט געדרודער
פון ראַנגלעניש איבער דער ערד;
און אַט אַ געזאַנג פון אַ מוטער
פליסט שטיל און פאַרבענקט און פאַרקלערט...

דאָס היינטיקע ליד קלינגט זיך איבער
מיט לידער פון וויטן אַמאָל;
אַ ליד פון אַ נגב׳שן גיבור
מיט ליד פון אוקראַינער טאָל.

אַ ליד פון כנרת און ירדן
זיך חברט מיט וואָלגישער ליד, —
און קלאַנגען אינטימע און צאַרטע
זיך טוליען אין אונדזער געמיט...

און זינגט ער פון אייביקן שלום, —
באַגלייט אים צעהילכטער געזאַנג;
און אויגן צעליכטיקטע צאָלן
מיט גליאיקע פונקען פון דאַנק...

פון אַלע געבענטשטע מתנות
אויף ערדיש־באַפרוכפערטן גאַנג,
זיין האַרץ האָט פאַרוועבט מיט עקשנות
דאָס פאָלקישע ליד אין געזאַנג.

## ס׳איז פול דאָס האַרץ . . .

ס׳איז פול דאָס האַרץ היינט מיט באַגערן
און חבריש מיר דריקן זיך די הענט;
ס׳איז גוט, וואָס אין דעם פייער פון געראַנגלען
מיר האָבן טרייע מיטשפּאַנער דערקענט.

אָט שפּאַנען מיר די שוועל אַריבער,
וואָס פירט אויפס׳ניי אין מאָרגן-וואַלד אַריין;
ווער אונדז די זון-ליכט ווערן ליבער?
און שוימען וועט די פרייד,
ווי פולער כוס מיט ווײַן?

אין קיים פון פיבערדיקע יאָרן
אַריינגעשמידט ווערט נאָך אַ רינג;
און ווידער ווערט אין האַרץ געבאָרן
אַ וואָרט אַזאַ, וואָס לויכט און זינגט.

ס׳איז גרויס פון ווערטער דער פאַרמעגן,
נאָר היינט דאָס איינציק שלום-וואָרט איך שיק;
איך שאַל צו יעדן אים, וואָס קומט אַנטקעגן,
און כ׳וואַרט, אַז ברענגען זאָל עס מיר
דאָס זעלבע
אויף צוריק . . .

# אין טאָג פון דיין געבוירן

(צום 75טן געבוירנטאָג פון נ. פּאַרמאַנסקי)

דריי פערטל פון אַ שטורמישן יאָרהונדערט
האָסט איבער לעבנס־וועגן דורכגעשפּאַנט;
האָסט קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט אָפּגעזונדערט,
נאָר מיט דער צייט מאַרשירט ביינאַנד.

די שווערע שעה, וואָס האָט אַרויסגעשליידערט
דיין ערשטן טראָט פון שטעטעלע אַמאָל,
האָט אין דיין האַרץ אַ חלום אויסגעלייטערט
און נאָכגעגאַנגען ביסטו נאָך זיין קול...

דער גורל האָט דיך, ווי אַ מאַמע, ניט געצערטלט;
ער האָט דיר פרי דערלאַנגט אַ נאָדל אין די הענט,
און ניט אויף שפּאַס מיט דיר זיך היים צעווערטלט,
ווען מיט איר שטאָך ער האָט דיך דאָן באַקענט.

עס האָט דער גורל פעסט דיך אָנגענומען
און דיך געטראָגן און געשטויסן און געפירט:
ער האָט ניט מיט קיין טעפּיכן און בלומען
דיין בליענדיקע יוגנט אויסגעצירט.

ביסט שטעט און לענדער איילנד דורכגעפאָרן
און איבער ים׳ען האָסט געזוכט אַ ברעג;
עס האָט דיין חלום, ווי אַ ברענענדיקער דאָרן,
באַלויכטן דיינע אומרואיקע טעג.

ס׳האָט אימפּעט דיינער דיך דערטראָגן צום פּאַסיפיק,
האָסט אויפגעבויט דיין היים אויף היגער ערד;
געבענטשט האָט דיך דאָס לעבן מיט אַ זיווג,
ווי זי וואָלט דיר
פון אייביק אָן
געווען באַשערט.

און דו האָסט דאָ דערוואָרבן אַ פאַרמעגן
וואָס זיך אַליין באַרייכערט און פאַרמערט:
די פריינטשאַפט,
וואָס מיר טראָגן דיר אַנטקעגן
און וואָס מיט יעדן יאָר
אויפסניי
געבוירן ווערט.

פאַרקניפּט זי האָט אונדז און פאַרבונדן
מיט אונדזער טרוים אויף בּרייטן וועג;
דער טרוים, וואָס האָט אַמאָל זיך אָנגעצונדן
און לויכט נאָך היינט אין וואָלקנדיקע טעג...

וואוהין דער גורל זאָל אונדז ניט דערפירן,
ווי שווער עס זאָל די לאַסט ניט זיין, —
די חברשאַפט דאָס האַרץ וועט ניט פאַרלירן,
זי וועט זיך קרעפטיקן, ווי אַלטער קעלער־וויין.

איז גוט, וואָס אינעם טאָג פון דיין געבוירן
דער יוגנט־חלום שיינט נאָך אין דיין בּליק;
וואָס ס׳האָט דיין האַרץ דעם אימפּעט ניט פאַרלאָרן
און ס׳ציט די עלטער דיך ניט אויף צוריק.

דריי־פערטל פון אַ שטורמישן יאָרהונדערט, —
געטראָגן האָבן זיי זיך איבער דיר ניט גרינג;
און דאָך,
ווי אָנגעזעטיקט זיינען זיי
מיט וואונדער!
איז טו אַ הויב דעם כּוס —
לחיים!
און פאַר אַ יאָר אַ נייעם
לאָמיר געבן היינט אַ זינג!

## עס שמייכלט דער קנייטש אויף זיין פנים...

(דעם „סיניאָר סיטיזן")

עס שמייכלט דער קנייטש אויף זיין פנים,
ס'גלאַנצט מילד און גוטמוטיק זיין בליק;
מיר דאַכט זיך: שוין לאַנג כ'האָב דערקאַנט אים,
מיט יאָרן און יאָרן צוריק...

אַזוי האָט געשמייכלט מיין זיידע,
מיין טאַטע געקוקט האָט אַזוי;
און איך בין געראָטן אין ביידן —
איך ווער שוין באַשפּרינקלט מיט גרוי...

מיר האָבן — מיט טרוימען באַלאָדן —
געשפּאַלטן אַ ים נאָך אַ ים;
און דאָ, אויף אַמעריקעס באָדן,
פאַרפלאַנצט אונדזער אידישן שטאַם.

אַ פריינט איז געווען אונדז דער האַמער,
אַ חבר אַ גוטער — די שער;
מיר האָבן אין זיי זיך געקלאַמערט
מיט פרייד, און אַמאָל — מיט אַ טרער...

ניט גרינג איז געווען צו צעקייען
די היגע, די ווילד־פרעמדע ערד;
געדאַכט: ס'וועלן כוחות ניט סטאַיען
דערגרייכן, וואָס האַרץ האָט באַגערט.

דאָס לעבן האָט בייז אונדז געוואָרפן
אין אָרעמס פון פּראַצע און נויט, —
נאָר, פעסט מיט בטחון באַוואָפנט,
אַ היים האָבן פאַרט מיר געבויט.

מיר זיינען אי טאַטעס געוואָרן,
אי זיידעס געוואָרן אַליין;
מיר האָבן דאָ דורות געבאָרן
פון אייגענעם שטאָלצן געביין!

און אויב ס׳האָט געמערט זיך די שפע
אין שטעט און אין שטעטלעך פון לאַנד, —
דאָס האָט דאָך די קוואַלן צעעפנט
מיט שטענדיקער מי אונדזער האַנט!

איצט קומען מיר האָפערדיק מאָנען
דעם חוב פון די אינגערע יאָר, —
מיר זאָלן זיך עלטערן קאָנען,
ווי ס׳האָט זיך פאַרדינט אונדזער דור.

מיר האָבן צוריק-זיך-געצויגן
פון שאַפּ און מאַשינען-געיעג,
וואָס האָט אונדזער רוקן געבויגן
אין יונגע, פאַרגאַנגענע טעג, —

נאָר קיינמאָל צוריק זיך ניט ציען
מיר ווען פון לעבן אַליין; —
כל זמן ס׳וועט אַ פונק אין אונדז גליען —
וועט זון איבער אונדז ניט פאַרגיין!

איז ליב מיר דער קנייטש אויפן פנים,
דער שמייכל, וואָס גלאַנצט אין זיין בליק;
ס׳וואָלט טרויעריק געוואָרן דאָך אָן אים,
און מיט אים — ווי גרויס איז דאָס גליק!

יוני, 1966

## צוליב אַ וואָרט...

אַרויסגעכאַפּט האָט זיך אַ וואָרט
אַזאַ אומגעלומפּערטער, —
גייט ער מיר נאָך מיינע טריט
און שטענדיק מיך רודערט ער.

דער מענטש האָט געצויגן מיין צונג
מיט ווערטער מיט פּרעכיקע,
פאַרגאָסן מיין אויפגערעגט האַרץ
מיט ריטשקעס מיט פּעכיקע.

אוודאי האָט ער זיך פאַרדינט
אַן ענטפער אַ פּאַסיקן,
און ניט גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג,
אַ ווערטל אַ שפּאַסיקן...

נאָר איך האָב צעביסן געדאַרפט
מיין צונג דעם צעלאָזענעם;
אַ שמייכל טאָן אפשר געדאַרפט
און שטיל איבערלאָזן אים...

ס'האָט אפשר דאָס וואָרט אויף קיין האָר
ניט פאַרדראָסן אים;
נאָר איך...אָ, ווען איך פּאַק אים צוריק, —
אויף אַ שלאָס כ'וואָלט פאַרשלאָסן אים.

איצט גייט עס מיר נאָך מיינע טריט
און שרייט הויך אין אויער מיר;
נאָר ער וועט דאָך קיינמאָל פאַרשטיין,
ווי טיף איך באַדויער מיך...

# עס האָט די לאַנגע נאַכט...

(אין אָנדענק פון אַ חבר)

עס האָט די לאַנגע נאַכט נאָר־וואָס
אַ העלן לעבנס־בוך געשלאָסן;
אי פרייד אי צער האָט יעדער אות
פון לעבנס־בוך גענאָסן.

עס מאַכט ניט אויס אויף וועלכער ערד
זיין לעבנס־ליכט איז אויפגעגאַנגען, —
ער האָט דעם פרייהייט־רוף דערהערט
און ס'האָט דער רוף זיין האַרץ געפאַנגען.

ער האָט אין זיינע יונגע הענט
געהאַלדזט די פאָן פון דעם גערעכטן;
דעם מאָרגן האָט זי אים צעבלענדט,
דעם היינט באַזיגט און דעם נעכטן.

און איצט... מיט ציטערדיקער האַנט
די אָנדענק־ליכט מיר צינדן;
ס'וועט קיינמאָל איבער לעצטן ראַנד
זיין פלאַמענדיק געשטאַלט פאַרשווינדן...

זיין לעבנס־טאַט און מוטיק וואָרט
פאַר אונדז — דער ברענענדיקער דאָרן:
אים האָט געגערט אַ דרייסטער דור,
אים האָט אַ האַרץ אַ ריינס געבאָרן...

1939

## די נאַכט און דאָס ליכטל

עס האָט אַמאָל
אַ רינגעלע פון גאָלד,
פאַר וועלכן מ׳האָט אַ גרויסע סומע געלט באַצאָלט,
אַראָפּגעגליטשט זיך צופעליק פון האַנט
און מיטן ווינט באַנאַנד
האָט זיך פאַרקייקלט ערגעץ צווישן גראָז
אין טאָל.

די נאַכט,
וואָס האָט פאַרבראַכט
אַהינטער באַרג אַ גאַנצן טאָג — פון אינדערפרי —
האָט זיך געטאָן אַ צי
מיט אירע שאָטנדיקע לאַפּעס אין פאַראויס
און האָט דאָס גאָלדן רינגעלע
אַריינגעכאַפּט אין שויס.

עס איז באַוואוסט
ווי גרויס די לוסט
עס איז ביי שאָטנס פון דער נאַכט
פאַהילן אַלץ פון אויג מיט זייער מאַכט...

דאָס ליכטל,
וואָס האָט אַזאַ געשיכטע
אויף אונדזער ערד
נית איינמאָל שוין געהערט, —
האָט תיקף-ומיד אַ כאַפּ געטאָן דאָס שוועבל
מיטן רויטן קעפּל
און ניט געקלערט און ניט געטראַכט —
אַ לאָז געטאָן זיך אין דער נאַכט.

עס טוט אַ בליץ דאָס שוועבל רויט
און ס׳ברענט שוין העל דעם ליכטלס קנויט!
אַ בויג אַהין, אַ בויג אַהער
און ס׳האָט דאָס ליכטעלע דערהערט
פון צווישן גראָז און שטיין און זאַמד
אַ שטילן רוף, פאַרבענקט און באַנג...

אַ בויג אַהער, אַ בויג אַהין, —
און צווישן שוואַרץ און געל און גרין
אַ בליאַסק געטאָן האָט העל און מילד
דאָס רינגעלע
אין טוי אין פייכטן איינגעהילט.

עס האָט געדויערט גאָר ניט לאַנג
און מיט צופרידענעם געזאַנג
געטוליעט האָט אַ מענטשלעך האַנט
דאָס רינגעלע,
וואָס איז זינט יענער צייט
געוואָרן פון די נאַכט־שאָטנס באַפרייט!

1963

# מיט מיינע לידער

## לידער מײנע, קינדער מײנע...

כ'האָב מײן הארץ ברײט אױפגעריגלט:
„פלי, מײן ליד, װי נח'ס טױב;
פלי אױף דײנע װײסע פליגל
דאָרט, װאו ס'טונקלט זיך אַ שױב...

מיט אַ פונק פון מײן אמונה
צינד אַ ליכטל דאָרטן אָן,
ביז דער אומעט װעט צערינען
און די פרײד אַ לױכט װעט טאָן;

צינד אַ ליכט אָן — אײנס און... זיבן, —
פאַר אַ לאַנגער, פולער װאָך..."
איז מײן ליד שױן דאָרט פאַרבליבן,
װי אַ ליבער גאַסט דערנאָך.

אָ, איר לידער, הארץ-געזאַנגען,
מײן נשמה'דיקע לאַסט,
ס'האָט די צײט אײך מיט גראַנגלען
שױן אױף אַלעמאָל פאַר'קנס'ט.

איך פאַרזאָג די בײזע װינטן
אָנגעלאָדענע מיט פרעסט:
מײנע לידער ליכטלעך צינדן, —
קײן אײן ליכטל ניט פאַרלעשט...!

## מיין שרייב-מאַשין

מיין שרייב-מאַשין געדולדיק וואַרט
ביז שפּעט ביינאַכט
אויף דעם באַריר פון מיינע פינגער:
די ווענט, אין שאָטנס איינגעהילט,
זיי וואַכן שטיל
דער אַלף-בית זאָל זיך צעזינגען.

עס לויפן איילנדיק די טעג
מיט שווער געפּעק,
ווי סטאַדעס פייגלשע אין וואַנדער;
און יעדער טאָג אין וואָס דערמאָנט,
אַן ענטפּער מאָנט
און ס'ביסל נאַכט-רו טרייסלט ער פאַנאַנדער...

דער שונא שפּרייט זיין סם פון שרעק,
און וויסטע שלעק
אין לעבן אונדזערן זיך ראָיען;
אויף יעדן פרילנגדיקן שוואַלב,
וואָס איז מיט זון באַזאַלבט,
עס פינצטערט ווילד אַ טשאַטע קראָען.

די איבער'ים'יק-ווייטע ווייט
פאַרגוואַלדיקט שרייט,
די שווייגנדיקע שטיבל-ווענט צעבויערט;
עס הילכט דאָס קול
פון דינאַמיט און שטאָל,
פון העלדן-מוט און טרויעריקסטן טרויער...

איך שפּאַן אַהער... איך שפּאַן צוריק...
מיין פאָרשנדיקן בליק
באַלאַגערט פיינלעכער בזיון;
מינוטן איילן אין געוועט
און מיט אַ שטיל געבעט
דער זייגער זאַמלט איין די שעה'ען.

נאָר אַט: פון טיפן צאָרן־קוואַל
אַ וואָרט צעשטראַלט
און טוט אַ ברי די אָנפּאַרטרויטע פינגער,
און צווישן פיר דערשטוינטע ווענט
טוט זיסער סוד פון ליד אַ בלענד
און אַלע אותיות זיך צעזינגען!

ס׳איז יעדער אות אַ קלאַנג אין כאָר
פּאָר נייער וואָר,
וואָס לאָזט זיך מער ניט פּענטן;
פון קייטן מיד און מיד פון אַש
הילכט איין געזאַנג — אַ פעלקער־מאַרש,
וואָס טראָגט זיך איבער קאָנטינענטן...

פוןברייטן פרייהייט־שליאַך טרעט־אָפּ,
דו, שלאַנגען־קאָפּ,
די זון אין הימל הויך שוין קלעטערט!
איר העלע שיין צעבלענדט
די יונגע הענט
און דיך אויף אייביק זי צעשמעטערט!

ביז נייעם ראַזעוון באַגין
מיין שרייב־מאַשין
ניט אויפגעהערט האָט פריידיק זינגען;
און ווען ס׳האָט שלאָף מיין מידע ברעם
מיט רו געגעבן אַ פאַרקעם, —
געשוועבט האָט איבער ליד
די פרייד פון מיינע פינגער...

1966

# אַ פאַרלאַנג

אָ, האַלט מיינע אויגן ברייט אָפן
צו אַלץ, וואָס געשעעט אַרום מיר, —
כ׳זאָל קאָנען דעם צער און דאָס האָפן
צעשמעלצן אין גאָלד פון מיין שיר.

דערלאָז ניט טאָג־טעגלעכן זשאַווער
פאַרראָסטן מיין גלויבן אין מענטש;
זאָל לויטער מיר שיינען ס׳וואָרט חבר
און ברודערשאַפט זיין זאָל געבענטשט!

דער שאָטן פון ציניקערס חוזק
פאַרטונקלט די נאָבלסטע טאַט;
די רייד זיינע — שטעכיקע שטרוי־זעק,
וואָס קראַצן דאָס הארץ מיט פאַראַט.

אוודאי, ניט אַלץ איז בשלום;
ווער זאָגט דען: ס׳איז אַלץ גוט און וואויל?
נאָר ס׳קאָן ניט דעם מענטשלעכן חלום
צעטרעטן די רוצח׳ישע זויל!

אָ, האַלט מיינע אויגן צעעפנט
צום רחבות׳דיק־רייכן אַרום;
און וואו נאָר אַ חבר כ׳וועל טרעפן, —
מיין האַנט שטרעק איך אוים צו אים — קום!

אָ, האַרץ, זיי געדולדיק און אָפן
פאַר אַלץ, וואָס אין ראַנגלעניש גליט;
באַגרים יעדן שטראַלכל פון האָפן
און לייטער אים, האַרץ, אין מיין ליד...

# איך בין נאָך אַלץ פֿאַרליבט!...

איך בין נאָך אַלץ פֿאַרליבט, אַוודאי,
אין דײַנסטן גרעזל און אין ווײַטסטן שטערן;
אין פֿוכקער, הימלדיקער לעמער-סטאַדע,
וואָס װילדע בערן אײַלן צו פֿאַרצערן;

איך ליב דעם ווינט, וואָס שפּילט זיך מיט די בלעטער
און מיט די צווײַגן האַלט זיך נאָר אין סוד׳ען;
מיר ווילט זיך, ווי אַ אינגל טאָן אַ קלעטער
אין מיטן סאַמע בוים-קרוין זיך צעהוידען.

כ׳האָב ליב דאָס איבערפֿלײַטן זיך פֿון פֿייגל,
די וואָרקנדיקע ליבע-שפּראַך פֿון טויבן;
דעם גלאַנץ דעם לויטערן פֿון אויגן,
ווען ס׳זינגט אַרײַן דער פֿרילינג דורך די שויבן...

נאָר טויזנט-פֿאַך דער מענטש איז ליבער,
וואָס שפּאַנט פֿאַרויס צו האָריזאָנטן נײַע:
ווען נויטיק — איבער בערג-שטײנער און גריבער,
ווען נויטיק — אויסטרינקען „לחיים!"

פֿאַר אים, מיט זײַנע שפּע-שאַפֿנדיקע פֿינגער,
מיט זײַנע קאָסמיש-שטראַלנדיקע טרוימען, —
הער קיינמאָל אויף, מײַן האַרץ, צו זינגען,
ווי ס׳הערט דער ים ניט אויף צו שוימען.

כ׳זאָל אין גערעאַנגל-אויפֿברויזן זײַן זוכה
צו זײַן פֿאַר דור מײַנעם אַ מיטזינגער-באַגלײטער;
און, ווי צום דעק נאָך פּערל גייט דער טויכער,
איך גיי צום פֿאָלק נאָך לידער אָנגעגרייטע:

פֿאַר אַלץ, מיט וואָס מײַן דור איצט רוישט און פֿיבערט,
כּדי ס׳לעבן זאָל באַבלומען זיך, באַמאַיען,
ווײַל טויזנטפֿאַכיק איז דער מענטש מיר ליבער,
וואָס שפּאַנט פֿאַרויס צו האָריזאָנטן נײַע...

# דאָס ליד פון האַרץ

אַ פּשוטע לעגענדע פון אַמאָל
פאַרקריצט האָט זיך ביז היינט אין מיין זכרון,
און ס׳איז כדאי דערציילן איצט — זי זאָל
חלילה ניט אויף תמיד גיין פאַרלאָרן.

אַ מענטש האָט איינמאָל — צווישן טאָג און נאַכט —
נעדאַרפט זיין מוטער-טראַכט פאַרלאָזן;
האָט אים אַ ליד אַ מלאכ׳ל געבראַכט
און אין זיין האַרץ-געוועב אריינגעבלאָזן.

דאָס צאַרטע האַרץ האָט איינגעזאַפּט דאָס ליד,
און ס׳האָט דעם מענטש דאָס מלאכ׳ל פאַרשוואָרן:
„דאָס וואונדער-ליד איז דיר געשענקט — נעם מיט
און זינג עס אין דער פּראַכט פון דיינע יאָרן״.

דער מענטש — ער לעבט...פאַר׳חידושט ער באַטראַכט
דעם ווירבל פון אַרום און דעם גערודער...
דער פרילינג קומט און כישופט מיט זיין פּראַכט —
אַזש קושן ווילט זיך יעדן, ווי אַ ברודער.

דאָס בלוט אין אים צעשפּילט זיך, ווי אַ פלייט,
און ס׳וויל דאָס ליד פון ברוסט זיינס זיך באַפרייען...
נאָר צווייפל-נעפּלען וויקלען איין זיין פרייד,
און קלאַנגען אַנדערע דאָס ליד פאַרשרייען.

„כ׳וועל צואווארטן, — ער טום ביי זיך אַ קלער, —
ס׳וועט אפשר קומען שענערס מיר אַנטקעגן,
ס׳וועט אפשר זיך אַ טאָג אַ העלערער
צעלויכטן באַלד פון מיינעטוועגן״.

עס איילט די צייט אויף איר באַשטימטן וועג,
און ס׳ווערט זיין האַרץ אין ליבע-נעץ געפאַנגען;
זיין פרייד קוואַלט אויף און לאָזט זיך אין געיעג
און וויל צעגיין אין רוישיקע געזאַנגען...

נאָר ווידער ווערט זיין יונגע ברוסט פאַרוויים
מיט קוים־דערהערטע צווייפל־טענער:
„ווער ווייסט? ס׳קאָן זיין, אַז שפּעטער וועט מיין פרייד
צעבליען זיך נאָך זוניקער און שענער;

כ׳וועל דעמאָלט ערשט דאָס וואונדערלעכע ליד
פון האַרץ, ווי פון אַ פייגל־שטייג, באַפרייען,
און ס׳וועט אַ זעל אַ פרעמדע — פון בענקעניש צעבריט —
זיך אויך מיט פרייד דאַן יום־טוב׳דיק באַנייען״.

אַ, וויפל מאָל אין לאַנגן לעבנס־גאַנג,
ווען ס׳האָט אַ וואַנדערער אַ מידער אים באַגעגנט,
האָט ער אין ספיקות איינגעקאָוועט זיין געזאַנג,
און אָן אַ קלאַנג פון וואונדער־ליד געזעגנט.

דער ציפער־בלאַט פון צייט איז אומגעצאַמט
און יאָגט די ערד אַרום דער זון אין קרייזן...
ניט אייביק איז דאָס האַרץ־בלוט יונג־צעפלאַמט
און דעם געמיט זי קאָן ניט אייביק שפּייזן...

און איינמאָל... אין זיין אומרואיקן שלאָף
דערשיינט דער ליכטיקער מתנה־געבער;
זיין יעדער פליגל־פאָך איז פול מיט שטראָף
צום צווייפלער אייביקן און ליד־באַגרעבער:

„דו האָסט פאַרשפּעטיקט, מענטש, דו האָסט פאַרזאַמט
דאָס וואונדערלעכע ליד צו ברענגען אויף די ליפּן;
עס איז דער צויבער פון איר פרייד־געזאַנג
אין דיר, ווי אין אַ תפיסה־צעל, פאַרבליבן;

דערלאַנג, אומגלויביקער, דאָס וואונדער־ליד צוריק, —
אַן אַנדערן וועל איך אָט־די מתנה שענקען;
אַן אַנדערער זאָל איר פאַרבאָרגן גליק
דער וועלט דער אומרואיקער ברענגען״.

אין ווייסן בליאַסק פון פלינקן פליגל־פּאָך
פאַרשוואַונדן פון זיין חלום איז דער לידער־וועכטער...
די נאַכט האָט נאָר געהערט דעם הענט־געבראָך
פון זקן אויף דאָס ליד זיינס דאָס פאַרשוועכטע...

אַ פּשוט׳ע לעגענדע פון אַמאָל,
וואָס האָט פאַרקריצט זיך טיף אין מיין זכרון,
האָב איך דאָ פּשוט איצט דערציילט, — זי זאָל,
חלילה, ניט אויף תמיד גיין פאַרלאָרן.

— — —

אין יעדערן פון אונדז — אַ וואונדער־ליד
קוואַלט ערגעץ־וואו אין האַרץ־געוועב פאַרבאָרגן;
ווען ס׳קומט די שעה פון פרילינג און פון צוויט, —
שאַל אוים דאָס ליד, און וואַרט ניט ביז אויף מאָרגן!

זינג הויך דאָס ליד אין אויער פון דער וועלט,
און טייל דיין פרייד מיט נאָענטע און ווייטע;
אַ האַרץ זאָל ערגעץ אויפלויכטן צעהעלט
פון האַרבע זאָרגן אַ באַפרייטע...

# דאָס ערלעך וואָרט

(צו אהרן קווירטמאן — מיט פריינטשאַפט)

געבענטשט זאָל זיין דאָס ערלעך וואָרט,
וואָס ווערט אין דיכטערס האַרץ געבאָרן —
עס טראָגט זיך הימלדיק צעקלאָרט
אַריבער גרעניצן און יאָרן...

עס מעג באַלאָדן זיין מיט פּיין,
צי דורכגעזונט מיט לויטער פריידן, —
ס'וועט ערגעץ אויפשוימען, ווי וויין,
ס'וועט ערגעץ אָפּהילכן, ווי פליימן...

און, דו, נויג אָן דיין אויער שטיל,
די סטרונעס פון דיין האַרץ צי אָן —
און לאָז דאָרט געבן אַ צעשפּיל
דעם דיכטערס ציטערדיקער טאָן.

פאַרנעם דעם כישוף פון זיין קלאַנג,
דעם צויבער פון צעגליטן וואָרט, —
דערקענסטו זיך אין זיין געזאַנג? —
איך האָט די צייט צונויפגעפּאָרט...

אויב ס'טוט זיין ליד דיך פריי אַ הויב,
צי ס'טוט אין האַרץ אַ טיפן שניט —
די וואונד האָט לאַנג זיין רו געקליבן
און האָט, ווי זשאַר, זיין האַרץ געבריט...

נאָר אויב ס'וועט וואו אַ שווער געמיט
צעלויטערן איין ווייל, ניט מער, —
איך שווער: עס האָט געלוינט די מי, —
איך האָב קיין גרעסערן באַגער.

1959

## ער האָט פּאָר זיי געלייענט...

ער האָט פּאָר זיי געלייענט הויך און קלאָר
זיין שוואַנען־ליד, אַ שורה נאָך אַ שורה;
און ס'האָט געדאַכט: זיין אויסגעפּרוואוווטער דור
אין לאַנגן עבר נישטערט זיינע שפּורן...

ס'איז ניט קיין פּוסטע ליפּן־פּאַטשעריי,
אַ שפּיל אַזאַ אַ סתמ'יקע פון קלאַנגען;
אַ יונגער וואַלד־הירש רייסט זיך אויף דער פריי
פון צווייג־געפלעכט, וואָס האַלט אים דאָרט געפאַנגען...

אָן אָדלער אַ צעפליגלטער אין הויך
טראָגט אום זיין אייגן מזל אין די נעגל;
ער איז צעבלוטיקט און פאַרשוואַרצט פון רויך,
נאָר פלאַטערט, ווי אויף אָנגעפילטע זעגל...

ער לייענט...הינטער ווענט אַ פליגל־פאָך,
אַ לייב־געברום, אַ פיס־געיעג פון הירשן;
ווי ס'וואָלט דער אויסגעבענקטער שכר פּאָר יאָך
פון יאָרן טויזנטער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר שוין...

ער לייענט...אומרואיק עס טראָגט זיך פערז נאָך פערז
און שליידערט אים אָט דאָ, אָט דאָרטן;
ער איז אַליין די שיף, וואָס רייסט זיך פונעם פעלז
און ווייסט ניט פון קיין רו אין ווייטע פאָרטן...

די לעצטע שורה און דער לעצטער קלאַנג...
ער קומט צוריק מיט זיי פון לאַנגן וואַנדער;
ס'איז שווער און מיד געוועזן דער זיג־זאַג־גאַנג —
נאָר ס'עפענען די הערצער ברייטער זיך פאַנאַנדער...

1966

## לידער-בלומען

אימפּעדיק די שעה'ען איינציקווייז פאַרשווינדן,
ס'טריקנט ניט-דערזונגען אויף מיין פּען דאָס וואָרט;
נאָר אין הייסע בלוטן פייערן זיך צינדן, —
עפּעס דאַרף אין בלוט נאָך ווערן אויפגעקלאָרט...

אונטער בלויען שיין פון טאַנצנדיקע פונקען,
ווי אַ פרילינג-פעלד, מיין בענקשאַפט בליט;
איבער פעלד פון בענקשאַפט ציטערדיק זיך טונקען
רויטע בלומען, פערזן-בלומען פון אַן אויפגייענדיק ליד.

טונק איך פּען מיינע אין שימער דעם צעבליטן
און באַפאַרב דעם ווייסן גליטער פון פּאַפּיר;
כ'וועל פון בייזע ווינטן יעדע בלום פאַרהיטן,
ניט פאַרוועלקן זאָל דער בלענד פון איר קאָליר.

כ'וועל געדולדיק היטן און געדולדיק וואַכן,
בענטשן היים דאָס אויפגעבליטע וואָרט;
און געניסן חדווה, פריידן לאַנג-געגאַרטע,
וואָס אין הייסער בלוט זיך האָבן אויסגעקלאָרט.

## שטילע שטימען...

שטילע שטימען פליסטערן
אין אויער:
נעם און כישוף אונדז אַריין אין דיינע לידער,
פֿאַראייביק אונדזער דויער,
און מיט די ווייטע שטערן אונדז פֿאַרברידער...

ס׳וויגט זיך פֿרום אין ווינט אַ צווייגל,
ווינקט צו מיר דורך פֿענצטער־שויבן...
טויבן־פּאָרן וואָרקען היציק,
צאַרט און היציק אונטער דעכער...
שוואַלבן שוועבן
אונטער וואָל־געפֿאַרבטע וואָלקנס...

ס׳דרעמלען בערג —
אין לאַנגע קאַראַוואַנען־שורות, —
קעמלען שטומע אויסגעצויגענע אויף מײַלן,
ס׳קושט דער הימל זייער אײַנגעשטילטע גבֿורה...

אָט,
זיך אויפֿשטעלן זיי וועלן
און אין ווייטן וועג זיך לאָזן
מיט שטערן, ווי קאָרעלן,
אויף די אויסגעשטרעקטע העלזער...

ס׳רוען קיינמאָל רויִק ניט
די רוישיק־אומרויִקע כוואַליעס,
ברעכן בײַ די ברעגן זיך
און אייביק מיט די שטורעמס אין געראַנגלען...

קום, מײַן ליד,
און זאָל דער שוימיקער אָרום
אַרויסהילכן אין ליכטיקע געזאַנגען!

פּעב. 1964

# אַ זעמדל בלויז...

אַ זעמדל כ׳בין אין אונזוערז
מיט וואונדער טויזנטער באַרינגלט;
באַריטם אונדז, באַגראַם אונדז
אין דיין פערז! —
זיי ווינקען רייצנדיק פון יעדן ווינקל.

איך שטיי מיט אויגן אָפענע, איך גאַף
אַ הילפלאָזער,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט אינגל
אין טיף פון וואַלד,
אין מיטן פון באַשאַף,
און אין זיין מויל
פאַרגליווערט שטעקט זיין צינגל...

אַזאַ מין טיפער צער אין מענטשנס בליק;
אַזאַ מין דורשט נאָך פריידיקע מינוטן;
באַריטם אונדז, באַגראַם אונדז
אין דיין ליד! —
זיי שרייען מאָנענדיק אין מיינע בלוטן.

איך לויף באַזאָרגט און כאַפּ זיך פאַר מיין פען;
פאַר מענטש,
אַ, האַרץ,
צעעפן דיינע קוואַלן!
און אויב מען דאַרף —
מיט פייער זיך צעברען!
און אויב מען דאַרף —
באַרעגן זיך מיט שטראַלן!

# אַ בעל־חוב בין איך...

אין צענדליק זיבעטן אַט שפּאַן איך היינט אַריין;
עס לויפט צוריק מיין בליק,
ווי פייגל איבער סטעפּעס,
און זוכט אַן ענטפער צווישן שאָטנס־גרוי און שיין:
האָב איך דער גרויסער וועלט געגעבן עפּעס?

עס האָבן דורות לאַנג פאַר מיר זיך דאָך געמיט
אַזאַ מיין גביר׳ישע עשירות אָנצוגרייטן:
אַ בגד, אַ געצעלט און קאָרנדיקע שניט
און אויך אַ ליד, וואָס זאָל אין לעבן מיך באַגלייטן;

אַ פאָלק האָט אויסגעכאָוועט אין זיין נע־ונד
און מיר געשענקט אַ לשון און אַ ספר, —
מיט בלוט פאַרשריבן האָט ער יעדן בלאַט
און אויסגעהיט אים גבורה׳דיק פון יעדער שריפה;

די וועלט האָט מיר אַן אוצר דאָך דערלאַנגט
באַצירט מיט אַלע רעגן־בויגן פאַרבן;
דערצו אַ הארץ, וואָס ציטערט מיט געזאַנג
און לאָזט זיך ניט פון אומרעכטן פאַרדאַרבן...

אַ יעדן בוים פאַר׳חידושט קוק איך אָן,
מיט יעדן שטורעם חבר איך זיך גערן;
די ערד אַרום מיר איז אַ קיילעכדיקער טראָן,
דער קאָסמאָס איבער מיר — אַ וואַסערפאַל פון שטערן.

אַ קוועלכל שלאָגט מיט שטוינונג אין מיין ברוסט, —
עס שעפּט די צייט און שעפּט און קיינמאָל ניט דערשעפּט עס...
פאַרענטפער זיך — איך זאָג — נאָר ענטפערן דו מוזט:
דער גרויסער וועלט — האָסטו געגעבן עפּעס...?!

1965

# אָ, ווען מיין ליד...

אָ, ווען מיין ליד זינגט אַרוים אַזוי פּרעכטיק,
ווי ס׳בלעטל, וואָס גריסט מיך צעגרינט דורכן שויב, —
ניט איינמאָל זי האָט שוין דאָ איבערגענעכטיקט
און יעדן פרימאָרגן כ׳באַגרים זי מיט ליב.

אָ, ווען מיין ליד וואָלט געגלוסט איין בן־אָדם,
ווי פשוטן ברויט גלוסט פאַרהונגערטער מויל, —
ס׳וואָלט גרינגער געווען מיר דעם גאָלדענעם פאָדעם
צו ציען פון לעבנ׳ס פאַרפּלאָנטערטן קנויל...

אָ, ווען מיין ליד וואָלט מיט רו און מיט האָפן
פאַר׳כשופט אַ הארץ, ווי די זון אין פאַרגיין, —
אַז זי זאָל פאַרזיסן אַן עלנטנ׳ס שלאָפן
און ווערן אַ שותף צו דעם, וואָס אַליין...

# צווישן שפּיטאָל־ווענט

# אַ דאַנק דיר, פרימאָרגן...

אַ דאַנק, פרימאָרגן, דיר פאַר אַנקלאַפּן אין שויב
און אַנטרינקען מיט וואונדער מיינע אויגן;
פאַר יעדן פאַך פון פלאַטערדיקער טויב
און פאַר דעם באַרג, מיט הימל-בלוי באַצויגן...

פאַר יענעם אָטאָ איבער גאַסן אין געאייל
און פאַרן באַן — אין יאָגעניש אַן אָטעם;
נאָר איבער אַלץ:
פאַר די,
וואָס קומען אויף אַ ווייל
צונויפבינדן דעם אָפּגעהאַקטן פאָדעם,

וואָס האָט מיין האַרץ — אַן אומרואיקס, פאַרליבטס,
מיט דרויסנדיקער וועלט צונויפגעזיווג'ט;
אַ האַרץ, וואָס האָט מיט חבר'שאַפט
כאָטש איינמאָל זיך צעבליט, —
ווערט קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגליווערט...

און ביז מיט אָוונט-שאָטנדיקן שטויב
ס'ווערט אומרואיקע שטאָט באַצויגן, —
אַ דאַנק, פרימאָרגן, דיר פאַר אַנקלאַפּן אין שויב
און אַנטרינקען מיט וואונדער מיינע אויגן...

## כאַטש הרג׳ע מיך...

כאַטש הרג׳ע מיך איך זאָל באַנעמען
דאָס שפּיל, אַ האַרץ צעבונטעוועטע מיינס, —
אַז דו זאָלסט מיך אַזוי פאַרשעמען
און אָפּשפּילן אַ חתונה׳קע אַ פיינס...

איך האָב דיך דען געבאַלעוועט, געקעכלט,
זינט מיר זיך חבר׳ען צוזאַמען?
האָב איך פון שלאָקסן דיך באַדעכלט,
פון צוג־ווינטן באַשיצט מיט צאַמען?

האָב איך אויף לוקסוס פון „מיר אַרט ניט",
ווי אַ מפונק דיך געכאָוועט?
אַ בוים, געוואוינט צו וואַסערן — פאַרדאַרט ניט,
און איך האָב דיך אין פייערן געקאָוועט...

פון קינדווייז אָן האָסט ניט גענאַשט
ביי מיר קיין „עסיק און קיין האָניק";
מיר האָבן זיך מיט וועלט פאַר׳קנס׳ט —
באַגלייט פון אַ צעשטורמטן האַרמאָניק...

דיך האָבן קוילן אויסגעמיטן,
דיך האָבן ימ׳ען ניט פאַרשווענקט;
האָסט שטרייט אויף רו ניט אויסגעביטן,
און נאָך באַלוינונג ניט געבענקט.

צו וואָס געגומען ס׳האָבן זיך די הענט, —
האָסטו דערגאַנצט מיט דיין צושטייער;
און אויב די אַרבעט האָט „געברענט", —
איז דאָס געקומען פון דיין פייער.

און ווען ס׳האָט בייזער יאָמער פון שאַקאַלן
צום הימל זיך געטאָן אַ שפּאַר, —
האָב איך געטונקט מיין פּען אין דיינע קוואַלן
און אויסגעשאַלט מיין צאָרנדיקן צער.

איצט וואונדערן זיך מיינע ברעמען —
האָסט אָפּגעשפּילט מיר אַזאַ פּיינס...
כאָטש הרג׳ע מיך כ׳זאָל עס באַנעמען,
צעבונטעוועטע הארץ דו מיינס.

# ביסט היינט ניט געקומען...

## רות׳ן

ביסט היינט ניט געקומען, איז כמורנער דער הימל
און הינטערן נעפל באַהאַלט זיך דער באַרג;
די פּאַלמישע קרוינען פאַרזונקען אין דרימל
און מיר איז פון בענקשאַפט דאָס טאָג-ליכט היינט קאַרג...

אָט זע איך דיר שפּאַנען פון חדר צו חדר,
אין שווערע מחשבות ביז נאַכט-שפּעט פאַרטאָן;
די פרויאישע זאָרג — דיין געטרייער באַגלייטער —
פאַרלאָזט אויף קיין רגע דיין בליק ניט און מאָנט...

די שעה׳ען פאַרבייטן אָן אויפהער די רגע׳ס,
פרימאָרגן טרעט אָפּ דעם פאַרנאַכט גיך דעם וועג;
די זייגערשע ווייזערס, ווי דורשטיקע יעגערס,
פאַרשלינגען די שעה׳ען אין ווילדן געיעג.

אַלץ נאָענטער צו אויגן זיך טוליעט דער דרימל
און כ׳וואַנדער אַוועק אין אַ רוישלאָזן וואַלד...
און גרין זיינעןביימער און לופטער — דער הימל
און צווישן די שטערן גייט אויף דיין געשטאַלט...

# די זקנים

אַ טישל, אַ הענגלאָמפּ, רפואות אין גלעזל,
אין בעטל אַנטקעגן — אַן אַכציקער זקן;
אַרויסגעזויגט האָט אים פון שטאָטישן קעסל
דער גורל פון מי, פון לאַסט און פון יאָכן...

אַזויפיל פאַרקליבענע ווייען ביים זקן,
אַז ס'קען שוין זיין טראַט מער דעם דיל ניט געפינען;
עס קוקן די אויגן פאַרשטאַרט און דערשראָקן:
וועט ער נאָך דעם לעצטן געוועט דאָ געווינען?

נאָר אָט קומט זיין אַלטיטשקע, זעצט זיך דערנעבן
מיט נאָדל און פאָדעם זיין שלאָפראָק פאַרריכטן;
זיין פּנים צעשמייכלטע קנייטשן פאַרוועבן —
ס'דערהאַלטן געטריי אים דער אַלטיטשקערס פליכטן...

זי קען קוים דערהערן די רייד פון די ליפּן
און קוקט אַ פאַרוואונדערטע גלייך אין געזיכט אים;
דאָך ווערן די וואָלקנדלעך ערגעץ פאַרטריבן:
ער איז נאָך ניט גרייט זיינע חובֿות צו שליכטן...

## די קראַנקן־שוועסטער

די קראַנקן־שוועסטער קומט אין ווייס געקליידט
מיט שמייכל דינעם אויף די ראָזע ליפּן;
מיין אויער גלעטן אירע צאַרטע רייד
און ס׳ווערט פון זיי מיין איינזאַמקייט פאַרטריבן.

פאַרטראַכט צום דופק־טאַקט זי הערט זיך צו,
איר שאַרפער בליק נעמט דורך דעם טערמאָמעטער;
און מיט איר שמייכל קומט צוריק די רו,
ווי ס׳וואָלט די אומרו אָפּגעוואַרט אויף שפּעטער...

איך ווייס: צו שמייכלען זים איז זי געניט,
זי שענקט מיט דער רפואה מיר א י ר חלק;
נאָר ס׳דאַנקט דער שוועסטער מיין געהויבענער געמיט
און יעדער שמייכל אירער איז מיר הייליק.

די שוועסטער גייט אַרויס, נאָר עס פאַרבלייבט
איר דינער שמייכל־שיין אין אַלע ווינקלען;
צוזאַמען אַלע שטראַלעכלעך איך קלייב
און שעה׳ען לאַנג אין האַרץ ביי מיר זיי פינקלען...

## דו גייסט מיר נאָך...

דו גייסט מיר נאָך פון סאַמע וויג
און מיינע טריט דו האַלטסט אין ציילן;
איך בין מיט דיר „אויף טויט" צעקריגט,
צעקריגט מיט דיינע שוואַרצע היילן...

דו טוסט אַ גיכן לויף פאַראויס
און ווילסט מיין פעסטן גאַנג פאַרשטעלן;
אָפט צווישן אונדז — איין שפּאַן איז בלויז, —
נאָר דיינע פּאַלג איך ניט באַפעלן.

אָ, שונא מיינער, כ'בין ניט גרייט
מיין קאָפּ אין האַנט דיר אָפּצוגעבן, —
מיין האַרץ מיט טרוימען איז פאַרזייט
און כ'דאַרף מיט וואָר זיי נאָך פאַרוועבן.

ס'מוז עפּעס גרויסעס דאָך געשען
וואָס וועט צעלויכטן האָריזאָנטן, —
עס וויל מיין אויג דעם נס דערזען
און דווקא דאָ, און פון דער נאָנטן...

איז גיי ניט נאָך מיר – טריט ביי טריט—
און מיט דיין שאַרפער שווערד ניט פאָכע;
מיר דאַכט: איך הער דאָס נייע ליד —
און מאַכן כ'וויל אויף דעם אַ ברכה.

## כ'שי'ק יעדע נאַכט...

כ'שיק יעדע נאַכט אַ קורץ גע'חתמ'עט בריוול
צום אייגענעם געוויסן אַדרעסירט;
כ'פּאַרלייקן גאָרניט — וואָס און וויפל —
דער חשבון ווערט אַן ערלעכער געפירט:

פאַרצערט די טעג האָט שווערע פּראַצע,
— אַזויפיל וועגט מיט בלימעלעך באַצירט! —
פאַנטאַנען, לאַנקעס און פּאַלאַצן
אין היימען שטאָטישע אַריינגעפירט;

די לאַנגע אָוונטן אָוועקגעשענקט
די שטוב-פּליכטן, דעם בוך, דער חברשער אסיפה;
און ווען ס'האָט אומרעכט מיין געמיט געקרענקט, —
האָב איך מיין ליד ביז שפּעטער שעה געשליפן...

דאָס אומרואיקע האַרץ האָט מיטגעפיבערט
מיט גיכן שטראָם פון רוישנדיקער צייט;
קען עפּעס זיין פון גרויסער וועלט דען ליבער
דער האַרץ, וואָס זוכט באַזינונג און באַטייט?

האָב איך דען עפּעס צושטעלן פאַרפעלט,
האָב איך כוונה ניט מיט טאַט פאַראייניקט?
ס'האָט אָפט אַזוי אין טיפעניש געקוועלט,
ווי ס'וואָלט אַ קול געמורמלט: ווייניק, ווייניק...

כ'שיק יעדע נאַכט אַ קורץ גע'חתמ'עט בריוול
צום אייגענעם געוויסן אַדרעסירט;
אַ, האַרץ מיינס, האָב ניט קיין פאַראיבל,
אויב כ'האָב דעם חשבון ריכטיק ניט געפירט...

## דערשרעק זיי — נאָר זאָלסט זיי ניט שטראָפֿן...

אַ דזשעט עראָפּלאַן אינעם הימל־בלוי אויבן,
עס גליטשן זיך אַטאָם אויף גלאַטן אַספאַלט;
איך קוק פון דער הויך דורך אַכט־שטאָקיקע שויבן
און פּלוצלינג אַן אומרו אַזאַ מיך באַפאַלט...

איך קען ניט פון אַטאָם די פלינקע שאָפערן,
איך קען ניט פון דזשעט־עראָפּלאַן דעם פּילאָט;
זיי קענען אפילו מיין וואונטש ניט דערהערן, —
נאָר זאָל זייער מי זיי ניט ברענגען קיין שאָד.

אויף דעם ווארט מסתמא אַ מאַמע אַ זקנה,
אויף יענעם — אַ פרוי מיט אַ זויג־קינד אין שוים;
קיין אומגליק אין וועג ניט פאַרהאַלטן זאָל קיינעם
און יעדער זאָל רייַן פון געפאַרן אַרוים.

פאַר דעם זייַנען אָפן צעבלויטע אין־סופן,
פאַר יענעם — געווירעטער וועג פון אַספאַלט;
אַ, גורל, דערשרעק זיי, נאָר זאָלסט זיי ניט שטראָפן,
דעם בעכער פון טרויער אויף שפּליטערם צעשפּאַלט.

## און אפשר וועט מאָרגן...

איז ווי וועל איך פאָרט אים באַגעגענען:
מיט פרייד, מיט חרטה, מיט צער?
צי וועל איך מיט פיין זיך געזעגענען,
צי אַננעמען העלדיש דעם גזר?

איך ווייס ניט... צו וואָס זאָל איך לייקענען:
פאַרלאָזן די וועלט איז אַ שאָד;
געוואָרן איז זי מיר אַן אייגענע
און אייגן — דער מענטש־קאַראַהאָד.

מיט צוג־ווינטן אַלע זיגזאַגישע
אויף ערדישן בלוטיקן שאָך, —
די וועלט איז אַ שפּיגל אַ מאַגישע
מיט וואונדער־געזאַנג און געלאַך.

און איך, ווי אַ אינגל אַ גלויביקער,
געווײַנט כ'האָב, געזונגען, געלאַכט, —
אַ זעמדל אויף ים־ברעגן אייביקע,
אַ שטראַלעכל אין קאָסמישער נאַכט...

איז אויב ס'וועט מיר אויסקומען זעגענען
מיט אַלעמען, אַלץ, אומגעריכט, —
די שעה אָט־די לעצטע באַגעגענען,
דיך, ליד מיינס, אָט איצט איך פאַרפליכט!

# איך ליג אין בעט.

איך ליג אין בעט, דאָס העפטל אויף די קני,
אין קאָפּ — פון אָנונגען אַזאַ געווימל;
כ׳מאַך צו אַן אויג, נאָר עפּעס טוט אַ ברי
און פון די וויעס רייסט זיך אָפּ דער דרימל.

פון ערגעץ רייסט אַריין זיך אַ געוויין
און פלאַטערט, ווי אַ פויגל, אין מיין קאַמער;
פון ערגעץ קומט אַ קריצעניש פון ציין
און אַלע שטילקייטן צעטרייסלט און צעהאַמערט...

עס קראַכן ערגעץ שטיבעלעך אין פלאַם,
וואָס פון דער הויך עס שליידערט דאָרט אַ פרעמדער;
דער רויך שניידט איין זיך, ווי אַ קין־שראַם,
און איך דעק צו מיין פּנים אַ פאַרשעמטער...

## וואָס האָט זיך צע׳ברוגז׳ט דער פּאַסיפיק...?

וואָס האָט זיך צע׳ברוגז׳ט אַזוי דער פּאַסיפיק
און קייקלט די כוואַליעס צום מאַליבו ברעג?
זיי וואַלגערט דער אייביק־געצווילינגטער זיווג:
צעפלאַקערטע שנאה און קינדערשער שרעק...

עס דאַכט זיך: זיי קומען פון בלוטיקן ד אָ ר ט ן,
וואָס ווערט מיט צעוויכערטע אַש ן באַדעקט;
אַט־אַט — און זיי גרייכן ביז הימל צעקלאָרטן
און גיבן די ליכטיקע זון אַ פאַרדעק...

עס בענקט דאָך די ערד נאָך אַן אַנדערן זיווג:
נאָך ברודערשאַפט־שלום — אַ לאַנד מיט אַ לאַנד;
נאָר ע ר וועט די וועגן צום טויטלעכן גליווער
פאַרצאַמען ביים לעצטן אַטאָמישן ראַנד...

פון פראָסטיקע קייטן עס רייסט זיך דער פרילינג;
די כמאַריקע קריעות דער שטורעם צעיאָגט;
ס׳מוז ווערן מיט פ ר י י ה י י ט דער ש ל ו ם פאַרצווילינגט
און הויך איבער ערד וועט אַ הילך טאָן: ע ס ט אָ ג ט!

## אַז וואויל...

אַז וואויל איז דעם,
וואָס מיט דער מי
פון זיינע הענט,
האָט אויפגעשטעלט
אין דעם געצעלט פון אונדזער האַרץ
זיין מאָנומענט;
און מיט דעם גאָלד
פון זיינע אָפּגעלעבטע טעג
פאַרמערט האָט ער
אויך אונדזער אייגענעם פאַרמעג.

פון זיינע טריט —
דער צער-און-צאָרן קלאַנג
אַרויסהילכן וועט לאַנג
אין אונדזער ברידערלעכן גאַנג...

ס'וועט קיינמאָל מער שוין
איינזאַם
אונדזער האַרץ ניט שלאָגן;
אין שעה אין טונקעלער פון אַ פאַרנאַכט,
אין שעה אין זעלטענער פון טאָגן, —
וועט זיך צעטראָגן
אויך דער ציטער פון זיין קול
אין אונדזער נידעריקן טאָל
און היימלעכער וועט ווערן מיטאַמאָל...

# זיי קומען...

זיי קומען, די לידער די נאָך ניט געבאָרענע
און מאָנען אין טונקעלע לאַנגע פאַרנאַכטן;
זיי גאַרן צו זיין שוין געוואָרענע
און ווערן געפייניקט אין וואַרטן...

„מיר קראַמפן צעוואָרפן אין שפּליטערס אין הונדערטער
„אין דורשט נאָך יצירה-אַנטפּלעקונג געקלעמטע, —
„און דו, מיט אַ האַרץ אַ פאַרוואונדעטער,
„לאָזט ווידער אונדז איבער פאַרשעמטע.

„דו האָסט אונדז געלאָזן זיך וואַלגערן
„אויף שלאַכט-פעלדער קאָכיקע, הייסע, —
„ווי דו וואָלסט פאַרשפּאַרט אונדז אין לאַגערן
„און הילפלאָז אונדז שווייגן געהייסן.

„עס עפענען ווידער זיך בלוטיקע קראַטערן,
„צום הימל די לאַוועס פון צאָרן זיך שפּאַרן:
„דאָס זיינען די וואונדן די אַלטע, וואָס יאַטערן,
„און דורשטיק נאָך זאַלבן נאָך היילבאַרע גאַרן...״

...זיי קומען, ווי פייגל אין חושך פאַרלאָרענע,
און רייסן די טויט-מידע וויעס פאַנאַנדער;
עס רוישט אינעם פליגל-געפּאַך אַזאַ וואָרענען
פון דורות׳דיק לאַנגן, אָנ׳סוף׳יקן וואַנדער...

# אַ חבר׳שער האַנט-דרוק

(מיט טיפער דאַנקבאַרקייט צו אַלע חברים און פריינט
פאַר זייערע וואַרעמע געזונט-וואונטשן צו מיר.)

**אַ** חבר׳שער האַנט-דרוק און זאַרגפולע אויגן
צעפינקלט מיט ליבשאַפט, מיט טרייסט און מיט **צער**, —
ווי מוטערשע ברוסט-מילך, וואָס עופּה׳לעך זויגן,
ווען ס׳טוט אונטער הערצל דער הונגער אַ **שפּאַר**.

די שעה זאָל ניט קומען...נאָר זי איז געקומען
און האָט, ווי אַ גנב, צום האַרץ זיך פאַררוקט;
אָ, האַרץ! ביסט אויף כוואַליעס צערוישטע געשוואומען
און ס׳האָט דיך אַ ים-כוואַליע שיעור ניט פאַרצוקט...

עס האָבן די כוואַליעס געוויגט און געשליידערט,
נאָר מיך האָט גע׳כישופט קאַיאַריקער גלאַנץ;
ווייזט אויס, כ׳האָב פון זיכערן ברעג זיך דערווייטערט
און ס׳האָט מיר אַ כוואַליע פאַרדרייט אין איר טאַנץ...

און אָט...אויפן זיכערן ברעג איך בין ווידער
און ווידער מיך כישופ׳ט דער ראָזער קאַיאַר;
עס מורמלט אין האַרצן אַ קוועלכל פון לידער
און אויסבייטן ווילט זיך מיין חלום אויף וואָר.

ניטאָ איבער ים׳ען קיין שטאָלענע בריקן, —
איז וואויל יענעם שווימער, וועמען ס׳שערקט קיין **געפאַר**;
און גוט איז אַ האַנט-דרוק און חבר׳שע בליקן,
וואָס ראַמען פון האַרץ אוים דעם בלייאיקסטן **צער**...

**אויגוסט, 1965**

# אויפן זוניקן וועג

ערשטע קאַפּיטלען פון
אַן אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע

**(משה'ן, מיין ברודער, געווידמעט)**

**1**

ווי דער קוילן־גרעבער לאָזט זיך
אין די ערד־שאַכטן אַרונטער
אויפצוקלייבן אין די טיפן
פון דעם שוואַרצן גאָלד דעם וואונדער, —

לאָזט זיך חיים שטיל און רואיק
אין דער שאַכט פון זיין זכרון:
אויפצוזוכן, אויפצוגראָבן
ס'גאָלד פון יוגנטלעכע יאָרן...

ווי עס טויכט דער דרייסטער שווימער
צו די גרונטן פון די ים'ען
אָפּצוקנייפּן פּערל־נעסטן
פון די טיפע וואַסער־שטראָמען, —

אָט אַזוי אַ טויכט ער, חיים,
אינעם מוטנעם ים פון נעכטן:
אויפצוזוכן וואו אַ פּערל
פון אַ קינדער־טרוים אַן עכטן...

קינדער־טרוימען, קינדער־צער'ן,
קינדער־בענקשאַפטן און טרערן, —
קוים מיט ווערטער אָנצודייטן,
מיט אַן אויער קוים דערהערן...

טיף־פאַרבאָרגענע פון יעדן,
פונעם נאָענטסטן — ניט־דערשפּירטע,
ווי די סודות'דיקע קנאָספּן —
איינגעקנוילטע, אומבאַריירטע...

איצטער — שפּאַנט ער, חיים, וואַכזאַם
מיט אַ שטראַליקן לאַמטערן, —
און די בלאַסע קינדער־טרוימען
שיינען אויף, ווי בלויע שטערן...

שווער איז אויפבינדן דעם פּלאָנטער
פון פאַרפלויגענע אַמאָלן;
ווי אַן ערשטלינג אויף דער בינע,
אָפּט פאַרמישט ער זיינע ראָלן.

(ערגעץ האָבן זיך פאַרלאָרן
פון זיין נעכטן גאַנצן שטיקער, —
ווי ער וואָלט זיי אונטערוועגנס
ניט געטראַכטערהייט פאַר׳שיכורט.)

שפּאַנט ער איבער הונדערט שטעגן
אויפצוזוכן זיי, אַנטפלעקן;
און אַ שטראַל אַ וואָרף טאָן דאָרטן,
וואו עס טונקעלן זיך פלעקן...

הויבט זיך אויף דער גרויער פאָרהאַנג
און זיין נעכטן ווערט אַ פּאָן אים, —
ס׳איז דאָס לעבן אַ בעל־חוב אים
און ס׳איז צייט אים אויפצומאָנען...

2

אויף דער מאַמעס הענט

קליין איז חיים׳ל נאָך דעמאָלט,
אומבאַהאָלפן ווי אַן עופה׳ל:
קאָן אוודאי נאָך ניט שפּרינגען,
קאָן אפילו נאָך ניט לויפן.

אים איז גוט אין מאַמעס אָרעמס
ס׳אַרײַ זיכערע און ווייכע;
זיצט ער דאָרטן איינגענורעט,
קיינער קאָן צו אים ניט גרייכן.

שטייט שוין לאַנג אַזוי די מאַמע
צו איר אָרט אַ צוגעשמידטע,
ס'אָרט איר גאָרניט וואָס פון אויבן
זעצט די זון אַזאַ צעגליטע.

וואָס-זשע זעען פון דער וויטן
זיינע אויגעלעך פאַרשפּיצטע?
עפּעס ציען זיך שערענגעס
אין דעם דרויסן דעם צעהיצטן...

אין דער לופטן — רויטע טיבער
צו דער הייסער זון זיך הויבן,
און אַזעלכע מאָדנע קולות
זיינע אויערלעך פאַרטויבן.

צוליב וואָס דער שטראָם פון מענטשן,
און צו וואָס די אויסגעשרייען?
און די טיבער אויף די שטאַנגען
איבער קעפּ צו וואָס זיך דרייען?

ווייניק ווייסט ער — אין זיין אומשולד —
אַז ער איז אַ צאַרטער עדות
פון אַ וועלט, וואָס וויל ניט לעבן
ווי געלעבט האָבן די זיידעס...

ווייניק ווייסט ער, אַז ס'איז ערב
גרויסע שטורעמס און געראַנגלען;
אַז אַ לאַנד האָט זיך צעבויטעט,
וויל צערייסן אַלטע צוואַנגען.

ווייניק ווייסט נאָך אָט דאָס יאַטל
— זאָל אים אָנהויבן צו אַרן —
אַז ס'איז ניינצן-פינף אַצינדער
אויף די קלוגע קאַלענדאַרן;

אַז עס בונטעווען זיך העלדן
איבער רוסלענדישע סקווערן;
אַז אַ לאַנד וויל מער ניט זינקען
אין אַ תהום פון נויט און טרערן...

פרעמד איז אים דאָס וואָרט סיביר נאָך,
פרעמד — די בייזע שרעק פון תליות;
ווייסט ניט, אַז אויף רוסלאַנדס טייכן
ברעכט דאָס אייז זיך, גייען קריעס...

און דאָס איז דער ערשטער אָנזאָג
פון אַ שטורעמדיקן פרילינג,
און זיי ביידע: ע ר און חיים
זיינען היינט אַ העלער צווילינג;

און זיי האָבן זיך באַגעגנט
אויף די געסלעך פון בערעזין, —
נאָר ס'האָט קיינער, חוץ דער מאַמען,
ניט געמאַכט דערפון קיין וועזן...

## 3

אַ פאַרנאַכט אין שטיבל

ער און זיין שוועסטערל — ביידע ביים פענצטער,
פנים'לעך פייכטע, פון טרערן באַנעצטע...

אוועק איז די מאַמע נאָך האָלץ פאַרן אויוון,
שטייען זיי ביידע און קוקן דורך שויבן.

ס'דאַכט זיך: שוין שעה'ן זיי שטייען און שטייען;
די לעצטע מינוטן פון טאָג שוין פאַרגייען.

אנטקעגן אין שויב האָט די זון זיך פאַרהאַלטן
איידער זי ווערט ערגעץ גליאיק פאַרפאַלן...

און אפשר — די זון וויל פון זיי זיך באהאלטן
און פלוצים אויף ביידן מיט פלאַמען אַ פאַל טאָן...

און ס׳לייגט זיך די שרעק אינעם פינצטערן הייזל,
און ס׳ווערט שוין אַ ח י ה אַ בייזע דאָס מייזל,

וואָס גריזשעט אָן אויפהער דאָס האַלץ אין שופלאָדן,
וואָס זיינען מיט ברעקלעך פון דלות באַלאָדן.

עס גריזשעט דאָס מייזל, עס גריזשעט די מורא,
און ס׳ווערן פון פחד די הערצלעך געפרוירן.

ניטאָ מער די זון אין די שויבן אַנטקעגן,
נאָר ס׳טריפט אין פאַרנאַכטיקע שאָטנס אַ רעגן;

און פלוצים: — פון טראָפנדלעך — שנייעלעך ווערן
און פלאַטערן גרינג דורך די קינדערשע טרערן;

זיי פלאַטערן, דרייען זיך אין קאַראַהאָדן,
פאַרפלעכטן אין סטעגגעס די פענצטער און לאָדן;

באַדעקן די דעכער, די בלאָטיקע גאַסן
מיט ליילעכער ווייסע, מיט ליכטיקע פאַסן.

זיי ווערן מסתמא פאַרמאַטערט פון טאַנצן,
פון פלעכטן אין לופטן קאַלירפולע קראַנצן

און לייגן זיך אָפּרוען אַלע צוזאַמען,
ווי ס׳וואָלט זיי די ערד זיין אַ בעטל אַ גראַמע...

אָט שלייכט אַ געשטאַלט אין דער פינצטער פאַרביי זיי
און ס׳עפנט די טיר זיך פון הילצערן הייזל,

און אָט איז די מאַמע מיט האַלץ און מיט שפענער, —
און ס׳ווערט אינעם שטיבל אי גראַמער, אי שענער.

אַט טוט שוין אַ קנאַק אינעם אויוון דער פייער
און ליכטיקער ווערט שוין און ס׳אָטעמט זיך פרייער.

און פריילעכער ווערט פון די פונקען אין אויוון;
זיי שפרינגען צעדולטע און איילן און לויפן,

און איילנדיק לעקן די העלצער און גלעטן,
און יאָגן זיך גיך, ווי אין הייסע געוועטן,

געטראָגן מיט אימפעט צוזאַמען מיט רויכן
אַרויף דורכן קוימען אין נאַכטיקע הויכן...

וואָס איילן אַזוי דורכן קוימען די פונקען? —
— ווערט חיימ׳ל טיפער אין טראַכטן פאַרזונקען —

וואָס ווערט פון זיי דאָרטן, אין נאַכטיקן דרויסן,
וואו שנייעלעך פליען און ווינטעלעך רוישן?

אַרויסגיין אין דרויסן, ווי וואָלט ער איצט גערן,
צו זען, צי די פונקען דערגרייכן די שטערן;

צי ווערן זיי אפשר צעטראָגן פון ווינטן,
און דאָרטן אין הימל אויף אייביק פאַרשווינדן;

נאָר ס׳פייפן די ווינטן אין דרויסן און שמייסן
און טרייסלען דעם דעכל, די לאָדן צערייסן...

ס׳וואָלט חיימ׳ל לענגער דאָ שטיין נאָך און טראַכטן,
ווען ס׳וואָלטן די אויגעלעך זיך ניט פאַרמאַכן,

און ס׳וואָלט ניט די מאַמע גענומעןביים הענטל,
געלייגט אים אין וואַרעמען בעטל ביים ווענטל

און ס׳וואָלט ניט געקומען דער שלאָף מיט אַ ניגון
מיט פליגעלעך ווייכינקע צאַרט אים פאַרוויגן...

## 4

דער טאַטע פאַרט אַוועק

ס'איז שפּעט אינעם אָוונט. ס'געדענקט זיך, ווי היינט:
די פענצטער — פאַרהאַנגען. אַ לעמפּעלע שיינט.

אַ סך טשעמאָדאַנעס צעשטעלט אויפן דיל...
ס'וואָלט גוט געווען געבן מיט זיי זיך אַ שפּיל, —

נאָר פול איז מיט מענטשן־געטומל דאָס הויז
און סודות'דיק רעדט מען די ווערטער אַרויס...

צו וואָס דער געפּילדער אין מיטן דער נאַכט? —
אויך חיים'ל דרייט זיך אַרום דאָ פאַרטראַכט...

אָט באַלד פאָרט דער טאַטע פון דאַנען אַוועק
אין ערגעץ אַ לאַנגן, אַ ווייט־ווייטן וועג,

און קיינעם דערפון איז ניט פריילעך געווים;
ווייל אָט טוט די מאַמע די אויגן אַ וויש;

און ס'דאַכט זיך, אַ קרעכץ טוט פון איר זיך אַ ריס,
די פינגער — אַ בראָך און די ליפּן — אַ ביס...

און איטלעכן דאָ וואַרפט דער לאָמפּ אויף די ווענט
מיט רונדיקע קעפּ און צענומענע הענט;

און איינער דעם צווייטן יאָגט איבער געשווינט,
ווי ס'וואָלט זיי אָן אויפהער געטראָגן אַ ווינט:

אָט מישט ער צוזאַמען די הענט און די קעפּ
און אָט טוט ער איינעם פון צווייטן אַ שלעפּ,

און ס'קענען ניט רואיק פאַרבלייבן און שטיל
די קעפּ ביים סופיט און די פיס אויפן דיל...

ווי קליין איז דאָס לעמפּל, נאָך קלענער — דער פלאַם,
נאָר זע, ווי ער האָט אין דער פינצטער קיין צאַם!

אַ יעדן ער מאַכט אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק;
ניט קיין מענטש, נאָר אַ בוים; ניט קיין קאָפּ, נאָר אַ באַרג...

און ווייטער געדענקט שוין ניט חיים'ל מער...
נאָר איטלעכעס מאָל, ווען געלאָזט האָט אַ טרער

אין שפּעטערע יאָרן זיין מאַמע אין צער, —
אַ ברי האָט געטאָן יענע נאַכט אים, ווי זשאַר,

און געגעבן האָט חיים זיין אויג אַ פאַרשלים
און די אינגלשע ליפּן — ביז בלוט אַ פאַרביס...

## 5

ביים ערשטן רבי'ן

פינף צעבאַלעוועטע יאָרן
זיינען אומבאַמערקט אַנטרונען
און פאַרפאַלן אין זכרון,
ווי פינף טראָפּנס אין אַ ברונעם.

ס'זיינען עכאָס נאָר פאַרבליבן,
שוואַכע אָפּהילכן פון דעמאָלט,
ווי דער הויך פון קינדער־ליפּן
קוים־צעעפנטע אין דרעמל.

ערשטע אינגלשע פינף יאָרן
גרינע פעדערלעך, באַהעלטע...
נאָר דער זעקסטער פירט דעם אינגל
אין אַ פרעמדער צויבער־וועלטל.

ערשטע ווינטערן און זומערס
דורכגעלאָפן גיך פאַרביי אים;
און מיט שטאָלץ אים פירט די מאַמע
צום מלמד, צו רב שמעיה'ן.

ווי די פייגעלעך אויף צווייגן,
טאַנצן אותיות איבער בלעטער;
מיט אַ ציטערדיקן הערצל
נאָך די פייגעלעך ער קלעטערט...

און ער דאַרף זיי אַלע, אַלע,
מיט די בלאַסע ליפּן כאַפּן
און ער דאַרף, ווי אין אַ שטייגל,
זיי אין קעפּעלע פאַרקלאַפּן.

און דעם רבי׳ס לאַנגע טייטל
פירט די אייגעלעך צעהעלטע
איבער שורה׳לעך, ווי בייטן,
איבער בלעטער, ווי די פעלדער.

קריכט ער שווערלעך איבער בייטן,
צופּט, ווי גרעזעלעך, די ווערטער:
יעדעס וואָרט — אַ וואונדער-בלימל —
אַ פאַר׳חידוש׳טער באַקלערט ער.

און עס פירט דעם רבי׳ס טייטל
ווייט און ווייטער, טיף און טיפער,
ווערט אַ ברייטער ים דער סידור
ער אַליין — אַ דרייסטער שיפער...

קוים דעשלעפּט זיך ביזן פרייטיק,
דורכגעמאַכט אַזאַ מהלך, —
פון סופיט גלייך אויפן סידור
וואַרפט אים קאָפּיקעס אַ מלאך.

פונעם סידור ביזן חומש
איז אַ קורצער וועג אַ שמאָלער, —
און אין תוך פון מעשה-בראשית
שפּרינגט אַריין שוין מיטאַמאָל ער.

און עס בייטן זיך די סדרות
און עס כישופן חומשים,
ס׳קייטלען זיך אין וואונדער-קרייזן
אי די טעג, אי די חדשים.

ס׳בייטן זיך אויך די מלמדים,
נאָך רב שמעה׳ן קומט שמואל-נאַטע:
מיט די טיפע קלוגע אויגן,
מיט די קנייטשן פון גריזאַטע.

מיט זיין שטילן, פרומען דאַווענען
אין בית-מדרש׳דיקן ווינקל,
מיט דער איינזאַמקייט וואָס האָט אים,
ווי אַ רייף, אַרומגערינגלט...

## 6

די מעשיות פון חומש

קינדערשע יאָרן ווי מאָן־בלומען, צאַרטע,
אין ענגן, אין לופטלאָזן חדר פאַרשפּאַרטע, —

ס׳נעמט חיים זיי אָן, ווי אַ הייפעלע קאָרן,
און איינציקווייז וואַרפט זיי אין זיפּ פון זכרון.

עס פאַלט דורכן זיפּ אָפט אַ זעמדל אַרונטער,
נאָר אויבן — די קערנדלעך בלייבן באַזונדער.

און חיים באַטאַפּט זיי קוים־קוים מיט די פינגער
און ווערט מיטאַמאָל אויף פיר־צענדליק יאָר יינגער...

און ווידער ער זיצט אויפן בענקל דעם האַרטן
און גאָרנישט פאַרדריסט אים און גאָרנישט שוין אַרט אים;

ער קוקט אין שמואל־נאָטעס פאַראומערטע אויגן
און ווערט אין פאַרצייטיקע וועלטן פאַרפלויגן;

צוזאַמען מיט אַלע חברים פון כתה,
ער שלינגט אַ פאַר׳שיכור׳טער יעדן קאַפּיטל.

ס׳דערציילט זיי אין אידיש דער רבי שמואל־נאָטע
די וואונדער־געשיכטעס פון אַלערליי שבטים;

פון יוסף׳ן, משה׳ן, יוכבד און אהרון,
פון בייזן, האַרטנעקיקן בלוט־זויגער, פּרעה׳ן;

פון גאָלדענעם קאַלב און צעבראָכענע לוחות,
פון פערציק יאָר וואַנדערן ווילד, ווי די רוחות.

ס׳האָט חיים מיט אור־זיידעס דעמאָלט געוואָגלט
אויף זאַמדן פון מדבר אין היץ און אין האָגל;

דער מן פונעם הימל געשטילט האָט זיין הונגער,
און וואַסער פון שטיין אַ פאַרשמאַכטער געשלונגען;

מיט משה'ן ביים ירדן איז חיים געשטאַנען
און ס'האָט אים געפּייניקט, וואָס איבערצושפּאַנען

איז משה'ן אין לאַנד פון די כנענים פאַרבאָטן,
ווי עמיץ זיין טרוים מיט די פיס וואָלט צעטראָטן...

דערנאָך האָט ער, חיים, אַזוי ווי אַ וויכער,
געדרייט זיך פאַרזאָרגט אַרום ווענט פון יריחו;

און נאָכדעם האָט ער זיך שוין האַרציק געברידערט
מיט דבורה הנביאה און שמשון הגיבור.

עס דאַכט זיך איצט חיים'ען: הייסער און לענגער
געליבט האָט ער דויד'ן – קריגער און זינגער —

און האָט זאַלבאַנאַנד מיט אים תמיד געוואַנדערט
און גאָרנישט געקענט האָט זיי טיילן פאַנאַנדער.

אַ גאַנצענעם זמן דורך די ווינטער-חדשים,
ווען ס'האָט זיך די זון פרי אין מערב געלאָשן

און שניי-זאַווערוכעס זיך האָבן צעהוליעט, —
אַליין נענטער צום לאָמפּ האָט זיך חיים געטוליעט.

פאַרגעסן פון הונגער דאָס ביטערע קלעמען,
דעם שלאָף, וואָס געגלעט האָט אָן אויפהער די ברעמען,

דעם בענקל דעם האַרטן, די לאָך אין די הויזן,
אפילו דעם פראָסטיקן שטורעם אין דרויסן...

געוואָגלט האָט חיים אין זוניקע רוימען;
פאַרביטן דעם היינט האָבן נעכטיקע טרוימען,

מיט גאָלדענעם שפּינוועב דאָס קעפּל פאַרשפּונען,
מיט סודות געשעפּט פון אַן אוראַלטן ברונעם...

ס׳איז תמיד צו קורץ דאָס קאַפּיטל תנך אים, —
נאָר ס׳הייסט שוין שמואל-נאָטע דעם ספר פאַרמאַכן

און ס׳לאָזט מיט חברים זיך חיים ניט גערן;
אין הענטל עס לויכט קוים דאָס קליינע לאַמטערן,

וואָס ער האָט אַליין פון פּאַפּיר אויסגעפורעמט
מיט קנייטשן און פאַלדן, ווי טרעפּלעך, געטורעמט;

מיט חלב׳נעם ליכטל — געקויפט אינעם קרעמל —
—געשליידערט פון פראָסטיקן ווינט און צעפּלעמלט, —

ווי ס׳פלעמלט דאָס הערצל דאָס צאַרטע ביים אינגל,
מיט העלדן מיט אוראַלטע אַרומגערינגלט...

**7**

ער טרינקט זיך אין טייך

אַ פרייד האָט די אינגלעך אַ הויב-אויף געגעבן:
צום טייך וועט זיי נעמען פאַרנאַכט היינט דער רבי!

די היץ האָט אַ גאַנצענעם טאָג זיי געמאַטערט
אין זשום פון די פליגן, וואָס האָבן געפּלאַטערט

פון כתה צו כתה און ברעקלעך געקליבן
פון טישן, חומשים, פון נעזלעך און ליפּן,

ווי איטלעכעם קינד — פאַר זיין איינציקער פּרוטה —
פאַרגרייט וואָלט פאַר זיי אַ געהויבענע סעודה.

דער חומש געלעגן איז נאָנט פאַר די אויגן, —
נאָר חיים׳לם האָרץ האָט דער טייך שוין געצויגן,

און האָט זיך אין קעפּל צערווישט, ווי דער ירדן.
ער קאָן שוין די פריידיקע שעה נים דערוואַרטן...

אָט ציט זיך די שטויביקע גאַס דורכן שטעטל,
און לופט אין צעגליטער עס רירט זיך קיין בלעטל.

אָט טוט שוין אַ שימער פון ווייטן דאָס וואַסער,
די גלאַטקייט די מאָדנע, וואָס ציט, ווי אַ פּאָס, זיך

אויף רעכטס און אויף לינקס און פאַרשווינדט צווישן וועלדער
אין ערגעץ אַ סודות׳דיק לאַנד אַ פאַרשטעלטער...

עס פליען אַרונטער די הויזן, די העמדער,
און חיימ׳ל שטייט שוין אַ נאַקעט-פאַרשעמטער

אַנטקעגן דער וועלט און דעם נאַקעטן רבי׳ן...
די קינדערשע קעפּלעך אין וואַסער שוין שוועבן

און קינדערשע גופ׳לעך, פאַרבלייכט און געביינערט,
זיי ווערן געלייטערט אַלץ ריינער און ריינער;

עס דאַכט זיך: מלאכימ׳לעך דאָרט, אָן פליגל,
פלאַטערן, שוועבן אין טייכישן שפּיגל...

מיט ציטער אין פיסלעך, אין דאַרינקן גופ׳ל
באַרירט ער דאָס וואַסער...די קינדערלעך רופן, —

און ער לאָזט זיך שפּאַנען אַלץ טיפער און טיפער
אין וואַסער אין קילן מיט כוואַליעלעך-שטיפער...

אַ טראָט נאָך אַ טראָט, ביז די קני און אַריבער,
און העכער פון בייכל...דער טייך ווערט אים ליבער;

און ווייטער ער שפּאַנט זיך, ווי אויסמעסטן וויל ער
ווי טיף איז דאָרט אונטן דאָס וואַסער דאָס קילע.

— איין שפּאַן נאָך פּאַראַוס און צוריק זיך פאַרנעמען, —
די כוואַליעלעך גלעטן די גלידער און קעמען

זיין ברוסט שוין די דאַרע, זיין העלדזל דערגרייכן,
אַט זעט זיך אַרויס בלויז דאָס פּנים דאָס בלייכע.

און פּלוצלינג...איין פיסל דערטאַפּט ניט דעם באָדן,
ווי ס׳וואָלט שוין דער אָפּגרונט — מיט סודות באַלאָדן —

צעעפנט זיין גרויליקן מויל צו דערשלינגען
אַ קרבן אַ נייעם, וואָס האַלט שוין אין זינקען...

אַ פּחד זיין מח געטאָן האָט אַ צינד אָן,
אַז אָט וועט זיין נפש אויף אייביק פאַרשווינדן...

נאָר שרייען — ער וויל ניט. מיט כחות מיט לעצטע
ער הויבט אָן זיך ווערן...מיט ליפּן באַנעצטע

ער כאַפּט קוים זיין אָטעם. מיט הענטעלעך דאַרע
פאַר׳עקשנט דאָס וואַסער ער הויבט אָן צו שאַרן

און שטויסן צום ברעג זיך...דאָס הערצעלע האַמערט...
איין שטויס נאָך אַ שטאַרקן פון פליסיקן קלאַמער, —

און פיסעלעך שטייען אויף באָדן אויף האַרטן...
אַ טראָט נאָך אַ טראָט...און אין פּנימ׳ל צאַרטן

געזעצט האָט די בלייכקייט מיט שרעק און סכנה,
אין מויל האָט געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן אים;

עס דאַכט זיך: אָן אייביקייט איז דאָ פאַרגאַנגען,
ביז ער האָט באַוויזן צום ברעג צו דערלאַנגען...

געלייגט האָט זיך חיימ׳ל, אָן אויסגעשעפּט-מידער
אין גראָז אינעם גרינעם, פון פחד דערשיטערט.

דאָס הערצל געוואָלט האָט זיך לאַנג ניט באַרוען:
פון פּחד פון אומקום, פון נס פון ישועה...

און צוואַנציק, און דרייסיק, און פערציק יאָר שפּעטער, —
זיי האָבן אין בלוט, ווי דער ווינט צווישן בלעטער,

געררוישט און געפּלאַטערט, דערפרייט און דערשיטערט,
ווי צוויי אומצעשיידבאַרע, נאָענטע ברידער...

און אָפּט אין זיין לעבן, אין אייביקן קלעטער, —
דערשטוינט און פאַר׳חידושט אַליין זיך דערזעט ער

אינצווישן די צוויי: די געפאַר און דער וואונדער;
און זעלטן, נאָר זעלטן, זיי קומען באַזונדער...

און אָפּט אינדערמיט פון באַ׳יום־טוב׳טע זאַלן,
דערהערט ער פון ווייטן סכנה־סיגנאַלן...

ווען איינער מיט פּחד איז גרייט אים באַפאַלן,
באַגריסט אים דער צווייטער מיט פריידיקן שאַלן.

## 8

קינדערשער גן־עדן

זומערדיקע שטויבן, ווינטערדיקע שנייען, —
דרייען זיך אין געסלעך, ס׳שטעטעלע פאַרווייען;

זומערדיקע היצן, ווינטערדיקע פרעסט, —
חיים׳ל באַגעגנט זיי אין יערלעכן פאַרמעסט...

ס׳לויפן נאָכאַנאַנד די קיילעכדיקע זמנים,
אויסצופאָרשן איז אים דאָ אַזויפיל נאָך פאַראַנען.

און מיט יעדן זמן פאַרהאַרטעווען זיך גלידער,
און מיט יעדן זמן איז ער שוין פאַרברידערט:

ווינטער אויף די גליטשערס, זומער אין די וועלדער, —
צייטיקט זיך דאָס אינגל אין זיין צאַרטן עלטער...

גרוים איז ווי אַ גענייץ, אַט דאָס קליינע שטעטל,
נעמט ער זי ביינאַכט אַריין צו זיך אין בעטל;

רופן אים אין חלום אַלע פייגל-לידער,
בלאָנדזשעט ער און בלאָנדזשעט אינעם וועלדל ווידער;

ווערט דאָס סאָסנע-וועלדל סודות׳דיק געדיכטער,
שפּאַנען דאָרט גזלנים, שרעקלעכע געזיכטער;

יאָגן זיך און שרעקן און די הינט צערייצן...
און די טרערן רינען און די טרערן פּלייצן;

ס׳טרייסלט זיך דאָס הערצל — ער אַליין, מער קיינער —
און עס שטיקן אים אין העלדזל קרעכצן און געוויינען...

וועקט אים שטיל די מאַמע, און דאָס צאַרטע גלעטן
ברענגט צוריק פון וואַלד אים צו זיין אייגן בעטל...

זומערדיקע שטויבן, ווינטערדיקע שנייען
דרייען זיך אין געסלעך, ס׳שטעטעלע פאַרווייען...

## 9

בריוו פון טאַטן

שוועסטערלעך פיר און אַן עלטערער ברודער
פילן די צימערלעך אָן פון דער כאַטע,
ס׳איז כאַטע — אַ שיף, און די מאַמע ביים רודער, —
און אַלע זיך קוויקן מיט בריוו פונעם טאַטן.

גרינג איז אַ מאַמען צו טראָגן די יאָכן,
ווען ווייט איבער ים איז פאַרוואָגלט דער שפּייזער?
וואַשן און לאַטען, און באַקן און קאָכן,
תמיד זיך דרייען, ווי זייגערשע ווייזער?

מאכן די בעטן און קערן די דילן,
שעטקעווען קרויט, אליין שפינען דעם באוול,
צירעווען זאקן אין אוונטן שטילע, —
טראגן דעם גורל, וואס האט זי באַ׳עוול׳ט?

קענעטן די דייזשע און הייצן דעם אויוון,
באקן דאס ברויט אויף א וואך אויף א גאנצער?
זען, ווי די יארן די אייגענע לויפן,
שטיקן אין אויגן א טרער א צעגלאנצטע?

קינדער פארשטייען ניט מאמישע טרערן,
ס׳קלאפן נאך קינדערשע הערצלעך און פילן:
ס׳טראגט זייער מאמע אן עול גאר א שווערן
און ס׳מאלט זי דער גורל, ווי שטיינער אין מילן...

ס׳מאלט זייער מאמען די מיל פונעם גורל, —
גאנצענע טעג אין געראנגל און האווען, —
זיי איז די מאמע א פעסטונג, א מויער,
ס׳ארעמע שטיבל — א זיכערער האפן...

קומט אן א בריוו פונעם לאנד איבער ים׳ען, —
שיינט, ווי די זון, אויף די פרייד אויף איר פנים,
לאזט זי באלד איבער דאס ריניקן, ראמען,
קאן מען דער מאמע שוין גארניט דערקאנען.

„מיין ליבע, געשעצטע...״ — באַ׳טעמטע, באַ׳חנטע,
בליען די ווערטער אויף מאמישע ליפן,
מאמישע אויגן איצט — פריידיק-באוויינטע,
ס׳האבן זיך זון-שטראלן דארטן פארקליבן...

„...שווער איז דאס לעבן, די ארבעט — נאך שווערער,
כ׳פרעס שעה׳ען לאנגע מיט פרעס-אייזנס הייסע...
עך, ווען איך קאן נאר, געשיקט וואלט איך מערער...
קוש אלע קינדערלעך, קליינע און גרויסע...״

צימערלעך קליינע צעוואקסן זיך גראמער
אין שיין פון דער מאמעס צעלויכטענע אויגן,
רואיקער שלאפט זיך דערנאך אינעם קאמער,
ס׳ווערט, ווי מיט כישוף, די כאטע פארצויגן...

## 10

דער טאַטע קומט און פאָרט צוריק

זיינען זומערס פינף פאַרגאַנגען,
זיינען ווינטערס פינף פאַרשוואונדן;
נאָגט די בענקשאַפט ס׳הארץ פון טאַטן,
ווי היים-זשאַרנדיקע וואונדן.

וואָס האָט אים צוריק געצויגן
איבער כוואַליעדיקע ימ׳ען:
געסלעך ענגע פון בערעזין,
צי די בריוולעך פון דער מאַמען?

האָט די פרעס-מאַשין די שווערע
לייב און לעבן זיינס צעפרעסן
און אַן אומפאַרוועלקטער חלום
האָט גענאָגט אים דורך מעת-לעתן?

ס׳איז דער גלאַנץ פון ערשטע וואונדער
אויף דער פרעמדער ערד צערונען;
דאָ דעם וואָרצל אויסגעריסן,
דאָרט קיין באָדן ניט געפונען...

צאַפּלט זיך דורך נעכט דורך שטילע
אינעם בלוט-געוועב אַ סטרונע;
בליט-אויף ווידער אין זיין האַרצן
זיין קבצנ׳ישע אמונה;

איינגעבאַקן אין די אברים
זיינען שטעטלשע מנהגים,
וועט ער אינעם לאַנד פון „גויים"
זיינע זין אַריבערטראָגן?

אפשר וועט דער בורא העלפן
דאָס געזינט אויך דאָ צו שפּייזן;
זיינע חסדים צו דעם אביון
וועט ער זיכער אים באַווייזן...

און געשריבן האָט דער טאַטע,
אַז אויף פּסח קומט אַהיים ער, —
האָט דאָס שטיבל זיך צעלויכטן
מיט אַ שמחה אַ געהיימער.

קינדער האָבן גרויסע טרוימען,
טראָגן זיך אין ווייטע וועלטן, —
נאָר די וועלט פון טאַטנס טרוימען
איז מיט וואָלקנס אַ פאַרשטעלטע;

און פון ניין יאָר אַ אינגל
קאָן די וואָלקנס ניט צעטרייבן,
און די סודות פון די גרויסע
מוזן לאַנג נאָך סודות בלייבן...

...און אַריין אין קליינעם שטיבל
איז אַ מאַנסביל אַזאַ הויכער;
ריין געקליידט און מיט אַ בערדל,
ווי אַ מזל׳דיקער סוחר.

קוקט אַ שוועסטער אַן עלף־יאָריקס,
קוקט אים אָן מיט בליקן האַרטע
און פאַר׳חידושט טוט אַ פרעג אים:
זאָגט מיר נאָר, ר׳ איד, וואָס דאַרפט איר?

טוט דער פרעמדער אַזאַ שמייכל,
שטרעקט די הענט אוים אַ דערפרייטער:
אסתר׳ל, מיין שיינע טאָכטער,
ניט דערקענט דעם טאַטן, שוטה?

און אַ הויב אין אָרעמס שטאַרקע
און אַ הייסן קוש אין קעפּל;
אַזש פאַרשעמט האָט זיך דאָס קליינע
און געדרייט דעם לאַנגן צעפּל...

(ס'איז אוועק ערגעץ די מאַמע
מיטן פּסח זיך פאַרגרייטן,
און די זין — פון ניין און דרייצן —
שמייען ערגעץ צווישן קלייטן.)

מיטאמאָל ווערט פול דאָס שטיבל,
שכנים, פריינט און די משפחה:
ס'איז געקומען הלל-אהרון
צו זיין ווייבל שרה-רחל'ען.

און די קינדערלעך פאַרוואונדערט
קוקן אָן דעם פרעמדן טאַטן,
מיט די טיפע-בלויע אויגן
אויף אַ פּנים — איידל-מאַטן;

מיטן ריח פון מרחקים
אין די אויסגעפּרעסטע בגדים,
מיטן אומרו פון אַן אורח,
וואָס דערציילט אַלץ אָן אַן אָטעם...

## 11

צוויי חדשים פרילינג-העלע
איבער געסלעך שפּאַנט דער טאַטע,
טאַפּט דעם דופק ביי דער שטעטל, —
מאַכט זיך שטעטל טאַמעוואַטע...

צוויי חדשים אויסגערוטע
איבער בלאָטעדיקע געסלעך:
וואָס געווען איז שיין — איז דאָ נאָך
און ס'איז דאָ נאָך, וואָס ס'איז העסלעך...

אַלע שיינע באַלעבאַטים
זיינען אַלץ נאָך „שיין" און מיאוס, —
זיצן אַלץ נאָך פעסט אין מזרח
און מען טיילט זיך די עליות...

און דער שניידער וואַרפֿט די נאָדל
און דער שוסטער קלאַפּט די טשוועקלעך,
און מען ווייסט ביי אַלע שכנים
וואָס עס טוט זיך אונטער דעקלעך...

ביטער איז נאָך אַלץ דעם קבצן
און די נויט שטעכט אויס די אויגן, —
ווי זי וואָלט זיך הויל־און־נאַקעט
אויף די כאַטעס אויסגעצויגן...

וואָס קען טאָן אַ בעל־משפּחה
אַ מטופּל׳ער מיט פּרעסער, —
אַז דער מזל ליגט ביים נגיד
אונטער זיבן גראָבע שלעסער...

און נאָך צוויי חדשים מעסטן
און באַטראַכטן אַלע צדדים, —
איז נאָך ענגער אים געוואָרן,
ז׳יעדער טאָג געווען אַ שאָד אים...

איידער ס׳ווערט די לעצטע פּרוטה
אויסגערונען פֿון זיין „אוצר", —
ווערט ער אָננעמען מיט ליבשאַפֿט
וואָס זיין קלוגע פֿרוי אים עצה׳ט.

ווידער טראָגן אים די כוואַליעס
צו די ברעגן מיסיסיפּער, —
מיט אַ נאָגעניש אין האַרצן
מיט אַ תּפֿילה אויף די ליפּן...

# איבערזעצונגען

די מערסטע איבערזעצטע לידער
ווערן געזונגען לויט באקאנטער מוזיק.

# מענטשן

ס׳האָט יעדער מענטש אויף אונדזער ערד
זיין וואָג, זיין מאָס, זיין הייליק ווערט.
ווי אַנדערש איטלעכער פּלאַנעט אין רוים, —
איז יעדער מענטש און אויך זיין טרוים;
ווי אַנדערש ס׳איז דער גאַנג פון יעדן דור,
איז אויך דער וועג פון מענטשנס וואָר.
און אויב ס׳האָט עמיץ אומבאַמערקט געלעבט
און אומבאַמערקט זיין יאָך געשלעפּט, —
איז אויך פאַר דעם געווען איז ער
אַ ווערטפול בלאַט אויף אונדזער ערד.

ס׳איז יעדער איינער רייך אין זיין באַזונדער וועלט;
ווייל ס׳האָט די זון פאַר אים ניט איינמאָל אויפגעהעלט,
ער האָט געוויס אויך שעה׳ען גרויזאַמע געהאַט,
מיט זאָרג און פּיין ביז צו די ברעגן זאַט...

און ווען דער מענטש באַטרעט דעם לעצטן וועג,
גייט אויך דער ערשטער שניי מיט אים אַוועק,
דער ערשטער קוש, די ערשטע יוגנט־פרייד, —
ער נעמט דאָס אַלץ מיט זיך, ווען ער פאַרגייט...
ס׳פאַרבלייבן ביכער, בילדער אויף די ווענט
און אַלץ, וואָס לאַנג געצערטלט האָבן זיינע הענט;
פאַרבלייבן וועלן זאַכן פיל נאָך אים, —
און דאָך ניט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען אַזוי אינטים . . .

ס׳איז דער געזעץ פון לעבן אַזוי האַרב —
אַ וועלט אַ גאַנצע מיטן מענטשן שטאַרבט.

מיר טראַכטן אָפט: ס׳איז גרויס דעם מענטשנס לוסט;
נאָר ווייסן מיר, וואָס ס׳טוט זיך אין זיין ברוסט?
און וועגן ברודער אייגענעם און פריינט,
און וועגן דער, וואָס אונדזער לעבנס־וועג באַשיינט,
און וועגן טאַטן אייגענעם, וואָס נאָענט איז אַזוי, —
מיר ווייסן, דאַכט זיך, אַלץ, נאָר גאָרנישט ניט גענוי . . .

אַ מענטש פאַרגייט, ס׳פאַרשטומט זיין שטים,
ס׳פאַרשווינדט זיין סודות׳דיקע וועלט מיט אים . . .
און ס׳ווילט זיך שטאַרק אַזוי אַ יעדעס מאָל
דעריבער זיך צעשרייען אויפן קול!

(פון רוסיש)

## דער וועג

ס׳ציט זיך ווייט דער וועג, דאָס אויג איז שאַרף,
און עס רייצט די ווייטקייט די נשמה;
ס׳איז דער וועג דעריבער לאַנג מסתמא,
ווייל דער מענטש אַזויפיל וויסן דאַרף;

ס׳מוז דער מענטש דאָך קענען ס׳גאַנצע הויז,
ס׳גאַנצע — ניט נאָר איין פאַררוקטן ווינקל;
ס׳איז דאָס הויז אַ רונדיקס און צעפינקלט,
נאָר די אייז־בערג־בוידעמס זיינען גרויס . . .

ס׳מוז דער מענטש מיט מענטשן זיין באַקאַנט,
כדי מיט גוטעס אָננעמען זיך זאָל ער;
כדי דער טרוים פון ברודערשאַפט און שלום
זאָל אים, ווי זיין העמדל ווערן נאָנט.

אָ, ווי גוט ווען וויסן זאָל דער מענטש, —
ניט קיין זעמדל איז ער אין יאָרהונדערט;
ס׳איז דאָך גאָרניט פון די קליינע וואונדער:
זיין מיט חכמה מענטשלעכער געבענטשט.

אָפט — דער לאַנגער וועג פאַרטונקלט ווערט
און דער טראָט ווערט לאַנגזאַמער און שווערער;
נאָר צו זיין די ליכטיקע פאַרשווערער
קעגן חושך איז אונדז אייביק זיין באַשערט.

(פון רוסיש)

# דער צואה-שטיין

עס הויבן זיך העכער די פלאַמיקע צונגען
און וויקלען אין רויך איין דעם מויער;
דער קעמפער דער לעצטער אין רויך ווערט פאַרשלונגען
און פאַלט ביים אַריינגאַנג פון טויער . . .

עס דונערט פון וויטן אַ שאָס נאָך אַ שאָס,
אין פענצטער עס פלאַצט אַ פאַר׳יתומטע גלאָז;
ס׳איז קיינער ניטאָ,
אַליין איז ער דאָ
אין לעצטער, אין בלוטיקער שעה . . .

נאָר אָט... ס׳קומען אָן איבער שטיינער און ציגל
חברים — דעם קעמפער צו רעטן;
אין פאָן האָט דער קעמפער געהאַלטן פאַרוויקלט
אַ שטיין... און האָט צערטלעך געגלעט אים.

מיט ליפּן פאַרשמאַכטע גערעדט האָט ער שטיל:
דער שטיין אין מיין האַנט וועט דערמאָנען אייך פיל —
די מויערשע ווענט,
די פאָן אין די הענט,
די היים, וואָס דער פיינט האָט געשענדט . . .

און ווער עס וועט נעמען דעם שטיין, זאָל איצט שווערן,
אַז טראָגן אים וועט ער מיט ערע;
און ער זאָל דער ערשטער אַהער זיך אומקערן
ווען שונא פאַרטריבן וועט ווערן.

ס׳איז הייליק דער שטיין פון דער חרוב׳ער היים,
ווי הייליק אין ערד איז דאָס בלוט און געביין;
זאָל ווערן פאַרהיט
דאָס שטיקל גראַניט,
דאָס האַרץ פון דער היים אין אים גליט...״

דורך שטורעם און פײַן איז דער שטײן דורכגעגאַנגען
און ווידער זײַן ווינקל געפונען;
אַ טויב האָט צעשפּרייט אירע פליגל די בלאַנקע
און פרײדלעכע קרײַזן געשפּונען.

עס גייען די העלדישע קעמפער פאַרביי
און זעען, ווי ס׳בויט זיך דאָס לאַנד אויפדאָסניי;
זיי ווערן ניט מיד
צו זינגען דאָס ליד
צום מאַרש פון די זיגרייכע טריט.

(פון רוסיש)

## קאַטיושא

ס׳האָבן זיך צעבליט די עפּל־ביימער,
אַ טומאַן האָט אײַנגעהילט דעם וועג;
גייט אַרויס צום ברעג פון טײַך קאַטיושא,
צו דעם הויכן אויסגעקרימטן ברעג.

דאָרטן האָט זי הילכיק זיך צעזונגען
וועגן יענעם, וואָס איז אַזוי ווײַט;
וועגן דעם, וואָס איז איר ליב און טײַער,
וועמענס בריוו זי היט די גאַנצע צײַט...

העי, דו ליד פון בענקשאַפט און פון ליבע,
ווי דער ווינט דערלאַנג זיך אַ צעיאָג:
צו מײַן ליבסטן אויפן פראָנט דעם ווײַטן
מײַנע גרוסן מײַנע הייסע טראָג!

זאָל ער זיך דערמאָנען אין זײַן מיידל
און דערהערן פון דער ווײַט איר ליד;
זאָל ער אונדזער לאַנד פון שונא היטן,
ווי מײַן האַרץ די ליבע האָט פאַרהיט.

(פון רוסיש)

# דער רויטער קוסטביים טייכל

ביי דעם ברעג פון טייכל
בליט אַ רויטער קוסט...
ליב האָבן אַ בחור
האָט זיך מיר פאַרגלוסט.

זיך אַזוי פאַרליבן
האָב איך ניט געטאָרט;
פאַר מיין גרויסער ליבע
האָב איך ניט קיין וואָרט.

יונג איז ער און לוסטיק,
ווייסט ער וואָס איך טראַכט?
אַז נאָך אים אַליין נאָר
בענק איך טאָג און נאַכט.

פון דעם קוסט ביים טייכל
פאַלט דער גרינער חן, —
נאָר מיין הייסע ליבע
קיינמאָל וועט פאַרגיין...

אַז מיין הייסע ליבע
וואַקסט מיט יעדן טאָג, —
ווי זשע קען איך, טייכל,
אים דערציילן, זאָג?

ס'פעלן אויס מיר ווערטער,
ווערטער צאַרט און שיין...
בחור מיינער ליבער,
גוטער, טרעף אַליין...

(פון רוסיש)

## אויפן בערגל

פריש און דופטיק שמעקט דער זומער
און אַ נעפּל שפּרייט זיך אויף דער וואָלגע אויס;
אין דער שטילער שעה פון אָוונט
קום, מיין ליבער, צו דעם בערגל קום אַרויס!

אַלץ וואָס טייער און וואָס הייליק
האָט דער פייערדיקער שטורעם־ווינט צעשטערט;
דאָרטן זיינען זיי געפאַלן, —
מיטן האַרץ באַשיצט פון שונא אונדזער ערד.

אויפן בערגל דאָרטן אויבן
שטייען יונגע, שטאָלצעביימער אויף דער וואַך.
זעץ זיך נעבנטער; זעץ זיך, ליבער, —
הער נאָר, ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ אין שטילער נאַכט.

ס'איז קיין טייערערס און שענערס
פון אַ ליבן חבר אויף דער וועלט ניטאָ.
קאָן דאָס האַרץ דען? — ניין, עס קאָן ניט
זאָגן ליגן אויפן באַרג דעם הייליקן אָט דאָ!

(פון רוסיש)

## דאָס סיבירער ליד

ווען עס טוט נאָר אַ בליאַסק דער סיבירער פאַרטאָג
און אין טייגע טומאַנען זיך שפּרייטן, —
טוט זיך קייטן־געקלאַנג אין דער לופט אַ צעטראָג:
אַרעסטאַנטן אין וועג זיך שוין גרייטן.

„מאַרש פאָראויס!" — הילכט אָפּ גרויזאַם און בייז דער באַפעל,
און ביז אָוונט־שפּעט מידע זיי שפּאַנען;
ניט קיין היימישער שוועל גריסט זיי וואַרעם און העל, —
ס'קרעכצן קייטן אין גרויע טומאַנען . . .

דאָס געווען איז אַמאָל ... ס'וועט ניט קומען צוריק,
ניט דאָס אומעטיק ליד, ניט די טרערן;
אומעטום דאָרטן בליט, וואו דו וואַרפסט נאָר אַ בליק,
נייע לידער די טייגע וועט הערן.

(פון רוסיש)

# די פאָן פון שלום

(געשריבן צו מוזיק פון מ. גלינקא)

טראָג זיך, טראָג זיך, פאָן פון שלום,
איבער לענדער פון דער ערד!
זאָל דיין רוף צו אַלע פעלקער
ווערן אומעטום דערהערט!

ימ׳ען בלוט און טרערן האָבן
אַלע פעלדער דורכגעווייקט, —
בענקט דאָס האַרץ אַזוי נאָך שלום,
ווי ס׳האָט קיינמאָל ניט געבענקט.

זאָל אויף אייביק קריג פאַרשווינדן —
פלאַם פון קויל און שניט פון שווערד;
זאָלן פרישע פרילינג־ווינטן
ווייען איבער אונדזער ערד.

זאָל מיט מי דער טאָג געבענטשט זיין
און מיט זיסער רו — די נאַכט;
און דער אויסגעקלאָרטער הימל
זאָל דער שומר זיין, וואָס וואַכט.

פלאַטער, פלאַטער, פאָן פון שלום,
טראָג זיך פריי פון לאַנד צו לאַנד!
ענג פאַרברידער אַלע פעלקער
אין איין ברידערלעכן פאַרבאַנד!

# דאָס ליד פון שלום

פון שטעט און פון לענדער,
פון בערג און פון טאָלן,
וואו זעט ווערט געשאַפן
און רייכטום געשמידט,
עס טראָגט זיך פון שלום,
פון זיכערן שלום,
מיט אימפּעט און שטורעם
אַ וואונדערלעך ליד.

עס טראָגט זיך דאָס ליד
ווי אַ פאָן אַ צעשטראַלטע,
און ס'ציטערט די בייזע,
די רויבערשע וועלט.
עס וועלן קיין ים'ען
דאָס ליד ניט פאַרהאַלטן,
עס וועט פון קיין צאַמען
ניט ווערן פאַרשטעלט.

עס שרעקן דאָס ליד ניט
קיין טורמעס, קיין קוילן;
עס דונערט דאָס ליד
איבער קייטן־געקלאַנג.
מיט גלויבן און מוט
איבער אַלערליי גרוילן
עס קלינגט אומדערשראָקן
דאָס שלום־געזאַנג.

(פון רוסיש)

## נאַכט פון רויזן

העל און דופטיק איז די נאַכט,
פול מיט רויזן איז דער סאָד;
זילבערדיק לבנה־שיין
הילט דאָ איין דיין טראָט.

רואיק, שטיל איז אַלץ אַרום
און אַ ווינטל קושט אַ רויז;
הער ווי ס׳גייט אויף אַ געזאַנג
פון מיין האַרץ, וואו ליבע ברויזט.

ס׳איז פרימאָרגן שוין, מיין טויב,
און דיין קאָפּ איז פול מיט טוי;
דיינע ליפּן — רויזן רויט,
זאַפטיק זיס אַזוי . . .

(פון העברעאיש)

## דער וועג אַהיים

ס׳איז די זון שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
איינגעהילט אין נעפּל זיינען אַלע וועגן.
און מיט מונטערע געזאַנגען
קומט דער קריגער פון די בלוטיקע געשלעגן.

ניט געשפּאָרט האָט ער זיין לעבן
אין געראַנגל הייסן פאַר זיין היים געטרייער.
אַלץ אין שלאַכט אַוועקגעגעבן
און אַ זיגרייכער אַרויס פון בייזן פייער.

גוט אַהיים זיך אומצוקערן,
העלע טעג פון פרידן זעט ער אין זיין חלום.
ווי צו די, וואָס ווילן שטערן!
מוטיק וועט דער קריגער שלאָגן זיך פאַר שלום.

(פון רוסיש)

# מאָסקווער אָוונטן

ניט קיין ווינטל רוישט; ניט קיין פויגל פליט;
שווייגט דער גאָרטן ביז מאָרגן־פרי.
צי דען ווייסטו, פריינט, ווי ס׳איז טייער מיר
שפּעטער אָוונט אין שטערן־גלי.

ס׳פליסט דאָס טייכל שטיל, אַזש עס רירט זיך קוים;
פון לבנה טריפט זילבער־שיין;
און אַ ליד זיך טראָגט אין דעם וויטן רוים
און מיין האַרץ אין מיר הערט זיך איין.

וואָס־זשע, טייערע, קוקסטו קרום אַזוי?
אָנגעפילט מיט צער איז דיין בליק . . .
ס׳איז מיר זאָגן שווער, און ניט זאָגן — שווער,
וואָס מיין יונג האַרץ אַזוי מיר דריקט.

העלער, העלער ווערט שוין אין מזרח־זייט . . .
זאָג מיר, ליבסטע, צו, גיב דיין וואָרט:
ניט פאַרגעסן וועסט אָט־די זומער־צייט
און דעם גאָרטן ביים טייכל דאָרט.

(פון רוסיש)

# פינדזשאַן

דער ווינט בלאָזט אין פעלד אַזוי קאַלט,
דאָס פייער צעפלאַקערט זיך באַלד.
עס טאַנצן די פונקען, אַ פראַכט,
זיי שיינען ווי שטערן ביינאַכט.
ס'איז וואַרעםביים פייער,
דאָס ליד איז אונדז טייער,
אַרום און אַרום דעם פינדזשאַן.

ס'געדענקט זיך, ווי איינמאָל ביינאַכט
געקומען איז חברה פון שלאַכט.
אין אויג איז געשטאַנען אַ טרער:
איין יאַט וועט ניט קומען שוין מער.
ניט וויינען, ניט קלאָגן,
ס'וועט ווידער באַלד טאָגן
אַרום און אַרום דעם פינדזשאַן.

דאָס פייער ברענט לוסטיק און פריי,
מ'זינגט און מ'לאַכט אויפדאָסניי.
אַ חלום גייט אויף און באַהעלט:
ס'וועט שלום נאָך זיין אויף דער וועלט.
ס'וועט שלום נאָך בליען,
מיר דאַרפן זיך מיען
אַרום און אַרום דעם פינדזשאַן.

(פון העברעאיש)

# גאָלדענע יאָרן

געדענקסט יענעם אָונט? מיר האָבן שפּאַצירט
און שעה'ען נאָך שעה'ען אַ שמועס געפירט . . .
געדענקסט יענעם טאָג, ווען מיר זיינען ביינאַנד
געקומען פאַרליבטע אַהער אינעם לאַנד?

צוזאַמען געטראָגן די וואָגיקע לאַסט,
צוזאַמען געוויינט און צוזאַמען געשפּאַסט;
צוזאַמען געפלאַנצט אויף דער דאָזיקער ערד,
אַז אויפגיין מיט פרייד זאָל, וואָס האַרץ האָט באַגערט.

געבליט האָט די פרייד, ווי אַ פרילינג־בלום בליט,
גערוישט האָט אין בלוט אַזאַ זומערדיק ליד;
און ליכטיק געשיינט האָט די טונקלסטע נאַכט,
ווי ס'וואָלטן די שטערן פון ביין אונדז באַוואַכט.

אָט קומט אונדז באַגריסן אַ יאָר אויף־דאָס־ניי, —
און ס'אָטעמט זיך לוסטיק און מונטער און פריי;
באַשיינען וועט ווידער די זון אונדזער וועג
אַזוי ווי אין יענע פאַרגאַנגענע טעג.

און שפּאַנען מיר וועלן אַנטקעגן קאַיאָר
צוזאַמען מיט אונדזער געמוטיקטן דור;
ביז ס'וועט זיך צעבליען מיט נחת און פרייד
דאָס פעלד, וואָס מיר האָבן מיט שווייסן פאַרזייט.

אָ, גאָלדענע, רוישיק־פאַרפלויגענע יאָר, —
זיי לויכטן היינט ווידער צעלויטערט און קלאָר!

(פון ענגליש)

# צו מיין ליד

איך קוק אויף דיר, מיין ליד,
מיט גאָר דעם ווי
פון אַ באַפּרוכפּערט מוטערס האַרץ —
פאַרצווייפלט און פ אַ ר ג ל י ב ט;
ס'קאָן זיין:
איר ליבע־פּרוכט באַשערט וועט זיין
אַרויסצוקומען ש ט ו ם און ט ו י ב . . .

ווער ווייסט, ווער שולדיק איז:
די שווערע צייט,
ירושה'ס זינד,
צי גאָר מיין נאַרישער געביין?
אָ, ליד,
דו ביסט דאָך מיינס,
און יעדן וואָרט איך שלייף
און יעדן — איך באַגרייף, —
נאָר רעד אַזוי,
אַז י ע ד ע ר זאָל פאַרשטיין . . .

אַ ים פון אויגן, אומגעדולדיק, האַרב,
אָן אויפהער גאַרט נאָך דיר
און וואַרט;
זיי וועלן אָפּשטעלן דיין טראָט
ביים סאַמע שוועל פון טיר,
ביים שוועל פון עמיצנס אַ האַרץ . . .

נאָר וויים:
די וועלט איז ברייטהאַרציק און גוט;
דערשרעק זיך ניט פאַר פראָסט
פון עמיצנס אַ קול, אַ בליק;
גיי, ליד,
און קלאַפּ אין מענטשנס הערצער אָן;
און טרעפסטו ניט, —
קלאַפּ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
נאָר קער זיך ניט צוריק . . .

(פון רוסיש)

# אויף וואַסערן שטילע

אויף וואַסערן שטילע, אין אָוונטן מילדע
עס איילט זיך אַ שיפל צום טונקעלן ברעג;
ניט ווייט פונעם טייכל, אין ישוב אין רייכן
עס וואוינט דאָרט אַ מיידל ביים וואַלדיקן וועג.

פאַרפּוצט, אויסגעצוואָגן, מיט גלי אין די אויגן
ער קומט זיך דערקלערן אין ליבע צו איר;
געזאָגט האָט זי נעכטן מיט פייער מיט רעכטן:
ניטאָ צו איר ליבע דער הייסער קיין שיעור.

פאַרטאָן אין אַ ביכל, אין פאַרביקן טיכל
זי זיצט זיך ביים פענצטער פאַר׳חלומ׳ט, פאַרקלערט...
ביז בלויען פרימאָרגן, אין פּיין און אין זאָרגן
דאָס איינזאַמע שפּאַנען פון בחור זיך הערט...

אָ, זומער פאַרטאָגן, ווער קען אייך פאַרטראָגן?
עס קלאַפּט אים פון אומרו אַ צאָן נאָך אַ צאָן;
נאָר שענער און קליגער פון מיידעלעך היגע
וועט ער ניט געפינען אין גאַנצן ראַיאָן...

און אפשר גאָר דאָרטן, ביים טויער פון גאָרטן,
וועט זי אים באַגעג׳נען מיט פרייד אין איר בליק
און זאָגן: „ניט ווייניק כ׳האָב ביכער געלייענט,
ניטאָ נאָך קיין בוך פון מיין ליבע און גליק...״

(פון רוסיש)

## הערסטו דעם רוף?

הערסטו דעם רוף, מיין פריינט?
ס'קלינגט איבעראַל;
ס'טראָגט זיך פון שטאָט און דאָרף
מעכטיקער שאַל.

שטורעמט מיט העלדן־מוט
ס'גאַנצענע לאַנד, —
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער גיב מיר דיין האַנט.

דרייסטער צום זיג!
פאָרויס, ברידער!
דרייסטער צום זיג!
פאָרויס, ברידער!

— — —

שטיי ניט פון ווייטן איצט,
רייף איז די צייט.
טאָג פון צערעכענונג
איז שוין ניט ווייט.

אויסברענען וועלן מיר
בלוטיקע שאַנד.
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער, גיב מיר דיין האַנט.

— — —

בייז איז דער פיינט און שטאַרק,
קריצט מיט די ציין.
לאָמיר צעשמעטערן
שונא'ס געביין.

ס'הייבן זיך די פעלקער אויף,
ברעכן די וואַנט.
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער, גיב מיר דיין האַנט.

(פון שפּאַניש)

# פעלקער מאַרשירן

אויף אַלערליי וועגן, דעם מאָרגן אַנטקעגן,
מאַרשירן די פעלקער אָן אויפהער פאָרויס.
עס רופן און מאָנען פון פרידן די פאָנען
און יאָגן דעם פחד פון הערצער אַרויס.

דעם קאָפּ ניט געבויגן, מיט זון אין די אויגן,
עס טראָגן, ווי אָדלערשע פליגל, די טריט;
ס׳וועט קיינער פאַרשטעלן אַ גאַנג אַזאַ העלן,
דעם מאַרש פון מיליאָנען, וואָס ווערן ניט מיד.

און אויב עס וועט פאַלן אין נעץ פון שאַקאַלן
אַ חבר, אַ קריגער, אַ מוטיקער העלד,
פאַרבייטן עס וועלן אָט דעם וואָס וועט פעלן,
חברים, ווי ער, פאַר אַ פרידלעכער וועלט.

צופוס און אויף באַנען, אויף דזשעט־עראָפּלאַנען,
אין שטילקייט פון נאַכט, אין פאַבריקן־גערויש, —
אויף אַלערליי וועגן, דעם מאָרגן אַנטקעגן,
מאַרשירן די פעלקער אָן אויפהער פאָרויס.

(אָריגינאַל)

# דאָס ליד פון די פאַראייניקטע פעלקער

עס טראָגט זיך אַ ליד צו די שטערן,
אַ מעכטיק געזאַנג פון דער ערד;
עס זינגען די פעלקער און שווערן:
דער שונא מוז ווערן צעשטערט!

כאָר: פאַראייניקט גייען מיר פאָרויס
מיט מוט באַזעלט;
צוזאַמען קעמפן ביז אַ זיג
פאַר אַ פרייער וועלט.

איר פעלקער, וואָס ליגן געבונדן
אין קייט פון טיראַנישער מאַכט, —
מיט פלאַמען פון פרייהייט צעצונדן
זאָל ווערן די פינצטערע נאַכט!

ווי ס׳העלט אויף די זון אין פרימאָרגן,
ווי ס׳פליסן די טייכן צום ים, —
וועט אויפגיין אַ לעבן אָן זאָרגן
פאַר קינדער פון מענטשלעכן שטאַם.

(פון ענגליש)

# חיים שוואַרץ בוך קאָמיטעט

## עקזעקוטיווע:

נייטן גאַרפילד — פּאָרזיצער; י. אשפּיז — סעקרעטאַר;
אהרון קוירטמאַן — קאַסירער.
חיים בוקרינסקי, מערי גאַרפילד, שלמה הימל, שמעון טרייבוש,
יוצי מארדען, שמואל פראַנצבלוי, נעט פּאַרמאַנסקי, ירחמיאל
פּאַרבער, פייגע פודענבערג, מערי ריטשמאַן, יוסף שאכנא.
**א. מאַימודעס, גינאַ מעדעם**

## ערן־ספּאָנסאָרס

נייטן און מערי גאַרפילד
אַרט און סאָניע גאַרדאָן
לינע קלאַפּערמאַן (אין אָנדענק פון איר מאַן סעם)
מערי ריטשמאַן (אין אָנדענק פון איר מאַן דוד)

## ספּאָנסאָרס

עוועלין אַלעקסאַנדער
(אין אָנדענק פון איר ברודער
פרענק בראַונסטיין)
סעם און פאַניע אַראַנאָוו
דאָרא טשערנאָוו
(אין אָנדענק פון איר מאַן לואי)

נעט און פעי פּאַרמאַנסקי
מיני פאלער
(אין אָנדענק פון איר מאַן מעקס)
יאַנקל און פעי שייפער
טשאַרלי און סאַרא וועקסלער

## ערן־מיטגלידער

חיים און חנה בוקרינסקי
נייטן און ליבקע באַגאַרד
מעקס און ליאַנא ברייטמאַן
מאיר און ראָוז גאָלדין
מעקס און רחל גיטלין
גוטמאַן און גרייס גערטלער
לואי און אידיט גערשענזאָן
(סט. לואיס)
סעם און פּאָולין גאָלדשטיין
גדליה און שרה געלער
סעם און מאָלי דאַרדיק
ראָזאַ היל

שמואליק און מערי הימל
ליובאַ הורוויץ
(אין אָנדענק פון איר מאַן נייטן)
דזשעק און ראָוז ווייסמאַן
פּאָלין וויטמאַן
משה וואָלקאָוויץ
ראָוז וואַנעטיק
חברים וואָלינסקי
דזשעק זובאָוו (סט. לואיס)
מישא און יאַיאַ טאַרלאַ
שמעון און מאָלי טרייבוש
חיים און מילדרעד לאָזניק

ישראל און דאָרא לאַקריץ
סאָניא יאבלאָן
(אין אָנדענק פון מישא יאבלאָן)
יוצי און ענא מארדען
חיים און פעי ליובין
סאל און אסתר מילער
ליאָ און קלאַרא ניומאַרק
נייטן און פרענסיס סענטער
סעם און דזשולי סניידער
שייקע סטראוס
(אין אָנדענק פון דאָרע׳ן)
פייגע פודענבערג
(אין אָנדענק פון איר מאַן נתן)
ענא קרופין
(אין אָנדענק פון איר מאַן נייטן)
מארטא קאפלאָוויץ
(אין אָנדענק פון איר מאַן מאָריס)
הערשל און סאָניא קאהן
אַ פריינט
בעטי פערווין
שמואל און איווע פראַנצבלוי
ליאָ און רעי פאַרבער
ירחמיאל און לינע פאַרבער
יוסף און ליליען קאָרן
אייב קאָרן
ענא קרופין
(אין נאָמען פון איר מאַן נחמן)
סעם און ענא קאופמאן
הערי און רבקה קאפלאן
שלום עליכם לייען קרייז
נייטן און ענא שאפירא
משה און גאָלדע שוואַרץ
חיים און פרידע שטיין
מאיר און לינע שאַץ
יוסף און איידע שאכנאָוו
עזרא און רות שטיין
שמחה ראָטענבערג

## מיטגלידער

יעקב און נעלי אשפיז
ליאָ און דאָרא אָקון
פעני און ארנאָלד בראון
בערגעלסאָן לייען קרייז
פ. בערנשטיין
סעם בערנשטיין
שרה בלומער
גאָסי בראדא
קלאַראַ בלומענפעלד
חנא און ראָוז גאָלדבערג
יוסף און ראָוז גרינשפאַן
(פעטאלומא)
באָריס און יעטא גורשטין
(פעטאלומא)
הערי און מערי גראומאן
אַנאַ גאטפריד
בערטא גאָלדין
ביטריס דעגלין
איזי און בעסי דיימאנד
(לכבוד זייער גאָלדענער חתונה)
אייב וויקטאר לייען קרייז
(סאן פראַנציסקא)
מאיר הורוויץ (ברוקלין, נ.י.)
פרידע ווישניאק (עלסינאָר)
סעם און סימא ווערניק
עליק ווייס
(אין אָנדענק פון איווע ווייס)
זווילער און אומגעגנט סאָסייעטי
סאל און לינע טעמני
יעקב און גאָלדע טשערניצקי
ב. ל. טשערנאי
מאַרטין און שרה יודעלעוויטש
דייוו און עוועלין ליף
לאָמעד שאַפירא לייען קרייז

פרידע לעוויט
(אין אָנדענק פון מאָריס לעוויט)
אברהם און לוסי לעכאוויצקי
(ניו יאָרק)
סאל און לאָרא לין

ראוז מאגיל
(אי אָנדענק פון אייב מאגיל)
י. מאַרקוס
בערל מעלאַמעד
פרעד און רעגינא מארדען
אַ פריינט
(אין אָנדענק פון רובי מאסט)

איליי און חנה ניסל
סעם און ח. נעזנאנסקי

הערי און ליליען סווערדלאָוו
(עלסינאָר)
לילי סילק
מעקס סטראסבערג
מאָריס סווידער (עלסינאָר)

עני פלאם
(אין אָנדענק פון באַרני)

**דיוויע באַיארסקי**
**דאָראַ ביירעק**
**קלאַראַ בערעזין**
**ביטרים**
**יעווא בערגאַוואַי**
**(ניו־יאָרק)**
**שאול האַפמאַן**
**הירש גליק לייען־קרייז**
**סיטי טערעס קולטור קלוב**

דאָרא פאפלער
(אין אָנדענק פון דזשוליוס)

באָריס און ראָוז צימערינג

פרידע קינג
נייטן און איידא קארפילאָוו
אנא קרייט
(אין אָנדענק פון סעם)

ס. ראטינאוו (עלסינאָר)
ש. י. רעלין
יוסף ראפאָפּאָרט
הערי און זאשע ראבין
י. א. ראַנטש לייען קרייז
מעקס און מאַניא ריטש
בנימין און מאַניע ראָזענפעלד
אברהם רייזין קולטור קלוב

אייב און דאָרא שניידער
דזשוליוס און עלסי שולמאן
רחל און נפתלי שטיין (פעטאלומא)
מאָריס און דאָריס שינבאן
גאָרדאן שטיינבערג
עמא לאזארוס פרויען קלוב (עלסינאָר)

**שיקאַגאָ קולטור קלוב**
**אידישער פאָלקס־כאָר**
**אידישער קולטור קלוב**
**(סאַן פראַנציסקאָ)**
**נייטן און עוועלין דעי**
**סעם און דזשעני פאָגל**
**אסתר פינפער**
**דזשין צעפקין**
**מאָריס רעזניק**

# אינהאַלט

## מיין היים און מיין לאַנד


אין שיין פון באַגינען — 7

דאָס וואָרט איז הייליק — 8

וואו ביסטו, נביא — 9

זון איבער וואָלקנס — 11

היים און וועלט — 12

צוזאַמען — 14

ס'קען זיין — 15

עס טרעפט — 16

ווער לעסטערט היינט דיין נאָמען 17

שלום־טויבן — 20

שלום — 21

דער פרעמד־געבאָרענער — 23

דער וואונדיקער שראַם — 25

בען טרע — 26

מיין היים און מיין לאַנד — 27

אַ דאַנק — 33

די שטאָט פון מלאכים — 34

פעטאלומא — 36

דער שפאלירער־דיכטער — 39

די טרער פון טרעבלינקע — 42

אין רחמים בדין — 44

כ'שטרעק אויס מיין האַנט צו דיר 46

עס טאָר ניט געשען — 50

גוט איז אַ גאַסט צו באַגעגענען - 51

נעמט מיט די גרויסן אונדזערע — 52

מיין אַנגעלייגטער גאַסט — 54

ניטאָ קיין האַרץ — 56

שלום שרייסטו — 57

דער אָפּגעבראָכענער צווייג — 58

אין טיפן צער — 61

דער בעל רחמים פון בערשאַד — 63

אין די בערג פון קאַרייע — 64

וויפל איז דער זייגער? — 66

מיינע וועגן — 68

ער איז דאָך מיין שכן — 69

אַ שלאָפלאָזע נאַכט — 70

גיב ניט קיין מעסער — 72

עס דאַכט זיך אָפּט — 73

ניי־יאָר לידער — 74

ווען איך זע: אַ חבר קלייבט זיך 79

מענטשן־ביימער — 86

אונדזער קולטור־בנין — 87

ביכער אין די שראַנקען — 88

בענטש די שעה — 90

צוויי רויזן — 91


## טיפע וואָרצלען


מיין פאָלק — 95

אידיש — לשון מיינס — 100

דער אָנהויב פון מיין ליד — 105

די ערד, די ליבע ערד — 108

אַ גוט יום־טוב דיר, מאַמע — 110

מיר הויבן ווידער פולן כוס — 112

דער אוצר פון דיין געמיט — 115

„מדבר־בלום" — 117

קינדער־טעג פאַרפלויגענע — 118

די גאָלדענע שליסלען — 122

דאָס מיידל פון טאמאַשאָוו — 125

משה (פאָעמע) — 129

ס'איז גוט — 135

זלמן און לאה'קע (באַלאַדע) — 137

דער אויפשטאַנד אין דער געטאָ 153

וואַנדערט, וואָלקנס — 155

זייער ליד אין האַרץ זיך טורעמט 156


## אין חברשאַפט און פריינטשאַפט


חבר'שאַפט — 159

ווען ס'דרייט אין דרויסן — 160

אַז וואויל איז צו דעם — 161

מיין האַרץ איז אָפן — — — — — — 163
דער פֿאַלק־זינגער — — — — — — 165
ס'איז פֿול דאָס האַרץ — — — — 167
אין טאָג פֿון דיין געבאָרן — — — 168
עס שמייכלט דער קנייטש — — — 170
צוליב אַ וואָרט — — — — — — — 172
עס האָט די לאַנגע נאַכט — — — 173
די נאַכט און דאָס ליכטל — — — 174


## מיט מיינע לידער


לידער מיינע, קינדער מיינע — 179
מיין שרייב־מאַשין — — — — — — 180
אַ פֿאַרלאַנג — — — — — — — 182
איך בין נאָך אַלץ פֿאַרליבט — 183
דאָס ליד פֿון האַרץ — — — — — 184
דאָס ערלעך וואָרט — — — — — 187
ער האָט פֿאַר זיי געלייענט — 188
לידער־בלומען — — — — — — — 189
שטילע שטימען — — — — — — — 190
אַ זעמדל בלויז — — — — — — — 191
אַ בעל־חוב בין איך — — — — — 192
אָ, ווען מיין ליד — — — — — — 193


## צווישן שפּיטאָל־ווענט


אַ דאַנק דיר, פֿרימאָרגן — — — — 196
אָטש הרג'ע מיך: — — — — — — 197
ביסט היינט ניט געקומען — — — 199
די זקנים — — — — — — — — 200
די קראַנקן־שוועסטער — — — — 201
דו גייסט מיר נאָך — — — — — — 202
כ'שיק יעדע נאַכט אַ בריוול —<br>דערשרעק זיי, נאָר זאָלסט — 203
ניט שטראָפן — — — — — — — 204
און אפשר וועט מאָרגן — — — — 205
איך ליג אין בעט — — — — — — 206
וואָס האָט זיך צע'ברוגז'ט<br>דער פּאַסיפיק — — — — — 207
אַז וואויל — — — — — — — — 208
זיי קומען — — — — — — — — 209
אַ חבר'שער האַנט־דרוק — — — 210
אויפן זוניקן וועג (פּאָעמע) — — — 211


## איבערזעצונגען


מענטשן — — — — — — — — 235
דער וועג — — — — — — — — 236
דער צוואה־שטיין — — — — — — 237
קאַטיושא — — — — — — — — 238
דער רויטער קוסט ביים טייכל — 239
אויפן בערגל — — — — — — — 240
דאָס סיבירער ליד — — — — — — 240
די פֿאָן פֿון שלום — — — — — — 241
דאָס ליד פֿון שלום — — — — — 242
נאַכט פֿון רויזן — — — — — — — 243
דער וועג אַהיים — — — — — — — 243
מאָסקווער אָוונטן — — — — — — 244
פינדזשאַן — — — — — — — — 245
גאָלדענע יאָרן — — — — — — — 246
צו מיין ליד — — — — — — — — 247
אויף וואַסערן שטילע — — — — 248
הערסטו דעם רוף — — — — — — 249
דער מאַרש פֿון פֿעלקער — — — 250
דאָס ליד פֿון די<br>פֿאַראייניקטע פֿעלקער — — — 251

ספּאַנסאָרס — — — — — — — 252